(38 ·ב)
Vi2 [illegible] 11 62

בולעטין 15

January 1969

זשעלעבאָווער בולעטין

ד. בן-גוריון

דערשיינט זינט 1948, ארויסגעגעבן פון דער
זשעלעבאָווער משפחה צעשפרייט איבער דער וועלט.

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

„זשעלעכאָווער בולעטין״ נומער 15 דערשײנט אין פאנאמא

רעדאקציע: ליבוש ווײסלעדער(לעאָ ווים) שיקאגאָ

שעלעק אלטמאן פאנאמא

פארוואלטער: מלכהלע פרוכטענבערג ברוקלין

אינהאלט : בולעטין נומער 15

דוד בן גוריון ג. סמעט 1
מדינת־ישראל בן גוריון 7
גרויסקײט פון רמבם דר העשיל קלעפפיש 23
אונזער משה אחד העם 30
פראָמעטײ ש.פרוג מ.ז.טקאטש 33
בראנדעס וועגן ביאליקן זילבערבערג 43
ווען זעקס מיליאָן זײנען אומגעקומען ש. 49
וואָרט,וועלט,בוך מ.ראוויטש 58
זעקס טעג פארטיזאן,פּאָעם,א.קאָוונער 63
געטאָ אויפשטאנד אין ווארשע 68
ליטעראַרישע נײעס פון אונזער משפחה 71
מדינת ישראל זוכט איר פאָלק י.רבין 77
קענעדי,קינג און קענעדי נ. גאָלדבערג 85
בײם סועץ קאנאל יהודה בן שלום 88
אויסטראליע גדליהו אָשלאק 85
אונזערע טעטיקײטן מלכהלע 102
פון יענער וועלט...ה. בירענבוים 108
באריכט פון גמילת חסדים קאסע א.לעדערמאן 124
א טאָג אין בירקענבוי אנקערמאן 145

Digitized by Project Zikaron
Touro University-NY Libraries
www.zikaron.tourolib.org
2025

זשעלעבאָװער בולעטין

דוד בן גוריון — דער בן שמונים

גרשון סװעט

(שטריכן װעגן זײן פּערזענלעכקײט)

לכבוד זײן אכציקסטן געבוירנטאָג װערט בן גוריון געפײערט אין ישראל, אויך אין א רײע לענדער װאו ייִדן װאוינען. זײט דער אזויגערופענער לבון־אפערע, איז בן גוריונס פּרעסטיזש אין א באדײטנדער מאָס, געפאלן. די שפּאלטונג פון דער מפאי, װאָס איז בעיקר מעשה ידיו, דאָס באשמוצן לוי אשכולן װאָס איז בײ בן גוריון געװאָרן כמעט א מעשה שבכל יום, דער זאָג, אז לבון האָט געגעבן א באפעל צו שיסן אף די אראבישע מאסן, װאָס די אראבישע װעלט האָט עס תּיכּף אויפגעכאפּט און עס געבראכט אין זײערע צײטונגען מיט קידוש לבנה אותיות און נאָך א רײע מעשים זײנע, האָבן גורם געװען װאָס בעת די לעצטע װאלן אין נאָװעמבער 1965, האָט בן גוריונס שפּליטער־פּארטײ ״רפי״ פון די 120 פּלעצער אין כנסת באקומען בסך הכל 10. אין 1961 האָט בעת די פּארלאמענט װאלן פיגורירט א זײער געלונגענער סלאָגאן ״הגידו בן לזקן״ (זאָגט יאָ צום אלטן) װאָס האָט געמײנט שטימט פאר זײן װאל־צעטל). אסך אָנהענגער זײנע װאָס האָבן דעמאָלט, אין 1965 געזאָגט ״בן לזקן״ האָבן זיך פון אים אָפּגעקערעװעט צװישן זײ א גרויסער טײל משכילים, אוניװערזיטעטס־פּראָפעסאָרן, שרײבער, פּארטײ־עסקנים, װאָס זײנען צענדליקער יאָרן געװען בן גוריונס הײסטע חסידים..

****

ניט געקוקט דערויף, איז בן גוריון נאָך אלץ פארן גרעסטן טײל אין ישוב דאָס װאָס פּילסודסקי איז געװען פאר די פּאָלאקן, מאסאריק פאר די טשעכן, טשורטשיל פאר די ענגלענדער. בן גוריון איז דעם 30טן אויגוסט צו דער פײערלעכער דערעפענונג פון דעם נײעם כנסת בנין ניט געקומען. ער האָט געהאלטן, אז מען האָט אים באדארפט מכבד זײן מיט בעטן אים האלטן א רײדע, און היות װי דאָס איז ניט געשען איז ער ניט

געקומען צו דער פייערלאכער צערעמאָניע.אָבער בעת דער כנסת־פאָרזיצער קדיש לוז האָט אין זיין ריידע דערמאָנט דעם נאָמען פון בן גוריון האָבן אלע פינף טויזנט אָנוועזענדע היים אפלאָדירט. וואָלט ער זיך באוויזן ביי דער פייערונג וואָלטן אלע 5,000 אויפגעשטאנען פון זייערע פלעצער און אים שטורמיש באגריסט.

****

אין די 18 יאָר וואָס זיינען פארגאנגען זייט די מדינה איז געגרינדעט געוואָרן, זיינען וועגן בן גוריון דערשינען אפשר א טוץ ביכער אין פארשידענע שפראכן און אסך טויזנטער ארטיקלען.דעראמעריקאנער שרייבער ראָבערט סט.זשאָן, ניט קיין ייד, דער מחבר פון א רייע ביאָגראפיעס, בתוכם אויך איינע וועגן בן גוריונען (אגב. איינע וועגן נאסארן)אין וועלכער ער זאָגט, אז בן גוריון איז אן „אפּאָקאליפטישע געשטאלט, א פּאָליטיקער וואָס איז פון דער השגחה געגעבן געוואָרן צו זיין פאָלק, א נביא אין ציווילע קליידער, א לייב פונעם ציוניזם (?)־בן גוריון, שרייבט סט.זשאָן אין זיין בוך־געהערט צו די צען מענטשן פון אונזער תקופה וואָס משרייבט וועגן זיי מער ווי מען שרייבט וועגן געוויסע מלכים, פּרעזידענטן א.א.וו.

בן גוריון איז עולה געווען קיין ארץ ישראל פון פוילישן פּלאָנסק צוריק מיט 60 יאָר, אין 1906.עס איז פאראן א פאָטאָ פונעם יאָר 1907, אף וועלכן מזעט ארבייטערפונעם ווינקעלער אין ראשון לציון, בחורים אין זייערע ארבייטס־קליידער, אלע יונגע פנימער.אין דער מיט שטייט א בחור מיט א שויבער האָר אפן קאָפּ, ענערגיש פנים פארביסענע ליפּן, די הויזן פארקאטשעט ביז צו די קניען. ער הייסט דוד בן גרין.איז ערשט מיט א יאָר צוריק עולה געווען קיין א"י, שפּילט שוין אָבער א ראָלע אלס קעמפער פאר בעסערע ארבייטס־תנאים אין ווין־קעלער.איז עס א צופאל וואָס בן גוריון שטייט אפן בילד אינמיטן און די אנדערע רינגלען אים ארום, אָדער די ארבייטער אין ווינקעלער האָבן שוין דעמאָלט, מיט 60 יאָר צוריק, געשפּירט, אז זה הקטן גדול יהיה, אז אָט דער בחור פון פּלאָנסק וועט אמאָל ווערן דער פירער פונעם ישוב, אפשר פונעם יידישן פאָלק בכלל ?

******

דער טערקישער מושל פון פאלעסטינע, דזשעמאל פאשא, אן אכזר און ברוטאלער מענטש, האָט ארויסגעוויזן א פּאָליטישן חוש ווען ער האָט באלד אין דער צייט פון ערשטן וועלט־קריג, דעפּאָרטירט בן גוריונען, צוזאמען

מיט זײן פרײנט יצחק בן צבי, זײ פארטריבן„אף אײביק״פון ארץ ישראל, זײ בײדע זײנען דאן געפאָרן קײן אמעריקע,װאו זײ האָבן פארבראכט די יאָרן פון ערשטן װעלט־קריג.זײ האָבן זיך אָנגעשדאָסן אין דעם „ײדישן־לעגיאָן״ װאָס איז געגרינדעט געװאָרן צו העלפן דעראָבערן א״י און אין 1921 זײנען די בײדע„פארטריבענע אף אײביק„צוריקגעקומען קײן א״י. 27 יאָר שפעטער איז בן גוריון געװאָרן דער ערשטער פרעמיער פון דער אויפגעלעבטער מדינה און נאָכן טויט פון ד״ר חיים װײצמאן אין 1952 איז דער צװײטער אף„אײביק פארטריבענער״ געװאָרן כראָנאָלאָגיש צװײטער פרעזידענט פון דער מדינה.

******

דאָ אין אמעריקע באצײכנט מען אײניקע ײדישע עסקנים אומגערעכט אלס„ארכיטעקטן פון מדינת ישראל.״ די גרינדונג פון מדינת ישראל קאָן ניט אידענטיפיצירט װערן מיט קײן שום פערזאָן פון א יחיד.עס איז געװען א פראָצעס װאָס האָט זיך געצויגן עטלאכע דורות.די װאָס האָבן גורם געװען צו דער היסטאָרישער געשײעניש פון 14טן מאי 1948 זײנען געװען: די „בילוים,״די ײדישע סטודענטן פון רוסלאנד,װעלכע זײנען אָנהויב די אכציקער יאָרן עולה געװען קײן ישראל און האָבן געגרינדעט דאָרט די ערשטע קאָלאָניע: דער נדיב הידוע,דער באראָן עדמאָנד ראָטשילד,װאָס מיט זײנע געלט־מיטלען איז דערװאָרבן געװאָרן די העלפט פון דעם באָדן װאָס איז געװען אין ײדישן באזיץ װען די מדינה איז אנטשטאנען,די צװײטע און דריטע עליות מיט זײער חלוציזם און אידעאליזם: די הילף פונעם װעלט־ײדנטום בפרט פון דעם אמעריקאנישן:און צולעצט ־דער העראָאיזם, די העלדישקײט פון די קעמפער אינעם אזוי גערופענעם באפרײאונגס־קריג װאָס האָט געקאָסט דעם ישוב טויזנטער ײנגע לעבנס ־קאָן מען אָט דעם פראָצעס אידענטיפיצירן מיט דער אָדער יענער פערזײנלאכקײט,מיט דעם אָדער יענעם יחיד ־?

******

גלײכצײטיק איז אָבער קלאָר,אז די אנטשײדענע ראָלע אין יענע היסטאָרישע טעג האָט געשפילט די אנטשלוס־קראפט פון בן גוריונען־ די פירער פון דער ײדישער אגענטור זײנען פון אסך זײטן געװאָרנט געװאָרן ניט צו פראָקלאמירן א ײדישע מדינה,װײל די אראבישע ארמײען װעלן גלײך באפאלן דעם ײנגען ישוב און מאכן א סוף צו אים.

אין די לעצטע טעג איז געקומען קיין ישראל א גאָר אָנגעזעענער פירער און האָט מיטגעבראכט א געוויסע גוט געמיינטע וואָרנונג פונעם גענעראל מארשאל. ער האָט געצווייפלט און אסך האָבן געצווייפלט צי מען זאָל דערקלערן די אנטשטייאונג פון מדינת ישראל. ניט געצווייפלט האָט בלויז בן גוריון און זיין כוח החלטה האָט אנטשידן.

די כנסת איז צוערשט געווען אין תל אביב. באלד אָבער האָט בן גוריון באשלאָסן איבערצופירן די כנסת קיין ירושלים, ניט רעכנדיק זיך מיט דעם שטרעבן פון דער„יונייטעד־נײשאָנס„ צו אינטערנאציאָנאליזירן ירושלים. מער פון אלע האָט בן גוריון דעריבער געהאט דאָס רעכט בײ דער צערעמאָניע פון 30סטן אויגוסט צו האלטן א ריידע. אָבער נאָך זיין באשמוצן אשכולן בײ יעדער געלעגנהייט האָט מען אים געקאָנט אוועקזעצן אויבנאָן, נעבן אשכולן ? די שולד וואָס מהאָט אים ניט געגעבן צו ריידן איז געווען זיינע און ניט פון די אנדערע.

****

„זקן סוער ומסעיר„ א שטורמישער און שטורמדיקער אלטער ־האָט אים דער„הארץ„באצייכנט. און מיט 80 שטורמט ער נאָך אלץ ווי ער האָט געשטורמט אין אי״ מיט א 50־60 יאָר צוריק ווען ער האָט געגרינדעט דעם„השומר„קעגן דעם ווילן פון די אלטע קאָלאָניסטן. פונעם „השומר„איז ארויסגעקומען די הגנה, פון דער הגנה דער צה״ל, די ארמיי פון ישראל. ווען מומחים האָבן אים געזאָגט, אז אויך מיט אסך וואסער קאָן מען דעם נגב ניט פרוכטבאר מאכן, איז זיין תשובה געווען: גיט מיר אנדערע מומחים ! ער האָט אמאָל געהאלטן א רעדע אף א יודאאיסטישן קאָנגרעס אין ירושלים, אין וועלכער ער האָט געזאָגט, אז יידן האָבן אסך מאָל געהאט די מעגלאכקייט אין די צוויי טויזנט יאָר צו גרינדן א מדינה אין ישראל, עס האָט אָבער געפעלט דער ווילן דערצו. מקאָן דערויף אים ענטפערן און אָפּפרעגן זיין טעזע, אָבער עס איז כאראקטעריסטיש פאר אים, פאר זיין פילאָזאָפיע פון „אם אין אני לי ־מי לי? דאָס איז אף דער ליניע פון זיין באוואוסטזיין זאָג, אז „עס איז ניט וויכטיק וואָס די גוים וועלן זאָגן, נאָר וויכטיק וואָס די יידן וועלן טאָן...

ער איז געווען איינער פון די ערשטע וואָס האָט ניט געגלויבט אז די ענגלענדער וועלן מקיים זיין זייער צוזאָג פון דער באלפור־דעקלעראציע אויפצושטעלן א בית לאומי אין ארץ ישראל.

און ווען ער האָט זיך איבערצייגט אין דעם האָט ער גענומען טרייבן א פאָליטיק פון באפרייען דאָס לאנד פון די ענגלענדער, הגם ער איז תמיד געווען קעגן דעם טעראָריזם פון „אצל" און „לחי". נאָך א שטורמישער דעבאטע מיט ערנסט בעווין, וואָס איז געווען א שונא ישראל, האָט דער ענגלישער מיניסטער חוזק געמאכט פונעם „קליינעם יידל וואָס פארמעסט זיך צו באקעמפן די ענגלישע אימפעריע". בעווין האָט נאָך געלעבט ווען מדינת־ישראל איז אנטשטאנען און ווען „דאָס קליינגעוואוקסיק יידל" איז געוואָרן איר ערשטער פרעמיער. איך האָב געזען בעווינען אין דער „יו־ען" ווען ער איז ארויסגעגאנגען פון זאל ווען משה שרת האָט באשטיגן די רעדנער־טריבונע.

די פוילישע יידן נייגן זיך צו ראָמאנטיק און מיסטיציזם. ניט אומזיסט האָבן אין פוילישן יידנטום געפונען א גינסטיקן באָדן דער חסידיזם און די שבתאי צבי באוועגונג. בן גוריון גלויבט באמונה שלמה, אז אָך אונזער דור איז ארויסגעלייגט געוואָרן די היסטאָרישע מיסיע צו גרינדן די מדינת ישראל. ער איז ניט קיין נביא, אָבער א ניצוץ פון די אמאָליקע נביאים טראָגט ער אין זיך. זיין זיידע – דערציילט ער – איז געווען א הייסער חסיד פון לעוו טאָלסטאָי. בן גוריונס זיך צוריקציען קיין שדה בוקר דערמאָנט אין טאָלסטאָיס אוועקגיין פון יאסניא־פאָליאנא.

מקאָן בן גוריונען ניט מעסטן מיט געוויינלאכע מאָסן. ער איז א גרויסער מענטש און א גרויסער ייד. זיינע מעשים זיינען גרויס און אויך זיינע פעלערן זענען גרויס.. זיין נאָמען וועט פארבלייבן אין דער געשיכטע אלס א נאָמען פון איינעם פון די גרעסטע יידן פון אונזער תקופה.. (פון זשורנאל – זיין)

* * *



דוד בן־גור־ין און זיין פרוי, פאָטאָגראַפירט אין ניו־יאָרק, אין 1918



דוד בן־גוריון גיט אַ מנורה, אַ מתנה, צום פּרעזידענט טרומאַן צו זיין 67טן געבורטסטאָג.
אין מיטן שטייט אבא איבן, ישראל׳ס אַמבאַסאַדאָר אין וואַשינגטאָן.



ד. בן־גוריון D. BEN-GURION

מדינת ישראל און כלל-ישראל

פון דוד בן גוריון

ישראל, די מדינה וואָס מיר שטעלן איצט אויף, איז נים די ערשטע אין דער געשיכטע פון אונזער פאָלק. פאר דער גלות־תקופה, וואָס האָט געדויערט ניינצן הונדערט יאָר, ביז דער באַניאונג פון אונזער זעלבסטשטענדיקייט, זיינען געווען אנדערע צוויי תקופות:

די פון בית־ראשון און פון בית־שני. איין היסטאָרישער גרונטפאקט האָט אָבער געהערשט סיי פארן ערשטן סיי פארן צווייטן בית און וועט אויך הערשן פארן דריטן: דאָס זעלבסטשטענדיקע ידישע פאָלק איז פון תמיד אָן געווען א קליין פאָלק, זיינע שכנים זיינען אלע מאָל געווען גרעסער און רייכער אין צאָל. דער דאָזיקער גרונטפאקט האָט געבראכט עטלאכע טראגישע רעזולטאטן פון פאָליטיש־אינטערנאציאָנאלן כאראקטער. ער האָט אָבער געהאט אויך א פאָזיטיוון עפעקט, וואָס האָט געהאט א דעצידירנדיקע השפעה ביים אויספאָרמירן אונזער געשטאלט: סאיז נתעלה געוואָרן אונזער גייסט.

די ענערגיע און דער זשעניע וואָס אונזער נאציע האָט פארמאָגט, זיינען אויסגענוצט געוואָרן נים פאר דעראָבערונגען און אימפעריאליסטישע שטרעבונגען נאָר פאר גייסטיקע, אומשטערבלאכע שאפונגען. מיטן כוח פון די דאָזיקע יצירות האָבן מיר אָפגעהיט אונזער קיום, ווען אונזער זעלבסטשטענדיקייט איז צעשטערט געוואָרן און מיר זיינען צעשפרייט געוואָרן צווישן אנדערע פעלקער. מיטן זעלביקן כוח האָבן מיר אויך אין אונזערע צייטן געשאפן דעם וואונדער פון אויפלעבונג — א וואונדער וואָס האָט נים זיין גלייכן אין דער געשיכטע פון פעלקער.

* * *

די באַנייטע ישראל וועט נים האָבן קיין קיום, אויב זי וועט זיין ענלאך צו די לעוואנטינישע לענדער וואָס רינגלען זי ארום. יעדער פאָלק דארף שטרעבן צו גייסטיק־קולטורעלער גרויסקייט. לגבי ישראל אָבער איז

דאָס ניט בלויז א געוואונטשענער ציל־דאָס איז איר גורל,איר מיסיע און א פראגע פון עקזיסטענץ.דערצו זיינען מיר באשאפן געוואָרן.מיר וועלן זיין א פאָלקסאיינהייט־אויב מיר וועלן זיין א לייבטורם פאר אלע פעלקער.מיר וועלן אָפהיטן אונזער יחוד,און איינזאמלען אונזער צעזייט און צעשפרייט פאָלק נאָר דעמאָלט,ווען מיר וועלן זיין א מוסטער־מדינה. און די דאָזיקע מעגלאכקייט עקזיסטירט ניט ערגיץ אין די הימלען,נאָר אין אונז גופא,טיף אין אונזער נשמה.אויב מיר וועלן זיך אָנשפארן בלויז אף מיליטער און קראפט וועלן מיר אָנטרעפן א נאָך שטארקערע ארמיי און א נאָך גרעסערע קראפט.אונזער גרויסער גייסט האָט אונז געמאכט פאר אן אייביק פאָלק,האָט אונז אָפגעהיט פון אונטערגאנג,האָט אונז געשטארקט אז מיר זאָלן ביקומען אונזערע שונאים און אויפשטעלן צום דריטן מאָל די זעלבסטשטענדיקע ישראל.און דאָס איז נאָך ניט אלץ, דאָס גרויסע און דערהויבענע שטייט אונז נאָך פאָר.סאיז ניטאָ קיין שום סבה פארוואָס מיר זאָלן ניט זיין צווישן די ערשטע אין דער מלוכה פון גייסט.

* * *

ניטאָ קיין נאקעטער אפסטראקטער גייסט וואָס זאָל ניט זיין פארבונדן מיט פיזישער עקזיסטענץ.אָן א ווירטשאפטלאך לעבן,אָן א מדינה און אָן א געזעלשאפט קאָן ניט געמאָלט זיין קיין גייסטיק לעבן.די ווירקלאבע ווירקלאכקייט,די וואָס בילדעט אונז אויס און מיר בילדן זי, שטעלט מיט זיך פאָר א סינטעז פון מאטעריע און גייסט.דאָס אָפטיילן מאטעריע פון גייסט איז קינסטלאך און פאנטאסטיש .אין דעם ממשותדיקן דאָזיין האָט עס ניט קיין בארעכטיקונג.גייסט איז די העכסטע אנטפלעקונג אין לעבן פון מענטש און פאָלק,ווי אויך אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט.ער איז אָבער ניט די איינציקע אנטפלעקונג און זיין קיום קאָן ניט געמאָלט זיין אָן אנדערע לעבנס־אנטפלעקונגען וואָס זיינען אפהענגיק פון קראפט און מיליטער.אונזערע אמאָליקע חכמים האָבן שוין געוואוסט דעם פשוטן און דאָך דערהויבענעם אמת: אז אָן „תורה" קאָן ניט זיין קיין „קמח" און אָן „קמח" קאָן ניט זיין קיין „תורה".

* * *

דאָס יידישע פאָלק וועט דערפילן זיין גרויסע היסטאָרישע מיסיע אין דער מלוכה פון גייסט ערשט דעמאָלט, ווען דער עקאָנאָמישער קיום

ווען פארזיכערט ווערן אין זיין פאָטערלאנד, ווען זיין פּאָליטישער מעמד צווישן די פעלקער און דער שלום ווען זיין גאראנטירט דורך זיין זעלבסטשטענדיקן כמח־די ווייטערדיקע שורות זיינען אָפּגעגעבן דער עקר די פּראָבלעמען פון זיכערקייט און דער אינטערנאציאָנאלער פּאָזיציע פון ישראל.

* * *

אין דעם דאָזיקן פּרט איז דער איצטיקער מצב אונזערער אין תוך אנדערש פון אונזער מצב אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני. אין יענע צייטן זיינען מיר געווען ארומגערינגלט פון פיל פעלקער, גרויסע און קליינע. אלע זיינען על פּי רוב געווען פיינטלאך געשטימט צו אונז, אין זעלטענע פאלן, זיינען איניקע פון זיי געשטאנען מיט אונז אין פריינטלאכע באציונגען. די שכנים האָבן אָבער פיינט געהאט ניט בלויז אונז אליין, נאָר אויך איינער דעם צווייטן. זיי פלעגן כסדר רייסן זיך און קאָנקורירן צווישן זיך. דעריבער האָבן מיר אין קאמף פאר אונזער קיום און זיכערקייט געקאָנט לאווירן און אויסנוצן איינער קעגן צווייטן. אין דוד און שלמהס צייטן, למשל, זיינען די מלכים פון צור געווען אונזערע געטרייע בני־ברית. ביידע גרויסע אימפּעריעס, מצרים און אשור(בבל) וואָס האָבן געוואָלט איינע די צווייטע איינשלינגען, פלעגן כסדר קאָנקורירן צווישן זיך, און ווען ניט די שפּאלטונג וואָס איז געקומען נאָך שלמהס טויט, וואָלט אפשר מלכות ישראל, און נאָך איר מלכות יהודה־אזוי גיך ניט אונטערגעגאנגען...

* * *

...די גרויסע באדייטונגספולע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין אונזער מצב, אין פארגלייך מיט די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני, איז דאָס וואָס צום ערשטן מאָל אין אונזער געשיכטע איז ישראל ארומגערינגלט פון אלע יבשה זייטן־ דורך איין און איינציק פאָלק, הגם נאָך ניט פאריייניקטס: דורך דעם אראבישן פאָלק. דער גאנצער מיטל מזרח, אָנהויבנדיק פון דרום טערקיי און דער רוסישער גרעניץ אין קאווקאז, אויך פון מערב זייט פון פערסיע, און אלע ברעגן פון צפון אפריקע, פון דער עגיפּטישער גרעניץ ביזן אטלאנטישן אָקעאן־־שטעלט מיט זיך פאָר איין מאסיוו פון פיר מיליאָן קוואדראט מייל, באזעצט פון אראביש ריידנדיקע מוסלמענישע פעלקער, וועלכע ציילן ארום זיבעציק מיליאָן נפשות.

צווישן זיי געפונען זיך,אמת,אויך קריסטלאכע מיעוטים אין לבנון און עגיפטן,קורדן און פערסן אין איראק,דרוזן אין סיריע. די דאָזיקע מינדערהייטן,הגם ניט קליין אין צאָל,פארמינערן אָבער ניט דעם אראביש־מוסלמענישן כאראקטער פונעם דאָזיקן ריזיקן בלאק..

* * *

עס זיינען אויך פאָרגעקומען אנדערע וויכטיקע ענדערונגען זינט דעם בית־ראשון און בית־שני.אין דער אלטער תקופה,דאָס הייסט אין די צייטן פון רוים,איז דער מיטלענדישער ים געווען דער צענטער פון דער וועלט. דאָ האָט געלעבט דאָס יידישע פאָלק און דאָ האָבן געלעבט זיינע שכנים.די גאנצע קולטור פון די פעלקער,מיט וועלכע מיר זיינען געקומען אין באַרירונג ביז דער היינטיקער צייט,האָט געשטאמט פון די לענדער ביים מיטללענדישן ים...

* * *

די דריטע ישראל־מדינה איז אנטשטאנען אין א וועלט וואָס האָט זיך אין דער צווישנצייט גרינטלאך געענדערט.די לענדער,וואָס ליגן נאָענט פון ישראל,זיינען דעגראדירט געוואָרן. מצרים און בבל(עגיפטן און איראק) זיינען איצט פאראָרימטע און גאנץ אָפגעשטאנענע לענדער.די איבעריקע פעלקער פון מיטללענדישן ים,בתוכם די גריכן און די איטאליענער,שפילן שוין ניט דעם ערשטן פידל.זייער גייסטיקע גרויסקייט געהערט שוין צו דער געשיכטע.דער צענטער פון קראפט און קולטור איז אריבער פון ים התיכון ברעגעס צו די ברעגעס פון אטלאנטישן אָקעאן־די פאראייניקטע שטאטן־און צום מעכטיקן אייראָפייאיש־אזיאטישן בלאק,וואָס הייסט אין אונזערע צייטן, דער ראטן־פארבאנד.די לענדער פון מיטלן מזרח זיינען פארוואנדלט געוואָרן אין מיטלמעסיקע פראָווינצן,וואָס זיינען ניט מכריע אין דער גלייכוואָג פון די כוחות אף דער וועלט.די קליינע,יונגע ישראל אין מיטעלן מזרח שטייגט איבער אלע אירע שכנים מיט אירע גייסטיקע אוצרות,מיט איר קולטור און מיט אירע שעפפערישע מעגלאבקייטן.

* * *

א צווייטע גרויסע ענדערונג איז פאָרגעקומען וואס איז רייך אין רעזולטאטן:די גאנצע וועלט איז געוואָרן איינס ...

געדאנקען און טעכניק אנערקענען היינט ניט קיין שום גרעניצן צווישן לאנד און לאנד.

די ראדיאָ כװאליעס שטראָמען איבערן גאנצן ערד־קוגל,זײ שײדן ניט אונטער צװישן מזרח און מערב.,צפון און דרום סײ אין שלום צײט,סײ בעתן קריג.גרעניצן זײנען טאקע בײם הײנטיקן טאָג נאָך ניט אָפגעשאפט. אָפט איז איצטער שװערער ארײנצוקומען אין א פרעמד לאנד װי אין די צײטן פון בית־ראשון אָדער בית־שני.די גרעניצן זײנען אָבער ניט קײן אפסאָלוטע. ניט געקוקט אף איר פּאָליטישער,קולטורעלער,רעליגיעזער און גײסטיקער צעברעקלטקײט,לעבט איצט די גאנצע מענטשהײט װי אין אײן בשותפותדיקן הויז,כאָטש צװישן די פארשידענע אײנװאוינער עקזיסטירן נאָך װענט און מחיצות.אין די צײטן פון בית־ראשון איז דאָס פאָלק ישראל געשטאנען אין באציונגען־פרײנטלאכע אָדער פײנטלאכע־מיט מצרים,אשור,ארם,אדום און די איבעריקע נאָנטע שכנים.אין די צײטן פון בית־שני־־מיט פערסיע, גריכנלאנד,רוים.די ײדישע צעשפרײטקײט און די מענטשלאכע אײניקײט אין הײנטיקער צײט־(א באגרעניצטע אײניקײט אָבער א קאָנקרעטע און אומבאדינגטע) האָט אװעקגעשטעלט די ישראל מדינה אין מאָמענט פון איר אויפקום פאר א קאָמפּלעקס באציונגען מיט אלע לענדער פון דער װעלט.אָפט דעצידירט אין לעבן און איר שטעלונג פון אונזער מדינה די באציונג פון א לאנד, װאָס איז װײט פון ישראל טויזנטער קילאָמעטער,אסך מער װי די באציונג פון אלע שכנותדיקע לענדער צוזאמענגענומען...

****

אויך אין אונזערע צײטן האָט סביבה און געאָגראפישע שכנות א גרויסע באדײטונג,און ישראל קאָן די דאָזיקע באדײטונג ניט איגנאָרירן. דאָס איז שוין אָבער ניט מער קײן עקסקלוזיװע באדײטונג,װי סאיז געװען אמאָל...

לסוף איז כדאי אָפצושטעלן זיך אף נאָך א גרונטיקן און מכריעדיקן הויפט־פונקט־אונטערשיד צװישן די צװײ פריערדיקע תקופות פון אונזער זעלבסטשטענדיקײט אין אונזער איצטיקער תקופה־און אונטערשיד װאָס זײנע קאָנסעקװענצן זײנען דעצידירנדיק פאר דערגאנצער טאקטיק פון מדינת ישראל:אין די צײטן פון בית־ראשון און בית־שני האָט זיך דאָס גאנצע ײדישע פאָלק געפונען אין זײן אײגן לאנד.אמת,בעתן בית־ראשון, אין די צײטן פון לעצטע מלכי בית־דוד,איז שוין געװענא ײדישע צעשפרײטקײט אין מצרים.אזוי װערט דערצײלט אין תנ״ך,און די מאָדערנע

אנטדעקונגען באווייזן ווי ווייט וויכטיק די דאָזיקע צעשפרייטקייט איז געווען. די גולי־מצרים האָבן געהאט אן אייגענעם בית־המקדש און יידיש מיליטער האָט אפילו געהיט די דרום־גרעניצן פון מצרים.דער גרעסטער טייל פון פאָלק האָט זיך אָבער געפונען אין זיין אייגן לאנד.אין די צייטן פון בית־שני האָט זיך די צעשפרייטקייט פארגרעסערט.די יידן פון ארץ־ישראל זיינען צעזייט געוואָרן איבער דער גאנצער העלעניסטישער און רוימישער וועלט. פארן חורבן האָט די צאָל יידן אין רוימישן גלות דערגרייכט־ווי מען איז זיך משער־פיר מיליאָן.דער צענטער פון פאָלק האָט זיך אָבער געפונען אין זיין אייגן לאנד.אנדערש איז די לאגע איצטער.

ווען אונזער היינטיקע ישראל איז אויפגעקומען,האָבן זיך אין לאנד געפונען בסך־הכל 6 פראָצענט פון יידישן פאָלק.היינט,מיט 5 יאָר שפעטער, איז דער פראָצענט געשטיגן ביז 13 פראָצענט.איבער 86 פראָצענט פון יידישן פאָלק געפונט זיך נאָך אלץ אין גלות.די צעשפרייטקייט איז ניט קאָנצענטרירט אין די לענדער פון מיטללענדישן ים ,ווי דער פאל איז געווען סוף בית־שני,נאָר צעזייט און צעוואָרפן איבער אלע עקן וועלט. אָט דער דאָזיקער פאקט דעצידירט מער פון אלע אנדערע אין די אויסערן־פראָבלעמען פון מדינת ישראל,אויך אין די פראָבלעמען פון זיכערהייט און אין די פראגן פון אינטערנאציאָנאלער פאָליטיק.

****

אין באפרייאונגס־קריג האָבן זיך אף פארשידענע אופנים אָפגעשפיגלט אלע ענדערונגען וואָס זיינען אין אונזער צייט פאָרגעקומען אין פארגלייך מיט אונזער מצב אין די תקופות פון בית־ראשון און בית־שני. דאָס ערשטע מאָל אין אונזער געשיכטע האָבן מיט אונז מלחמה געהאלטן גלייכצייטיק אלע שכנים וואָס רינגלען ארום אונזער לאנד אף דער יבשה. ווען דאָס געשעט מיט צוויי אָדער דריי טויזנט יאָר צוריק איז א ספק צי מיר וואָלטן געהאט די מעגלאכקייטן אָפצושלאָגן אזא מין אָנגריף,ווייל די פעלקער,וואָס האָבן מיט אונז מלחמה געהאלטן,זיינען אין צאָל 48 מאָל גרעסער.סאיז אויך א גרויסער ספק,צי מיר וואָלטן אמאָליקע צייטן געקאָנט אויסהאלטן אזא מין פינף־יאָריקע באלאגערונג ווי די,וואָס אונזערע פיינטלאכע שכנים פירן דאָס מאָל אויך אין שלום־צייט.

דער מיטעלער מזרח שטעלט שוין אָבער מיט זיך היינט ניט קיין באזונדערע וועלט.זיין חשיבות און זיין וואָג זיינען געוואלטיק געפאלן,דעריבער איז אונזער צוזאמענבונד מיט די שכנותדיקע מדינות אסך קלענער, ווי מיט א סך אנדערע ווייטע לענדער.דאָס געווער פארן באפרייאונגס־קריג האָבן מיר באקומען פון יענער זייט ים,די פינאנץ־מיטלן־־פון נאָך ווייטערע מדינות: פון די גלות־לענדער איז אויך געקומען א שטראָם פרייהייטס־קעמפער,הגם קוואנטיטאטיוו איז ער געווען ניט איבעריק גרויס (ארום 18 פראָצענט פון דער אלגעמיינער צאָל)אָבער קוואליטאטיוו איז זיין באדייטונג געווען אן אנטשיידנדער. אזא מין זאך איז אפסאָלוט ניט געווען מעגלאך אין די צייטן פון בית־ראשון און בית־שני,ווען אפילו סוואָלטן זיך אויך דעמאָלט געפונען יידן אין די זעלביקע לענדער,וואָס וואָלטן אונז געהאָלט העלפן.

אין דער ישראלדיקער פארטיידיקונגס ארמיי,וואָס האָט צוריקגעשטויסן אלע אונזערע פיינט און זיי דערפירט צו א שענדלאכער מפלה,האָבן געקעמפט יידישע פרייוויליקע פון 52 לענדער אין אייראָפּע,אזיע,אפריקע,אמעריקע און אויסטראליע. די פרייוויליקע פון אייניקע מדינות־דרום אפריקע,די פאַרייניטניקטע שטאטן,קאנאדע און ענגלאנד־האָבן געהאט א דעצידירנדיקן באטייט אין קריג,זיי האָבן אונז געגעבן די אויסגעשולטע מענטשנקראפט פאר די שטורם־פאָרמאציעס,וואָס אָן זיי וואָלטן מיר ניט געקאָנט זיגן:פארן לופט־מיליטער,פאר די טאנק־בריגאדעס און פאר דער ארטילעריע.

* * *

ווען אין די צייטן פון יהושע בן נון,דוד המלך,די חשממונאים און יוחנן פון גוש חלב וואָלטן זיך געפונען יידן אין דרום אפריקע,ענגלאנד און אמעריקע גרייט אונז צו העלפן־־וואָלטן זיי דאָס ניט געקאָנט אויספירן, ווייל ביז די ידיעה וועגן דער מלחמה וואָלט צו זיי דערגרייכט און ביז זיי וואָלטן באוויזן צוצוקומען צו אונז,וואָלט שוין דער קריג געווען פארענדיקט.נאָר די היינטיקע צייטן מיט די קאָמוניקאציע מיטלן האָבן דערמעגלאכט די ווייטע יידן אראָפּצוקומען צו אונז אין דער געהעריקער צייט.

דער באפרייאונגס־קריג האָט אויך באוויזן,ווי שטארק און לעבנסוויכטיק איז דער קאָנטאקט פון מדינת ישראל מיט דער גרויסער,ברייטער וועלט, און ניט דווקא מיט די שכנותדיקע מדינות.אָן די פינאנץ־מיטלן,וואָס

זיינען אָנגעקומען פֿון די פארייניקטע שטאטן,אָן די שפייז־טראנספאָרטן פֿון קאנאדע,פֿון ארגענטינע און פֿון אנדערע לענדער,אָן דער באוואפענונג פֿון צוויי אייראָפייאישע לענדער־איינס פֿון מזרח און דאָס צווייטע,פֿון מערב,וואָלטן מיר דעם קאמף ניט אויסגעהאלטן:און די אלע דריי זאכן־ דאָס געלט,די שפייז און דאָס געווער־האָבן מיר באקומען נאָר צוליב דעם, וואָס דאָס גלות־יידנטום האָט זיך מאָביליזירט אונז צו העלפן.

* * *

מיר האָבן שוין אָנגעמערקט איין גרונטפאקט וואָס האָט און וועט זיך ניט ענדערן אין אונזער געשיכטע־א פאקט,וואָס האָט דערפילט און וועט אויך להבא דערפילן אן אנטשיידנדיקע אויפגאבע אין אונזער לעבן.דאָס איז דער פאקט וואָס מיר זיינען א קליין פֿאָלק.דערצו איז בדאי צוצוגעבן א צווייטן סטאבילן פאקט וואָס שפילט אן אנטשיידנדע ראָלע אין אונזער לעבן און אין אונזער גורל,סיי אין גלות,סיי אין ישראל:־ מיר זיינען אן איינזאם פֿאָלק וואָס האָט ניט קיין ברידער־פֿעלקער אף דער גאנצער וועלט, מיר זיינען איין און איינציק אין אונזער שפראך,אין אונזער רעליגיע, אין אונזער קולטור,אין אונזער געשיכטע און אין אונזער מעמד אף דער וועלט.„ ומי בעמך ישראל גוי אחד בארץ״ ־־האָט דוד המלך געזאָגט נאָך מיט דריי טויזנט יאָר צוריק.דאָס דאָזיקע וואָרט איז גילטיק ביזן היינטיקן טאָג. אין משך פֿון די דריי טויזנט יאָר איז זיין גילטיקייט ניט בלויז ניט קלענער געוואָרן,נאָר פארקערט,זי האָט זיך באַדייטנדיק פארשטארקט.

* * *

אלע אנדערע נאציעס אף דער וועלט,כמעט אָן אויסנאם,האָבן קרובים פֿון שפראך,רעליגיע,ראסע.און קרובהשאפט ברענגט ־ הגם ניט אלע מאָל און ניט ביי אלע באדינגונגען־פּאָליטישע פארבינדונגען און קעגנזייטיקע הילף.די בולגארן,די סערבן,די טשעכן געהערן צו דער סלאווישער משפחה און די קעגנזייטיקע קרובהשאפט איז געווען א וויכטיקער גורם אין זייער נאציאָנאלער באפרייאונג.די סקאנדינאווישע פֿעלקער זיינען,ניט געקוקט אף זייער שטארקער צעשפרייטקייט,צונויפגענומען אין א פארייניקונג פֿון פרייע פֿעלקער.אפילו צפון אמעריקע,וואָס האָט זיך מיט 180 יאָר צוריק באפרייט פֿון דער בריטישער הערשאפט־אפילו זי איז צוויי מאָל ארויס אין וועלט־מלחמות צו ראטעוון ענגלאנד פֿון חורבן און פארקנעכטונג.

אויך אונזערע שכנים, די אראבער, געהערן צו א גרויסער משפחה װאָס איז פארײניקט דורך אײן שפראך, אײן רעליגיע, און כמעט אלע איסלאם־פעלקער, מעגן זײ ניט רײדן אראביש, שטײען זײ צוזאמען צוליב רעליגיעזער־סאָלידארישקײט. שפאניע האָט אין 15טן יאָרהונדערט און אין 16טן געשאפן א מעכטיקע אימפעריע אין דרום אמעריקע, און כאָטש אלע לאטײן־אמעריקאנער פעלקער האָבן זיך באפרײט פון שפאניש־פאָרטוגעזישן מעטראָפאָליע־יאָך – עקזיסטירט נאָך עד היום א שפראכלאך־קולטורעלע ברידערלאכקײט פון אלע שפאניש רײדנדיקע פעלקער. אויך די קאטוילישע אמונה קאָנסאָלידירט פעלקער, הגם די טעריטאָריאלע מאכט פון פויפסט איז אָפגעשאפט געװאָרן.

* * *

יידן זײנען דאָס אײנציקע פאָלק אף דער װעלט װאָס פון די אוראלטע צײטן און ביזן הײנטיקן טאָג גײט עס ארום אף דער היסטאָרישער ארענע אפסאָלוט אײנזאם. „וישכון ישראל בטח בדד״־האָט משה געזאָגט צו די בני ישראל אין זײן ברכה פארן טויט. פון די דאָזיקע צװײ באצײכענונגען־ בטח און בדד..(זיכער און אײנזאם) איז מקוים געװאָרן בלויז דאָס צװײטע: בדד (אלײן) אין אלע דורות, אין אלע לענדער, בײ אלע אומשטאנדן זײנען מיר געװען אײנזאם, און אזוי װעלן מיר שוין זײן ביז סוף כל הדורות. דאָס איז דער צענטראלער און דעצידירנדער פאקט אין דער יידישער געשיכטע אין אלע תקופות. דאָס איז אויך דער הויפט מאָמענט װאָס באשטימט אין א גרויסער מאָס, די זיכערהײט און די פאָליטיק פון ישראל אין אונזערע צײטן. די הילף, די אונטערשטיצונג און די סימפאטיע פון קײן שום פאָלק און לאנד, װערן אונז ניט געגעבן פון פאָרויס, װי דאָס װערט געגעבן פיל אנדערע פעלקער אף דער װעלט. מיר מוזן עס זיך פארשאפן אלע מאָל פון דאָס נײ־ דורך אונזערע דערגרײכונגען, דורך אונזער װיזיע, דורך אונזער לעבנס־ליכט. בלויז אײן בן־ברית איז אונז פאָרויס געזיכערט – דאָס יידישע פאָלק אין די גלות לענדער.

* * *

דער צוזאמענבונד פון מדינת ישראל מיטן יידישן פאָלק איז דער העכסטער צענטראלער און דעצידירנדיקער אויסגאנגס פונקט אין איר פאָליטיק און יעדער אײנער װאָס נעגירט דעם דאָזיקן צוזאמענבונד, שװאכט אים אָפ, פריװיליגירט אָדער גיט די ברכה אן אנדער צוזאמענבונד – דער פארלײקנט דעם לעבנסקװאל פון דער יידישער מדינה...

די ערשטע יידן צעשפרייטקייט האָט זיך אָנגעהויבן נאָך ביים בית־ראשון. ביים בית־שני האָט זיך עס פארשטארקט. דער צד השווה זייערער איז אָבער דאָס וואָס אין ביידע תקופות איז דער צענטער פון יידנטום געווען אינעם פאָטערלאנד: די יידן אין דער פרעמד זיינען געווען בלויז א צווייג פונעם פאָטערלאנד. מעגלאך, אז צום סוף פון בית־שני איז די יידן צעשפרייטקייט פארגרעסערט געוואָרן אויך א דאנק דעם, וואָס ביי איניקע פעלקער ־ביי די רוימער, די גריכן און אנדערע נאציעס ־האָבן זיך פיל מענטשן מגייר געווען. דער גרונטפאקט האָט זיך אָבער דערמיט ניט געענדערט: דאָס אָריגינעלע, סטאבילע זינט דורות איינגעוואָרצלטע יידנטום איז געווען דאָס יידנטום פון ישראל. די תפוצה האָט מיט זיך דעמאָלט פאָרגעשטעלט אמין עקספּאָרט־געוויקס וואָס איז פארפלאנצט געוואָרן אין דער פרעמד און האָט, ווי ווייט מעגלאך, אָפּגעהיט איר קאָנטאקט מיטן פאָטערלאנד, הגם זי איז ניט געווען בכוח איינצוהאלטן פולשטענדיק איר יידישן כאראקטער. זי האָט איבערגענומען פרעמדע שפראכן, קודם כל, גריכיש, און געשאפן אף דער דאָזיקער שפראך וויכטיקע ווערטן, וואָס זיינען טיילוויז אויפגעהיט געוואָרן ביז היינטיקן טאָג.

* * *

מיט דעם אויפקום פון בית־שלישי איז דער סדר געוואָרן א פארקערטער. דאָס יידישע פאָלק איז כולו געווען א צעזייט פאָלק: בלויז געציילטע האָבן זיך לכתחילה אומגעקערט אין זייער היימלאנד. נאָך זיי זיינען געקומען צענדליקער און הונדערטער, דערנאָך ־טויזנטער און צענדליקער טויזנטער. ווען די מדינה איז אנטשטאנען איז אָבער זייער צאָל ניט געווען גרעסער ווי 610 טויזנט. מדינת ישראל איז פאקטיש א קינד פון דער תפוצה און ניט איר מוטער, ווי דער פאל איז געווען אמאָל.

די הויפט אויפגאבע פון דער נייער מדינה איז צו ווערן א היים פאר די גערודפטע גלות־ברידער און אויך פאר די איבעריקע יידן אין אלע לענדער, וואָס ווילן ניט לעבן אין דער פרעמד. צוריקבריינגען די פארוואָגלטע איז דער הויפט־ציל פון דער מדינה, דאָס איז אָבער ניט דער איינציקער ציל. ניט אזוי גיך וועלן זיך איינזאמלען אלע פארוואָגלטע אין ישראל, און קיינער ווייס ניט וויפיל יידן וועלן זיך דאָ צונויפקומען און ווען. די מדינה מוז זאָרגן פארן קיום פון גאנצן יידנטום, וואו עס זאָל ניט זיין און צו יעדער צייט.

מיטן אויפקום פון מדינת ישראל איז אף אונז ארויפגעלייגט געוואָרן די אחריות,די זאָרג און דער ציטער פארן וואוילזיין,פארן כבוד,פארן קיום און פאר דער צוקונפט פון דער ײדן־צעשפרייטקייט אומעטום,און אויך צו דער דאָזיקער אחריות האָט מדינת ישראל ניט קיין שותף און קיין בן־ברית.

* * *

די אויסערן פאָליטיק פון ישראל קאָן ניט איגנאָרירן קיין שום גורם אף דער וועלט,קיין שום לאנד און קיין שום פאָלק,איר שטרעבונג צו שלום און פריינטשאפט מיט אלע פעלקער איז ניט אפהענגיק פון איר סימפאטיע, הסכמה אָדער קעגנערשאפט צו די רעזשימען וואָס הערשן אין פארשידענע לענדער.דער פארנעם פון איר צוזאמענארבייט מיט אנדערע מדינות איז אָבער, אין א גרויסער מאָס,אָפהענגיק דערפון,אף וויפיל דאָס ײדנטום אין די באַטרעפנדע לענדער געניסט פון פרייהייט זיך צו באוועגן און צו זיין אקטיוו.

* * *

בדרך כלל קאָן זיך איין מדינה ניט אידענטיפיצירן מיט א צווייטער, אפילו ווען זי איז מיט איר פארבונדן דורך אן אָפמאך.דאָרט,וואו עס איז דאָ אידענטיפיקאציע ־איז דאָס ניט מער ווי א פארמאסקירטע אָדער אָפענע פאָרם פון אפסאָלוטער אפהענגיקייט.קעגנזייטיקע פרייע באציונגען צווישן מדינות קאָנען געמאָלט זיין נאָר און דורכאויס אף דער באזע פון שותפות: שותפות פון שטרעבונגען,פון אינטערעסן,פון רעזשים,פון באדערפערנישן, און שותפות באדייט ניט אידענטיפיקאציע.

ווינציקער פון ידערער אנדערער מדינה אף דער וועלט האָט ישראל די מעגלאכקייט צו אידענטיפיצירן זיך מיט וועלכער סאיז מדינה.און ניט נאָר מחמת איר היסטאָרישער מיסיע און וויזיע ־נאָר מחמת אירע עקזיסטענץ באדינגונגען און אירע פליכטן לגבי דעם ײדישן פאָלק אין דער וועלט...

גענוי ווי דאָס ײדישע פאָלק,וואָס האָט זיך ניט אונטערגעגעבן צו די מעכטיקע פון דער וועלט און איז געגאנגען זיין אייגענעם וועג סיי ווען עס איז געווען פריי,זעלבסטשטענדיק און איינגעוואָרצלט אין זיין פאָטערלאנד, און סיי ווען עס איז געווען אפהענגיק פון אנדערע,צעזייט און צעשפרייט צווישן פעלקער ־־אזוי באטראכט זיך ישראל איצט ווי א **ציל** פאר זיך און ניט ווי א מיטל אין די הענט פון אנדערע.זי שפאנט אף דער היסטאָרישער ארענע פון דער וועלט צו איר ציל,וואָס איז באלויכטן פון א משיחישער

אידײע,װיזיע.זי אנערקענט איר באשײדענעם כוח און די ראמען פון איר באגרעניצטקײט,איר מעגלאכקײט און השפעה.זי גלויבט אָבער אין איר שטערן װאָס שײנט מיטן אײביקן ליכט פון אמת. זי ציט איר יניקה פון אור־אלטע קװאלן,װאָס זײערע װאסערן האָבן ניט אױפגעהערט צו די שטראָמען ביזן הײנטיקן טאָג:איר פנים איז געװענדט צו דער צוקונפט.די ירושה פון דער פארגאנגענהײט האָט אונז געגעבן כוח צו שטײן אײנזאם און איזאָלירט אין א פרעמדער װעלט פון שונאים,און די דאָזיקע טײערע ירושה װאָס איז אויפגעהיט אינעם ספר הספרים ־דעם תנך ־האָט נאָך ניט פארלאָרן איר טעם און פרישקײט.די בשורה װאָס איז אויסגעקריצט אף זײנע אײביקע בלעטער איז דער אָנזאָג פון גאולה,ישועה און מענטשן דערהױבונג אף דער ערד,און זי איז דאָס גרױסע געשאנק װאָס דער ײדישער זשעני האָט געגעבן דער מענטשהײט.

* * *

אין אונזער לאנגען װעג איבער פיל לענדער האָבן מיר זיך אויסגעלערנט פון אנדערע פעלקער אױך אזעלכע זאכן װאָס מיר האָבן ניט געקענט,ניט געװאוסט,ניט אין די צײטן פון בית־ראשון און ניט אין די צײטן פון בית־שני:פאר די לעצטע עטלאכע הונדערט יאָר זײנען מיר געװאָרן שותפים צו דער גרױסער װיסנשאפטלאכער און גײסטיקער שאפונג, װאָס האָט געמאכט אן איבערקערעניש אין דער מענטשלאכער געשיכטע און דערמעגלאכט צו אנטפלעקן די אוצרות פון דער נאטור און צו באהערשן אירע טיטאנישע כוחות. די דאָזיקע דעראָבערונגען װעלן מיר ניט אָפלאָזן: פארקערט ־מיר װעלן זײ אומאױפהערלאך פארשטארקן און פארגרעסערן.װי א מזרחדיקע נאציע,װאָס האָט אײנגעזאפט אין זיך דאָס גאנצע גײסטיקע פארמעגן פון מערב,װעלן מיר קאָנען אנטפלעקן דאָס ליכט װאָס איז פארבאָרגן אין די גרױסע פעלקער װאָס פארנעמען דעם קאָנטינענט,צו װעלכן מיר זײנען צוריקגעקומען ־די פעלקער פון אינדיע,כינע און פון זײערע פארשידענע שכנים:גלײכצײטיק װעלן מיר װײטער אנטװיקלען די װיסנשאפטס־אוצרות און די טעכנאָלאָגיע פון די מערב לענדער,און דעריבער װעט ישראל ניט באגרעניצן אירע פארבינדונגען און אירע באציונגען ניט מיט באשטימטע װעלטס־טײלן און ניט מיט ספעציעלע קאטעגאָריעס לענדער.

װי אן אײביק פאָלק דארף מדינת ישראל זײן אײנגעגלידערט אין דער

גאנצער מענטשן־משפחה און פארבונדן מיט אלע נאציעס.דער הויפט קאָנטאקט אירער און דער סאמער אנטשיידנדיקסטער מוז אָבער אונטערהאלטן ווערן מיט דער יידישער מאסע,וואָס איז צעזייט און צעשפרייט איבער גאָר דער וועלט.יידישע קאָנצעטרירונג אין פאָטערלאנד און יידישע אחדות אומעטום־ דאָס איז דער חוט המשולש וואָס פארבינדט מדינת ישראל מיטן יידישן פאָלק אין דער גאָרער וועלט.אלע יידן אין גלות זיינען מער אָדער ווינציקער געבונדן סיי ווי יידן און סיי ווי בירגער.אפילו אין די פרייסטע לענדער,וואו פולע אפסאָלוטע גלייכבארעכטיקונג איז א גרונטפרינציפ פון זייער רעזשים ־אפילו דאָרט האָט ניט דער ייד קיין פולע,נאטירלאכע פרייהייט,וואָס פון איר געניסן סרוב בירגער.באוואוסטזיניק און אומבאוואוסטזיניק האָט דער ייד מורא פארן„למה יאמרו הגוים״. אלס ייד פילט ער זיך ניט פריי און קאָן ניט בלייבן געטריי זיך אליין,ווי דאָס איז דער ניט־ייד. איזאָלירט פון יידישן כלל,אָפגעריסן על פי רוב פון זיין נאציאָנאלער קולטור און פון זיין סביבה,אוונטערגעוואָרפן די געזעצן,דעם רעזשים און דעם לעבנסשטייגער,וואָס די פרעמדע מערהייט האָט איינגעשטעלט ־קאָן דער ייד ניט זיין ייד ווי דער ענגלענדער איז ענגלענדער,אָדער דער אמעריקאנער־אמעריקאנער.עס עקזיסטירן אָבער גראדאציעס און שטאפלן אין דער מאָס פון אונטעטעניקייט צו דער ניט יידישער וועלט.עס זיינען דאָ לענדער,וואו דער ייד באגרעניצט זיך אליין און עס עקזיסטירן לענדער וואו דער ייד איז באשרענקט און אפילו געצווינגען דורכן געזעץ און דורכן רעזשים...

****

מדינת ישראל קאָן ניט אויסקומען מיט אירע אייגענע כוחות־ ניט ביים אָפהיטן איר זיכערקייט,ניט ביים אנטוויקלן איר לאנד און ניט ביים צונויפזאמלען די צעזייטע און צעשפרייטע יידן.נאָר ביי דער מאקסימאלסטער הילף פון גאנצן יידישן פאָלק וועלן מיר קאָנען בייסטיין די סכנות וואָס לויערן אף אונז פון אלע זייטן,און געהעריק צוגרייטן די מדינה צום אויפנעם פון אירע זין און טעכטער. דערדאָזיקער צוזאמענבונד פון דער מדינה מיטן יידנטום אין גלות,האָט גאָר אסך צו זאָגן ביים פורעמען די באציונג פון ישראל צו אלע לענדער און רעגירונגען.זיכערן דעם גלות־יידנטום די פרייהייט צו באטייליקן זיך אינעם אויפבוי פון דער

מדינה און אינעם אָפּהיטן איר זיכערקייט: דורכפירן אין לעבן די אייניקייט פון יידישן פאָלק וואו עס זאָל ניט זיין: פארשפרייטן צווישן אים און זיין קולטור און גלייכצייטיק אָפּהיטן דעם שלום אף דער וועלט - דאָס איז די העסטע אויפגאַבע פון דער ישראַלדיקער אויסערן-פּאָליטיק אין אונזער דור.

(די גאָלדענע קייט נומער 17)

* * *



לפיכך נתכנסנו · אנו חברי מועצת העם · נציגי הישוב העברי והתנועה הציונית · ביום סיום המנדט הבריטי על ארץ־ישראל · ובתוקף זכותנו הטבעית וההסטורית ועל יסוד החלטת עצרת האומות המאוחדות אנו מכריזים בזאת על הקמת מדינה יהודית בא״י · היא מדינת ישראל

מתוך מגילת העצמאות שהוכרזה
ביום השישי · ה׳ אייר תש״ח · 14 במאי 1948 בת״א

מעמד ההכרזה ההיסטורית על מדינת ישראל (ה׳ באייר תש״ח)

•

The historic Proclamation of the State of Israel, Friday, 14th May, 1948

די היסטאָרישע פּראָקלאמאציע פון דער
אנטשטייאונג פון מדינת ישראל מאי 14טן 1948

א וואונדערבארער,אייגנארטיקער מאָנומענט אין בראָנז געווידמעט די מארטירער פון אונזער פארפייניקט פאָלק---אין פילאדעלפיע.

* * *

צוויי פּאָסטמארקעס פון ישראל געווידמעט דעם ווארשאָווער געטאָ-אויפשטאנד.

* * *





* * *

די גרויסקייט פון רמב׳ם

פון ד״ר העשיל קלעפפיש



אין וואָס באַשטייט די גרויסקייט פון רמב׳ם ? פאַרוואָס האָט רבי משה בן מימון זוכה געווען צו פאַרנעמען אַן אײנציקאַרטיקן אָרט אין דער געשיכטע פון יידישער גײסטיקייט ? פאַר וואָס קאָן קײנער ניט פון אַלע אונזערע ריזן פון גײסט, וואָס האָבן אויפגעשײנט אין גלות, זיך פאַרמעסטן מיטן דענקער פון קאָרדאָווא ? דער רמב׳ם איז ניט דער אײנציקער געזעץ-געבער אין אונזער געשיכטע, און סוף כל סוף איז זײן ספר „יד החזקה„ ניט דאָס אײנציקע מאָסגעבנדיקע ווערק אין געביט פון הלכה. דער רמב׳ם איז ניט דער אײנציקער גרויסער מפרש, און סוף כל סוף האָט אים אַריבערגעשטיגן אין דער קונסט פון דערקלערן און שרײבן פירושים דער באַשײדענער ווײן-מאַכער פון טרוא, רש״י. דער רמב׳ם איז אויך ווײט ניט אונזער אײנציקער טיפער דענקער, און סוף כל סוף איז דאָס פראָבלעם, וואָס איז געשטאַנען אין צענטער פון זײן מחשבה - די האַרמאָניע צווישן דער לערע פון יידנטום און דער פילאָזאָפיע פון גריכנלאַנד -באַהאַנדלט געוואָרן נאָך פאַר אים דורך אברהם איבן דאַאוד.

מיר רופן דעם רמבם המורה הגדול, דער גרויסער לערער, אָבער פיל פאַר אים און פיל נאָך אים פאַרדינען מיט ניט קײן קלענערער רעכט אָפן דאָזיקן טיטל.

פאַר וואָס דען לעבט זײן געשטאַלט אין אונזער הארץ אַזוי ווי עס לעבט ניט קײנער פון אונזערע פוסקים און פילאָזאָפן ? פאַרוואָס איז זײן 750-טער יאָרצײט א דאַטע וואָס ווערט געפײערט דורך דער גאַנצער יידישער אומה, און סיי די, וואָס מאַטערן זיך נאָך הײנט איבער א האַרבן רמבם, סיי די וואָס זוכן זײן האַנט אין זײערע באַנזעניש, סיי די וואָס וויסן נאָר עטוואָס, פון דער גײסטיקער וועלט, וואָס ער האָט אויסגעבויט,

פילן און פארשטייען,אז ־ער שטייט איינציק און אליין אין דער געשיכטע פון יידישן גייסט ;

*****

וואָס איז אייגנטלאך זיין ספר ״יד החזקה״,דאָס ספר,וואָס ער האָט אָנגערופן מיטן פילזאָגנדיקן נאָמען ״משנה תורה״ ?

דאָרט זיינען צונויפגעקליבן די געזעצן,וואָס פארפליכטן דעם יידישן מענטש. דאָרט זיינען צונויפגעזאמלט די דינים,וואָס מוזן זיין דער יסוד פון א יידישער געזעלשאפט,אָבער נאָך ניט צוליב דעם,וואָלט דאָס דאָזיקע ספר ארויסגערופן אזא מעכטיקן אָפקלאנג אין דער יידישער וועלט. נאָך ניט צוליב דעם וואָלט עס ארויסגערופן פון איין זייט ־אזא שטארקן ענטוזיאזם,און פון דער אנדערער זייט ־אזא ביטערע קעגנערשאפט.

אינ׳ם דאָזיקן ספר ווערט דעמאָנסטרירט די אויטאָריטעט פון געזעץ,די ווערט פון געזעץ,און אויך דער אָפגרונט,וואָס אין אים קייקלט זיך אראָפ דער מענטש,ווען ער הערט אויף צו אנערקענען דעם דין.

אין די פערצן טיילן פון ״יד החזקה״ווערט באַהאנדלט דאָס גאנצע לעבן פון יידישן יחיד,ווערן באהאנדלט אלע פראגן פון יידישן כלל,אָבער איין עיקר־אידייע איז פאראן אין די אלע חלקים.און די אידייע איז: די מצוה בינדט ניט דעם מענטש אין קייטן.פארקערט.ערשט די מצוה גיט אים פרייהייט.די געזעצן צווישן מענטש און גאָט הויבן אונז אויף.די געזעצן צווישן מענטש און מענטש פארזיכערן אונזער וואוילשטאנד.

אונזער נשמה איז גאנץ און אונזער גוף איז גליקלאך נאָר דאן,ווען מיר היטן אָפ דעם דין.דאָס געזעץ באהויכט אונזער לעבן מיט געטלאכקייט, אָבער אָן דעם געזעץ איז עס צומאָל ניט מענטשלאך.

****

דער רמב׳ם האָט ניט שטארק געהאלטן פון דיכטונג,אָבער זיין ״משנה תורה״איז אין תוך א מעכטיקער שיר צו דער הלכה.דאָרט גייט אויף פון יעדן פרק א געזאנג,מזמור שיר צום געזעץ,וואָס נאָר דורך אים איז דאָ אין אונז א ניצוץ פון דער הויך.

צוזאמען מיט דער ־אָזיקער פארערונג פארן דין,איז אויך געגאנגען אין רמב׳ם האנט־ביי־האנט א רירנדיקע ליבשאפט צום ייד,אפילו ווען ער היט ניט אלעמאָל אָפ דעם דין.דער,וואָס איז געווען בלויז מוח,

בעת ער האָט אױסגעבױט דעם מאָנומענט פון הלכה,איז געװאָרן בלױז הארץ,װען ער האָט געקוקט אף די ײדן און האָפענונגען פון פאָלק. דער,װאָס האָט אײגנטלאך באדארפט זײן א מוכיח,איז געװאָרן דער גרױסער סניגור פון אונזער אומה.

****

דורות זײנען פארגאנגען זינט ער האָט אָנגעשריבן זײן„מאמר קידוש השם„,דורות װעלן פארגײן,און אָט דער מאמר װעט דאָך פארבלײבן אין אונזער שאפן א בײשפּיל מיט װאָסער צארטקײט מען דארף באטראכטן ײדישן פײן און װאָסער כוח פון ליבשאפט מדארף אױפזאמלן ײדישע טרערן.

ס'איז דעמאָלט געװען אן עת צרה אין מאראקאָ.פיל ײדן זײנען געװען געצװאונגען זיך אױסצובאהאלטן מיט זײער ײדישקײט,כדי צו פארבלײבן לעבן. אין אסך ײדישע קרײזן האָט זיך א שאָט געטאָן באשולדיקונגען קעגן די דאָזיקע ײדן אנוסים.און דוקא ער,דער מײסטער פון געזעץ,האָט פארטײדיקט. דוקא ער האָט געזאָגט,אז קײן שום ײד טאָר ניט ארױסגעװאָרפן װערן פון ײדישן כלל,אױב ער באטראכט זיך פאר א ײד.

ער האָט נאָך שטארקער אױפגעהױבן זײן שטים אין זײן „ אגרת תימן „ אין בריװ,װאָס ער האָט געשיקט צו די ײדן אין װײטן תימן,װען א מבול פון רדיפות האָט זיך אױסגעגאָסן אױף זײערע קעפּ.עס איז דאָ אינעם דאָזיקן בריװ װאונדערלאכער גלױבן אין דער הײליקײט פון ײדישן מענטש.סאיז דאָ א װארימקײט,װאָס דערהױבט,װאָס שטארקט דאָס צעבראָכענע געמיט.די,װאָס װארפן שטײנער אין ײדן הױבן ניט אָן צו באגרײפן,װאָס ײדנטום איז און װאָס ײדנטום פאָדערט.ײדן בלײבן הײליק אױך דאן,װען אין קאמף פאר זײער לעבן קאָנען זײ ניט זײן קײן פולשטענדיקע ײדן. טאקע אין זײער װײ בליצט אױף זײער מסירת נפש.און װער מעג,װער האָט דאָס רעכט צו שטראָפן ? -פרעגט דער רמב׳ם. דער חוב איז גראָד: טראָגן טרײסט צו די לײדנדיקע,מיט רחמים און מיט ליבשאפט רופן אין זײער אױער:ײדן זײט זיך ניט מיאש,די רדיפות װעלן אײביק ניט דױערן !!

****

אָבער װאָסער שטורם אָט די שריפטן פון אהבת ישראל האָבן ארױסגערופן. מהאָט ניט פארשטאנען װי אזױ דער שארפער מוח קאָן מיטאמאָל װערן סענטימענטאל,װי אזױ דער שטרענגער געזעץ-געבער לאָזט זיך „פארפירן„ פון זײנע געפילן.אָבער דאָס פאָלק האָט שױן דאן אים ארײנגענומען אין הארץ. דאָס פאָלק האָט געפילט,אז קײנער האָט נאָך ניט אין אָנבליק פון ײדישע

לײדן מיט אזא איבערצײגנדיקער קראפט געהײסן ליב האָבן ײדן מיטן גאנצן שכל און מיטן גאנצן הארץ.

*****

אָבער מ׳מוז אין אים באַװאונדערן נאָך עפּעס. מ׳מוז אין אים באַװאונדערן די פערזײנלאכקײט, װאָס האָט ארומגענומען אין זיך ײדישקײט אין פולן פארנעם. פאר אים איז ײדישקײט געװען אין סוף. ײדישקײט איז געװען אין בראשית פון דער װעלט. ײדישקײט װעט זײן עד סוף כל הדורות.

דער רמב׳ם האָט גאָר ניט געהאט צו טאָן מיט קבלה. ער איז אין זײן דענקען געשטאנען אין תוך װײט פון יעדער שיטה פון מיסטיציזם. און דאָך רײדט ער געװױי װי א צעגליטער מקובל װעגן משיחס צײטן. ער איז דער אײנציקער צװישן אונזערע פוסקים װאָס האָט אזױפיל אױפמערקזאמקײט אװעקגעגעבן פאר די דינים פון בית המקדש און פון קרבנות. דינים, װאָס האָבן פאקטיש מער ניט געהאט קײן אָרט אין אונזער לעבן מיטן אָנהױב פון גלות. רבי יצחק אלפסי פאר אים, און-- רבי יוסף קארא נאָך אים, די גרױסע הלכה־מײסטער פון אונזער פאָלק, האָבן אין זײערע װערק ארײנגענומען נאָר די דינים, װאָס זײנען אקטועל אין גלות. זײ האָבן געהאלטן, אז עס איז ניט כדאי צו דערלאנגען דעם פאָלק אין א פארפליכטנדיקן קאָדעקס אױך אזעלכע דינים, װאָס זײנען געװען גילטיק, װען ײדן זײנען געװען בעלי הבתים אין זײער לאנד, אָדער װאָס װעלן װערן אקטועל, װען די צײט פון פאָליטישער זעלבסטשטענדיקײט װעט קומען. . נאָר דער רמב׳ם האָט דאָס געטאָן. נאָר ער האָט דעם לעצטן טײל פון זײן הלכה ספר אפילו געװידמעט די צײטן פון די מלכים און שופטים, װאָס זײנען געװען און װאָס װעלן װידער זײן. נאָר ער האָט געהאלטן, אז אין ײדישן װעג פון דורות איז ניט דאָ קײן „בזמן הזה„, איז ניט דאָ קײן קעגנװארט. עס איז דאָ בלױז אײן אלצארומנעמענדיקע אײביקײט. ײדישער נעכטן און ײדישער מאָרגן זײנען געװױי אזױ אקטועל, װי דער ײדישער הײנט. ײדישע האָפענונג איז א טײל פון דער הלכה. ײדישע בענקשאפט איז א עיקר אין יהדות. ײדישע גאולה איז א דין.

****

****

צוזאַמען מיט מוח אָנהאַרץ איז אין אים געגאַנגען--פאַנטאַזיע.ער וואַרפט ממש מיט כוח אָף אייך אַרויף דאָס בילד פון דער קומענדיקער יידישער מדינה.ער באַהאַנדלט אירע פּראָבלעמען,אַזוי ווי זי וואָלט שוין איצט עקזיסטירט.פאָרשטעלונג פּאַרלירט ביי אים די עלעמענטן פון פאָרשטעלונג. משיח איז אין זיין מחשבה ניט קיין ווייטער אויסשפּראָץ פון שטאַם פון ישי. משיח האָט אַ ברירה צו זיין איינער פון אונז.אין פאַקט:ער קאָן זיך שוין איצט אַרומדרייען צווישן אונז,און מיר זאָלן עס אפילו ניט וויסן...

ניט געווען נאָך איינער ביי אונז וואָס זאָל פּסקענען אַזוי ניכטער,ליב האָבן אַזוי טיף,און קוקן אין דער וויט מיט אַזאַ פלאַמיקער בענקשאַפט.

נאַטירלאַך איז פאַלטש צו באַהויפּטן,אַז דער רמב׳ם האָט געגלויבט אין דער אומבאַגרעניצטער מאַכט פון שכל.אָבער אָפּשוואַכן די ראָל,וואָס דער שכל האָט געשפּילט אין דענקען פון רמב׳ם,איז ניט ווייניקער איינזייטיק. אַ פאַקט איז,אַז דער רמב׳ם האָט אָפּערירט מיט אַרגומענטן פון פאַרשטאַנד אויך אין פראַגן פון אמונה.מער: ער האָט אַנאַליזירט די אמונה באַדינענדיק זיך מיט דער מאָס פון שכל. ****

דער רמב׳ם איז געווען געזעץ-געבער און -וויזיאָנער.ער האָט פאַרערט דעם שכל און - געגלויבט אין תחית המתים.און דאָס טיפסטע וואָרט,וואָס איז געפאַלן וועגן רמב׳ם,איז,מיין איך,געקומען גראָד פון איינעם פון זיינע קעגנער,רבי משה מקוצי.

חלום בלי פתרון. אַ חלום אָן אַ באַשייד, -אַזוי האָט רבי משה מקוצי געזאָגט אָפּן שאַפן פון רמב׳ם.

דער ריז פון גייסט בלייבט אָן אַ באַשייד .

***

אונזער חשובער מיטאַרבייטער דר העשיל קלעפּפיש איז דער מחבר פון אַ בוך וועגן רמבם,וואָס איז מיט יאָרן צוריק דערשינען אָף פּויליש.

***

**

אונזער לייבוש אף זיין יערלאכן באזוך-וואקאציע-אין פאנאמא.
רעכטס - ד״ר העשיל קלעפפיש, לייבוש, משה מזרחי, איזיק ראָטערמאן און
נתן שווארץ.... אונטן, איינער פון די 6 באָסעס וואס ברענגען די
די קינדער אין אינסטיטוט.



* * *

אלבערט איינשטיין אינסטיטוט

אין דער פראָנט פון דער יידישער שול אין פאנאמא...

* * *

שופר בלאָזן.

בלאָזן שופר איז שטענדיק געװען א סימבאָל פון גאָר גרויסע געשייענישן אין יידישן לעבן: אין צייטן פון מלחמה, גרויסן אומגליק און גאָר גרויסע פרייד, נצחון איבערן שונא.

===

ביים ברעג פון סיני װאו עס איז געגעבן געװאָרן די תורה, זאָגט זיך:

> ויהי ביום השלישי בהיות הבקר
> ויהי קולות וברקים וענן כבד
> על ההר וקל שפר חזק מאד ויחרד
> כל העם אשר במחנה.

און עס איז געװען אפן דריטן טאָג, װי עס איז געװאָרן פרימאָרגן, אזוי זיינען געװאָרן דונערן און בליצן און א שװערער װאָלקן אפן בארג, און דער קול פון שופר איז געװען זייער שטארק, און דאָס גאנצע פאָלק װאָס אין לאגער האָט געציטערט... (יידיש -יהואש)

ביים איננעמען יריחו דערציילט זיך: (יהושע ו)

> ושבעה כהנים ישאו שבעה שופרות היובלים לפני הארון
> וביום השביעי תסבו את העיר שבע פעמים והכהנים
> יתקעו בשופרות.

****
*****

****
*****

און זיבן כהנים זאָלן טראָגן זיבן שופרות פון װידערס פאר דעם ארון און אפן זיבעטן טאָג זאָלט איר ארומגיין די שטאָט זיבן מאָל: און די כהנים זאָלן בלאָזן אין די שופרות. (יהואש -יידיש)

און אז משיח װעט קומען, דאן ערשט װעט מען ערשט בלאָזן שופר..

והיה ביום ההוא יתקע בשופר גדול !!!

יידן װאונטשן זיך צו דערלעבן צו הערן דעם שופר של משיח

****
****

לא תרצח
לא תנאף
לא תגנב
לא תענה ברעך עד שקר
את הדברים האלה דבר יהוה אל כל קהלכם בהר מתוך האש
הערפל קול גדול ולא יסף ויכתבם על שני לחת אבנים ויתנם אל

סעסיל דע מיל וואָס האָט פּראָדוצירט דעם פילם :

די צען געבאָט.. דאָ זעען מיר אים מיט טשאַרלס העסטאָן אלס משה דער שקלאַף און באַפרייער..ק איינע פון די וואונדערבאַרסטע פילמען וואָס דער פּעאיקער און באַגאַבטער דע מיל האָט געשאַפן...



משה זעענדיק דעם
ברענענדיקן בוים....

* * *

משה אריבערגייענדיק
דעם רויטן ים.

* * *



After Seeing the Burning Bush

At the Crossing of the Red Sea

משה

פון אחד העם

--ווען איך לייען די הגדה אין דער נאכט פון פסח, און דער גייסט פון משה בן עמרם -דער דאָזיקער העלד פון העלדן, וואָס שטייט ווי א זייל פון ליכט אפן שוועל פון אונזער געשיכטע שוועבט פאר מיינע אויגן און פארטראָגט מיך אין עולם העליון --גייען מיך ואין יענע שעה אינגאנצן ניט אָן די אלע שאלות און ספקות וואָס די גוישע געלערנטע האלטן אין איין פרעגן : צי האָט באמת דער מאן משה געלעבט אין דער ווירקלאכקייט, צי האָט ער באמת געלעבט און געווירקט אף דעם אופן ווי סאיז אָנגענומען ביי אונזער פאָלק : צי איז ער באמת געווען „דער העלפער פון ישראל" און דער געבער פון דער תורה אין דער צורה ווי זי איז אויפגעהיט אין אונזערע הענט, און דאָס גלייכן אזעלכע פראגעס -- בין איך דאָס אלץ מבטל מיטאמאָל, מיט איין פשוטן קורצן ענטפער :

אָט דער אמאָליקער משה, וואָס איר זוכט אויפצוקלערן זיין ווירקלאכקייט און זיין מהות, איז בלויז אן עניין פאר אזעלכע געלערנטע ווי איר זיינט, --אָבער מיר האָבן אן אנדער משה, אונזער משה רבינו, דער וועמעס געשטאלט סאיז איינגעפאסט אין אונזער הארץ פון דור צו דור און זיין השפעה אף אונזער נאציאָנאלן לעבן האָט זיך ניט אָפגעשטעלט אף איין רגע פון די אלטסטע צייטן ביז היינט, און די היסטאָרישע ווירקלאכקייט פון דעם דאָזיקן משה הענגט כלל ניט אָפ פון אייערע חקירות.

****

אפילו ווען איך וואָלט זיך איינגעגעבן צו באווייזן קלאָר, וואָס קלאָרער קאָן ניט זיין, אז דער מאן משה האָט אינגאנצן ניט עקזיסטירט אָדער, ער איז ניט געווען דער משה ווי מיר מיינען --וועט דאָך גאָר ניט געמינערט ווערן דורך דעם די היסטאָרישע ווירקלאכקייט פון משה דעם דעם אידעאל, אָט דער וואָס איז געגאנגען אונז פאָרויס ניט בלויז פערציק יאָר דורכן מדבר-סיני, נייערט טויזנטער יאָרן דורך מדבריותן וואָס אונז איז אויסגעקומען דורכצוגיין פון מצרים ביז היינט.

און אזוי ווי די ווירקלאכקייט פון דעם משה ליגט ניט ביי מיר דעם מינדסטן ספק, אזוי איז מיר קלאָר זיין גאנצער מהות, און זיין מהות איז ניט אונטערוואָרפן קיין שום ארכעלאָגאָגישע „געפינסן". און איך זאָג :

* * *

די דאָזיקע אידעאלע פיגור איז באשאפן אין גייסט פון אונזער פאָלק-
און דער שאפער —שאפט אין זיין אייגן געשטאלט.

* * *

(פון זיי עסיי - משה)

עטלאכע ביאָגראפישע שטריכן :

אחד העם איז דער פסעוודאָנים (שרייבערישער נאָמען) פון העברייאישן שריפטשטעלער און דענקער אשר גינזבורג. געבוירן אין דער שטאָט סקוויר, אוקריינע אין יאָר 1856 און געשטאָרבן אין 1927.

געמאכט א רושם מיט זיין ערשטן בארימטן ארטיקל אין דער צייטונג „המליץ" אונטערן נאָמען „לא זו הדרך" (ניט דאָס איז דער וועג) שוין אין דעם ארטיקל געפונען זיך די הויפט-שטריכן ,יסודות,פון זיין שפּעטערדיקער שיטה . וואָס איז באקאנט אונטער דעם נאָמען :„אחד העמיזם" דער געדאנק, אז די אויפלעבונג פון לאנד (תחיית הארץ) קאָן ניט פאָרקומען פריער ווי ווען מען וועט ניט אויפלעבן דעם יידישן גייסט (תחיית האומה) די גייסטיקע אויפלעבונג פון די הערצער פון די יידן... געשאפן די געזעלשאפט „ בני משה „ כדי צו פארשפרייטן אָט די דאָזיקע געדאנקען צווישן פאָלק.

געווען אין ישראל און צוריקקומענדיק שארף ארויסגעטראָטן קעגן דעם אופן פון שטיצן די קאָלאָניעס.

אחד העמס ארטיקלען זיינען שפּעטער ארויס אונטערן נאָמען: „על פרשת דרכים" ער האָט געפרעדיקט א גייסטיקן צענטער (מרכז רוחני) וואָס וועט מיט דעם נאציאָנאלן גייסט און אנטוויקלטער העברייאישער קולטור האָבן אן איינפלוס אף די יידן איבער דער גאנצער וועלט.

דער געדאנק פון גייסטיקן צענטער פון אחד העם האָט געוואלטיק בע-איינפלוסט גרויסע טיילן פון דער יוגנט און אינטעליגענץ...

ער האָט אויך געהאט א גרויסע באדייטונג פאר דער אויסבעסערונג פון דעם מאָדערנעם העברייאישן סטיל. האָט געשאפן דעם קלאָרסטן העברייאישן שפּראך-סטיל און געוויזן,ווי מען קאָן אָן מליצות אויסדריקן פארשידענע געדאנקען. מאנכע ווערק זיינע, זיינען איבערזעצט אף :ענגליש,דייטש, פראנצויזיש און אנדערע שפּראכן. (זע די יידישע ענציקלאָפּעדיע)

* * *

משה

די סטאטוע משה פון מיקל אנזשעלאָ -װערט פארעכנט אלס אײנע פון די גרעסטע קונסט-װערק אין דער װעלט. אונזער משה דער באפרײער, דער װאָס האָט אונז געגעבן די צען-געבאָט, דער עטישער און מאָראלער פונדאמענט פאר אלע מענטשן פאר אלע צײטן --איז געװאָרן פארקערפערט אין מארבל - א פּאָעמע פארגעטערט אין שטײן... משה װערט דערהױבן בײם קינסטלער צו א אוניװערסאלער הזיך...



51 MICHELANGELO *Moses c.* 1515-16

מ. ז. טקאטש

שמעון פרוג (1860—1916)

צו פּראָמעטייען

איבערגעזעצט פון רוסיש: מ. ז. טקאַטש

„און גאָט האָט מיר געגעבן די צוויי שטיינערנע לוחות... און אויף זיי... די ווערטער וואָס גאָט האָט מיט אייך גערעדט אויפן באַרג פון מיטן פייער...״ (דברים)

איך פאַרנעם, פּראָמעטיי, דיינע פּיינלעכע קרעכצן
און מיט צער אין מיין האַרץ, ניט מיט רו,
קוק איך אויף דעם מאַסיוו פונעם פעלדז דעם פּאַטאַלן
און די קייטן וואָס שמידן דיך צו...
אָ, געוועזן איז צעאוס אַ גאָט פון אַכזריות,
אָן רחמנות געוועלטיקט האָט ער.
נאָר אַ רגע שוויג שטיל, קרבן פון זיין נקמה,
און אויף מיר, פּראָמעטיי, קוק און הער:
ניט געגנבעט ביי גאָט האָב איך ס'הייליקע פייער,
אים געגעבן אַליין האָט מיר גאָט.
כ'זאָל אים טראָגן צו מענטשן, אין הושך און קנעכטשאַפט,
און אים היטן — איז געווען זיין געבאָט.
ניט געגנבעט ביי גאָט האָב איך ס'הייליקע פייער,
אויך באַקומען אומזיסט האָב איך ניט:
אי מיט טרערן געצאָלט, אי מיט בלוט כ'האָב געסילוקט
פאַרן דאָזיקן פייער וואָס כ'היט.
און מיט טרערן און בלוט איך באַצאָל נאָך עד-היום,
ווי אַ חוב אויף אַ צייט אָן אַ לענג,
און עס פּיקט אין מיין ברוסט ניט קיין איינציקער שפּאַרבער,
נייערט הונדערטער שפּאַרבער און שלענג,
איינגעזויגן אין מיין אומבאַשיצטן האַרצן,
מיינע בלוט-וואונדן רייסן אָן סוף...
אָ, וואָס מיינט, אין פאַרגלייך מיט דער מאַטערניש מיינער,
דיינע אַלע יסורים און שטראָף?!...

* * *

(געדרוקט אין זשורנאל „זי״ן״)

פראָמעטעוס - דער גאָט -רעוואָלוציאָנער אין דער גריכישער מיטאָלאָגיע. (לעגענדעס,געשיכטעס וועגן גאָט און באשאפונג פון דער וועלט.)

****

לוים די גריכן,האָבן די געטער געלעבט אפן בארג אָלימפוס. געווען ניט איין גאָט,נאָר א גאנצע דינאסטיע מיט זעאוסן אין דער שפיץ. דער גאָט פראָמעטעאוס האָט זיך פארזינדיקט קעגן זעאוסן,מיט דעם וואָס ער האָט גענומען דעם געטלאכן פונק -פייער -און דאָס געבראכט צו די שטערבלאכע מענטשן. ער האָט זיי געלערנט זיך באנוצן מיט פייער,וואָס ביז דאן האָבן בלויז די געטער געוואוסט פון דעם. אויך אנדערע,ריין געטלאכע זאכן האָט ער זיי געלערנט וואָס זיינען געווען קעגן די געטער. בכלל,ער האָט זיי געלערנט קונסט און פארשענערט זייער מענטשלאך לעבן.

*****

דער הויפט גאָט,זעאוס האָט באפוילן דעם געטלאכן שמיד, העפעסטוס,אים צוקאָוון צום בארג קאווקאזוס און די ווראָנעס,רויב-פייגל זאָלן האלטן אין איין עסן זיין קערפער,ווייל ער האָט ווידערשפעניקט די געטער. אָבער,האָט זעאוס געזאָגט,אז אויב פראָמעטעאוס וועט בעטן און אנערקענען זיין זינד,וועט ער,זעאוס אים שענקען זיין פארברעכן... ווען מען האָט דאָס געלאָזט וויסן פראָמעטעאוסן,האָט ער אויסגעשריען:

„ איידער צו זיין א שקלאַף צו זעאוסן,וויל איך בעסער אומקומען.״

****

אף דער דאָזיקער טעמאָ האָט עסקילוס,דער גריכישער דראמאטורג,געשריבן זיין בארימטע דראמע,אויך שילער האָט אים געווידמעט א פאָעמע.

אף דער דאָזיקער טעמא האָט פרוג געשריבן דאָס ליד וואָס איז איבערזעצט פון אונזער חשובן פריינט מ.ז. טקאטש וועמעס ליד „צפת״ איז געווען געדרוקט אין א פריערדיקן נומער בולעטין.(נומער 13)

****

****

****

ראָזא לעווינסקי - האָכגעלערנטער 15 אלט.



דאָס שיינע טעכטערל פון שלום און סאָניא לעווינסקי -האָכגעלערנטער איז געוואָרן פיפצן יאָר אלט,וואונטשן מיר איר און די עלטערן,אסך נחת און גליק. איר זאָלט דערלעבן צו זעען פון איר אזעלכע קינדערלאך.

* * *

אונזערע פריינט :הערשל און פרידע אלטמאן זיינען,מיט מזל, געוואָרן באָבע און זיידע. וואונטשן מיר זיי אסך גליק צום ערשטן איניקל (כן ירבו..) און די עלטערן,דיק און עלקעלע - א גרינגע דערציונג און א סך,נחת און גליק...

* * *

א גליקלאך און פריילאך יאָר אלע אונזערע פריינט. זאָל דאָס יאָר ברענגען א שלום אף דער וועלט און,ספּעציעל,אונזער מדינת ישראל... וואָס נויטיקט זיך אין דעם זייער און שטארק...

* * *

די משפחה פון אונזער אומפארגעסלאכן בן עיר איטשע מאיר וויסענבערג

יחיאל פייוויטש ראָטשטיין, דער איידים פון א.מ.וויסענבערג, דער מאן פון דער עלטערער טאָכטער גענענדל, געשטאָרבן אין קאנאדא, אויך גענענדל, אויך אוועק פון אונז, און שפעטער איז געשטאָרבן זייער קינד ישראליקל, געבליבן זיינען בלויז: די יינגערע טאָכטער פערל און די צוויי קינדערלאך, איטשעלע, נאָך זיין באַרימטן זיידן—און יהודיתל, וואָס ווערן איצט דערצויגן פון פערל, זייער מומע, אין קאנאדע.

יחיאל פייוויש ראָטשטיין, גענענדל, יהודיתל, איטשעלע און ישראליקל.

אונטן: יהודיתל און פערל, איטשעלע און פערל וויסענבערג.





מיר האָבן געבעטן אונזער ליבע פערל ווייסענבערג־זילבערבערג־אונז געבן אביסל זכרונות פון איר און פון איר שוועסטער, נאָכן חורבן ביז איצט. און אָט וואָס זי שרייבט מיר:

טייערער שאָלעק. אדאנק איך פאר אייער שנעלן ענטפער. קודם כל, האלט איך איצט אין שרייבן די זכרונות פון מיין פאָטער, און וואָלט וועלן, אויב עס איז מעגלאך, אז מאנכע זשעלעכאָווער וואָס געדענקען גוט דאָס שטעטל פון אמאָל, מיר צושיקן מאטעריאלן וואָס קאָן מיר העלפן. צ.ב. פאראן אסך, לעגענדעס וועגן שטעטל אין דער צייט פון די מחלוקת צווישן די חסידים און מתנגדים, אויך אנדערע געשייענישן וואָס קאָנען געבן א קלאָר בילד פון אמאָל. פאראן, נאטירלאך, דאָס שטעטל, פון מיין פאָטער, ברײנסקים און יחיאל לערערס ־־אָבער, איך וואָלט וועלן האָבן געדעכענישן פון מענטשן וואָס לעבן נאָך, און גלויב, אז אזעלכע געפינען זיך צעשפרייט איבער, כמעט, אלע טיילן פון דער וועלט. זייט אזוי גוט, לאָזט וויסן וועגן דעם אין בולעטין, אז די דאָזיקע פריינט זאָלן זיך שטעלן אין פארבינדונג מיט מיר אפן דאָזיקן אדרעס:

Perl Silberberg 224 _ 15th Avenue S W
Calgara Alta Canada

איך שיק אייך צו די בילדלאך פון מיין שוועסטער און איר פאמיליע, ווי אויך מיין בילדל מיט די געבליבענע קינדערלאך פון מיין שוועסטערס משפחה.

צו באשרייבן אונזער דורכלעבן דער צייט פון דער קאטאסטראָפע איז מיר איצט, בשום אופן, ניט מעגלאך. ניט פאראן די שפראך וואָס קאָן איבערגעבן די טראגעדיעס וואָס זיינען געלאָפן איינע נאָך דער אנדערער. מיר זיינען איבערגעקומען, מיט אלע אנדערע רעשטלאך געראטעוועטע יידן, ווי אזוי ? שווער זיך אליין צו דערקלערן. שפעטער, אין רוסלאנד, האָבן מיר אויך געבראכט גענוג קרבנות אפן רויטן מזבח צו די געטער... דער גאָט פון מלחמה (רויטע צי שווארצע, ניט וויכטיק) פארלאנגט דאָך אוודאי קרבנות... איך האָף זיך נאָך אמאָל אומקערן צום קאפיטל, רוסלאנד. איצט וויל איך אייך איבערגעבן נאָר די געשיכטע פון מיין גענענדל עה, נאָכדעם ווי זי איז שוין געהאט צוגעשווימען צום פרידלאכן ברעג: זי איז געקומען קיין קאנאדא מיט איר מאן, פייוול ראָטשטיין און

זייערע דריי קינדערלאך אין יאָר 1951. כדי צו דערנערן זיין משפחה,האָט ראָטשטיין אָנגענומען א לערער־שטעלע,באָטש,ער האָט געהאט א שוואך הארץ. ער האָט ניט געהאט קיין ברירה. אביסל שפעטער,ווערט גענענדע קראנק און מוז גלייך אָפערירט ווערן,ווייל עס האָט זיך געוויזן סימנים פון דער שרעקלאכער קראנקייט... ווען זי איז נאָר אהיימגעקומען,איז ער אוועק אין שפיטאָל מיט א הארץ־אטאקע,און—שוין מער ניט געקומען צוריק...

און דאָ בלייבט גענענדל אליין מיט דריי קינדערלאך און אָן שום מיטלען צו לעבן. און די שרעק פאר דער צוקונפט פון אירע קינדערלאך, דאָס באגלייטן איר מאן,אלץ צוזאמען האָט נאָך פארערגערט איר קראנקייט פארלוירן א וואָך זיין אין שפיטאָל...און אין עלטער פון 44 יאָר איז זי אוועק פון דער וועלט..בסך הכל איין יאָר זיין אין קאנאדא,נאָכן דורכלעבן יאָרן פון פיין און אוממענטשלאכע ליידן,איז איין טראגעדיע געלאָפן נאָך דער אנדערער...די טראגעדיע פון א געראטעוועטער משפחה...

און טאקע צוליב דער טראגישער לאגע בין איך אוועק פון ישראל און געקומען קיין קאנאדע.

****

אָבער,דאָס איז נאָך ניט אלץ. דאָס מעסטל איז נאָך ניט געווען פול,ווייזט אויס.איז זייער יינגסט יינגעלע ישראליקל קראנק געוואָרן אף לאקאָמיע און אויך אוועק פון דער וועלט. געבליבן זיינען בלויז די צוויי קינדערלאך פון מיין שוועסטער: איטשעלע און יהודיתל.

באשרייבן איך ,מיין ליבער פריינט די גרויזאמקייט פון גורל,ווי די מאמע אין איין בעט,דאָס קינד אין צווייטן—און ביידע מיט אזעלכע אומהיימלאכע קראנקייטן ד—איז איבער מיינע כוחות.היינט דאָס לויפן צו איר אין שפיטאָל,צוזעען ווי זי האָט זיך געפייניקט גאנצע 5 חדשים ביז איר נשמה איז אויסגעגאנגען־אין דער זעלבער צייט,דאָס קליינע ישראליקל שווער,מיין פריינט דאָס איבערצוגעבן...דער דאָקטאָר האָט נאָר געבעטן,אז זי זאָל פריער אוועק און ניט זעען דעם סוף פון איר קליין קינד.. דאָקטוירים,קליניק,פינצטערע,בייזער קאָשמאר...דער דאָקטאָר האָט אויסגעבעטן,ישראליק איז אוועק באלד נאָך איר טויט...

זי האָט פארלאָזט אונזער וועלט דעם חודש אָקטאָבער 1957 איר קינד —סעפטעמבער 1958..

****

* * *

דאָס איזאיין קורצן אונזער טראגיש קאפיטל, דער איבערבלייב פון דער משפחה ווייסענבערג. ווען עס איז שוין ניט געווען מער צו וועמען צו גיין, צו וועמען צו לויפן, איז דער קאָשמאר געוואָרן נאָך גרעסער און שטארקער. די אויסגעליידיקטע וועלט -נאָך ליידיקער. און וואָס קאָן דען מער זאָגן ? וועל איך פארענדיקן מיט די בעסטע גריסן פאר אייך און פאר אלע פריינט זשעלעכאָווער וואו זיי געפונען זיין...

פריינטלאך פערל ווייסענבערג, זילבערבערג

דעם 5טן יולי 1968 קאנאדא -קאלגארא

* * *

א הארציקן דאנק אייך, טייערע פערל, פאר אייער ריינד בריוול און מיר האָפן, אז פון היינט אָנוועלן מיר זעען, וואָס אָפטער, אייער נאָמען אין אונזער שריפט. די וואָס האָבן געלייענט דאָס לעצטע בוך, ארויסגעגעבן פון אונזער משפחה-זשעלעכאָוו און געלייענט די פאָרריידע פון אונזער ליבע און טייערע פערל, האָבן געזעען, אז די טאָכטער פון אונזער אומשטערבלאכן ריזן-גייסט, איטשע מאיר ווייסענבערג, איז אליין א באגאבטע שרייבערן. איר ארייןפיר צום בוך איז געשריבן מיט וויסן, טאלאנט און טיפע פארשטענדעניש פאר דעם דעליקאטן ענין -ליטעראטור... כאָטש, אביסל פארביטערט קעגן א וועלט וואָס האָט זייער ווייניק געטאָן צו העלפן אזא געניאלן שרייבער, ווי איר טאטע איז געווען, דאָך, גלויב איך, אז דער נאָמען ווייסענבערג וועט שטענדיק געדענקט ווערן מיט רעספעקט, ווי ער פארדינט. ארויסגעוואקסן פון די טיפעניש פון אָרימען פאָלק, ווייניק בילדונג, און זיך דערהויבן צו א פילאָזאָפישער הויך... אונזער פערל, די טייערע טאָכטער פון דעם טאלאנטפולן טאטן וואָלט, באמת, געמעגט שרייבן... זי האָט א פיינעם אופן צו באהאנדלן, דערגרונטעוון זיך אין דעם גאָלדענעם געוועב -ליטעראטור. טייערע פערל, מיר ווילן זעען אייער נאָמען אין אונזער בולעטין...

א הארציקן דאנק אייך פארן אָנהויב... הארציק שאָלעק

* * *

****

באר שבע – געגרינדעט געוואָרן פון די טערקן אין יאָר 1880 אלס פאָליציי־פאָסטן אין נגב. פון דעם יאָר 1936 ביזן יאָר 1948 האָבן דאָרטן קיין יידן נים געוואוינט. אין יאָר 1955 האָט די יידישע שטאָט באר שבע פאַרמאָגט 20,500 און אין יאָר 1958 איז די באַפעלקערונג געוואַקסן ביז דער צאָל 32,000 (צוויי און דרייסיק טויזנט)

****

****

האָט אברהם גענומען שאָף און רינדער, און געגעבן אבימלכן, און זיי ביידע האָבן געשלאָסן א בונד. און אברהם האָט אוועקגעשטעלט זיבן לעמער פון די שאָף באַזונדער. האָט אבימלך געזאָגט צו אברהמען: וואָס זיינען די דאָזיקע לעמער, וואָס דו האָסט אוועקגעשטעלט באַזונדער ? פאַרוואָר, די זיבן לעמער מוזטו נעמען מיין האַנט, כדי דאָס זאָל מיר זיין עדות, אז איך האָב געגראָבן דעמדאָזיקן ברונעם. דרום האָט מען גערופן יענעם אָרט באר־שבע. ווייל דאָרטן האָבן זיי ביידע זיך געגעבן א שבועה. (יידיש ־יהואש)

****

****

געאָרג בראנדעס וועגן חיים נחמן ביאליק

פון י.זילבערבערג

פריינט פון דער העברייאישער ליטעראטור האָבן שטארק חשק געהאט,אז חיים נחמן ביאליק זאָל קריגן דעם נאָבעל־פרייז,וואָס די אקאדעמיע אין שוועדן טיילט אויס יערלאך פאר דעם גרעסטן ליטעראַרישן ווערק: באזונדערס איז געווען אין דעם פאראינטערסירט פראָפעסאָר דוד סימאָנסען, דער רב הכולל פון דענעמארק.און אזוי ווי די שוועדישע אקאדעמיע האָט זיך שטארק גערעכנט מיט געאָרג בראנדעס רעקאָמענדאציעס,דעריבער האָט מען צוגעשטעלט געאָרג בראנדעסן די איבערזעצונגען פון ביאליקס שירים. צוליב דעם,וואָס בראנדעס איז געווען געצוואונגען צו לייענען ביאליקס ווערק ניט אין אָריגינאל,איז זייער אסך פארלוירן געגאנגען.

* * *

דאָס דאָזיקע ארטיקל וועגן ביאליקן האָט בראנדעס געשריבן אין 1915,און ווייל עס איז געשריבן געוואָרן אין דער צייט,ווען די ערשטע וועלט־מלחמה האָט זיך שוין געהאט צעפלאקערט,שילדערט געאָרג בראנדעס, אין ערשטן העלפט פון ארטיקל,די שרעקלאכע ליידן,וואָס די יידן זיינען אויסגעשטאנען פון די צארישע בעאמטע,צוליב דעם,וואָס מען האָט זיי באַשולדיקט אין די רוסישע מפלות:ער שרייבט אויך וועגן דער מיאוסער ראָלע וואָס עס האָבן געשפילט די פּאָלאקן: זיי האָבן פארשפרייט העצעס קעגן יידן. די שרעקלאכע יידישע ליידן שילדערט בראנדעס,כדי צו ווייזן די אטמאָספערע,אין וועלכער ביאליק האָט געלעבט און געשאפן.

געאָרג בראנדעס שרייבט אין דער הקדמה צו דעם ארטיקל וועגן חיים נחמן ביאליק:

* * *

איך האָב לעצטנס געזען „פסח־אייער״ וואָס די פּאָלאקן האָבן געשיקט צו די פוילישע סאָלדאטן אין די יום־טוב־טעג פון פסח.אף דעם אויבערשטן טייל פון פסח־איי איז,אנשטאט א פארפוצונג,פאראן א בילד פון א פוילישער פרוי,וואָס ליגט פעסט צוגעבונדן צו א טיש,ארום איר זיצן פיר פוילישע יידן,וועלכע צאפן אויס מיט זויג־מכשירים איר בלוט,וואָס דארף גענוצט ווערן אף פסח צו די מצות.

אן דער צווייטער זייט פון איי ווערן די פוילישע סאָלדאַטן אויפגעהעצט נקמה צו נעמען אין די יידן.

* * *

אַזעלכע און ענלאַכע געש״עענישן פון היינט צו טאָג, מוז מען אין זינען האָבן, ווען מען נעמט זין לייענען דעם ליריקער, וואָס שטייט פאַר די מזרח״איראָפּ״אישע יידן ווי זייער אָנגעזעענסטער און געאַכטעסטער דיכטער: דער פּאָעט וואָס קאָן זיך אויך באַרימען מיט דעם פולסטן צוטרוי פון די יידן אין זייער גרעסטער באַוואונדערונג צו אים און זיינע פּאָעטישע ווערק. חיים נחמן ביאַליק האָט ווידער לעבעדיק געמאַכט די אַלטע העבר״אישע שפּראַך. דער לייענער וואָס קען בלויז ביאַליקן פון איבערזעצונגען־־איז ניט ביכולת געַנוג צו באַשטימען זיין באַדייטונג ווי דער באַהערשער פון דער פּאָעטישער פאָרם, נאָר מוז זיך באַנוגענען בלויז מיטן איינדרוק פון דעם דיכטערס וועזן.״

(אָט איז געאָרג בראַנדעס אַרטיקל „חיים נחמן ביאַליק״אין מחברס איבערזעצונג פון דעניש.)*********

געבוירן איז ביאַליק אין יאָר 1873 אין ראַדי, א דאָרף אין דער רוסיש־פוילישער גובערניע וואָלין, וואו זיין פאָטער האָט געהאַט אַן אָרימע פויערים־קרעטשמע, אָבער ער האָט זיך אָפגעגעבן מיט לערנען. ווען חיים נחמן ביאַליק איז אַלט געוואָרן 6 יאָר, האָבן זיינע עלטערן אויסגעוואַנדערט קיין זשיטאָמיר, וואו זיין פאָטער איז גלייך געשטאָרבן. דאָס יינגל איז געקומען אונטער דער השגחה פון זיין זיידן, און געקראָגן א יידישע דערציונג, וואָס איז מיט אַן ערך הונדערט יאָר צוריק נאָך געגעבן געוואָרן די יידישע קינדער אין מערב־איראָפּע און ווערט נאָך היינט צו טאָג געגעבן די יידישע קינדער אין מזרח־איראָפּע. טעג און יאָרן האָט ער פאַרבראַכט לערנענדיק גמרא. עראיז אַריינגעפירט געוואָרן אין די געהיימניספולע טראַדיציעס, לאָזנדיק זין באַוועלטיקן פון די ניט ווינציקער געהיימניספולע נאַטור־איינדריקן. ער האָט אָבער געבענקט נאָך אמתדיקן לעבעדיקן־לעבעדיקן וויסן, געהאָפט צו געפונען דאָס אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, דאָרטן האָט ער אָבער געפונען אומאויפהערלאַכע פּירושים איבער דעם תלמוד און ענדלאָזע וויכוחים. דאָן איז צו אים דערגאַנגען די ידיעה וועגן א נייער באַוועגונג און וועגן נייע האָפענונגען אין רוסישן יידנטום:

* * *

ער איז געוואויר געוואָרן ווי שטארק דער ציוניזם האָט זיך פארשפרייט צווישן די יידן און אויך וועגן גייסטיקן פירער פון אָט דער באַוועגונג -אחד־העם.כדי צו זיין נאָנט צו אחד־העמען און באפרוכפערט צו ווערן פון אים,האָט ביאליק דאן פארלאָזן די ישיבה און דעם תלמוד און איז אוועק קיין אָדעס,וואָס איז ביסלעכווייז געוואָרן זיין היים.

א שטיקל צייט האָט ער געלעבט אין סאָסנאָוויץ,דאן אין ווארשע. אָבער ער האָט זיך אומגעקערט קיין אָדעס,וואו ער האָט פון 1905 ארויסגעגעבן צוזאמען מיט אחד־העמען,א העברייאישן מאָנאטסשריפט. דער יידישער קריטיקער ראווניצקי,וואָסהאָט געזען ביאליקס ליד״אל הציפור״(צום פויגל)האָט באמערקט אין אים אסך טאלאנט,און צוזאמען מיט ראווניצקין האָט ער אָנגעפירט אסך יאָרן דעם פארלאג״מוריה״.

* * *

דער יאָמער פון דער גאנצער מענטשהייט שפיגלט זיך אָפּ אין ח.נ. ביאליקס דיכטונג.א דריי־טויזנט־יאָריקער יאָמער,וואָס איז אויך געהייליקט מיט האָפענונגען און אויפטואונגען:מיט געטלאכע חזיזעס און תפילות.א רייכע אומווירקלאכקייט,ווי א ראם ארום אן איינאונאיינציקער ווירקלאכקייט־פיינלאכער מארטירערטום.

ווי געטריי דער דאָזיקער ליריקער איז צו זיך און זיין שטאם. קיין שום פלאסטיק.זעלטן עפּעס וואָס איז ממשותדיק,אָדער אנשוילאן פון דער דרויסנדיקער וועלט:קיין מאל ניט קיין געשטאלטן וואָס לויכטן און באוועגן זיך פריילאך אין דער זון פון לעבן.און ווי ערנסט שרייבט דער דאָזיקער ליריקער!קיין מאל ניט קיין פערז,קיין מאל ניט קיין קורץ־געפאסטער אָפּגערונדערטער געזאנג,וואָס קלינגט אזוי נאטירלאך אין שפראכן פון יינגערע צייטן,די וואָס דארפן ניט מיט מי זיך אריינפאסן אין דעם באנעמען און אין די סענטימענטן פון מאָדערנעם לעבן.

* * *

עס ליגט א יום־טובדיקייט,א תפילה־געזאנג,אן ערנסטקייט פון א קהילה־געבעט אפילו אין די לידער,וואָס זיינען טיף פערזיינלאך. רירנדיק איז דאָס ליד אין וועלכן ביאליק דערציילט פון וואנען ער האָט געירשנט זיין געזאנג.אין זיין פאָטערס חדר האָט געוואוינט א זינגער, וואָס איז געווען באהאלטן אין די פינצטערע לעכער און שפאלטן,הינטער

די אָרימע שטובזאכן.דער דאָזיקער זינגער האָט פארמאָגט נאָר איין־און איינציקן טאָן,א מארטירער־טאָן;דאָס געזאנג פון איינטאָניקע ליידן. און אָפט,ווען דעם יינגלס הארץ איז שטיל געווען,ווען זיין געוויין־דערשטיקט,און די צונג זיינע ־ שטום,צוגעקלעפט צום גומען ־דעמאָלט האָט אין דער וויסטער נשמה פון דעם יינגל אריינגעדרונגען דער טרויעריקער טאָן פון יענעם בעהאלטענעם מוזיקאנט־די גריל,דער זינגער פון דער נויט ;.

****

די שבת־ליכטער זיינען געווען פארמשכונט,און אף זייער אָרט האָט געברענט א מאט ליכטל,צוגעקלעפט פעסט צום שטיקל ליים. די שאָטנס האָבן געטאנצט,און זיבן קינדער,הונגעריקע,שלעפערדיקע האָבן ארומגערינגלט דעם טיש,אף וועלכן עס איז ניט געווען,ניט קיין חלה, און ניט קיין וויין.דער פאָטער האָט צעשניטן דעם הערינג מיט א שטום־פיק מעסער,געטיילט יעדן א שטיקל,און בעת די קינדער האָבן ברומנדיק געזונגען די זמירות,האָט זיך פון א ווינקלחדר געהערט געזאנג פון דער גריל,ווי זי וואָלט זיך איינגעהערט אין דעם ברומען פון די זמירות און געגעבן דעם ריכטיקן טאָן.

***

די נאטור־דערשיינונגען,צו וועלכער ביאליק ווערט במעט אויסשליסלאך מיטגעריסן,און באזינגט זי תמיד־איז דאָס ליכט,די שטראלן פון דער זון.א שיין ליד הייסט „מאָרגן־גייסטער״:ער וואכט אויף,ווי דער מוטערקוש,אָדער דאָס שוואלבן־געזאנג,וואָלטן אים אויפגעוועקט פון זיסן דרימל,אָדער גאָר ליכט־שטראלן,וואָס האָבן געשיינט און געשטראָמט אף זיין פנים,האָבן אים אויפגעוועקט.די פעדים פון חלום,וואָס זיינען איבערגעריסן געוואָרן,פילן זיך נאָך,די מאָרגן־גייסטער קלאפן נאָך,ווי די טויבן,אף די פענצטער־שויבן: זיי צעשפרייטן ליכט,ברענגען דאָס ליכט,וואָס שיינט דאן אף די סודותדיקע זאנגען,אף גלאנציקע כוואליעס, אף מאָרגנטוי,און אף קליינע קינדער און מוטערס ־די,וואָס נויטיקן זיך אין דעם ליכט.דאָס הארץ פון דיכטער צעגייט.ער פארמאכט די אויגן אין שטילער פרייד.דאָס דאָזיקע ליכט האָט אים איבערגעוועלטיקט.

****

אין אסך שירים ווי„צום פויגל״וואָס קומט פון דרום און ברענגט מיט זיך א דופט און א באלזאם־הויך פון שרונם־טאָלן,און אין א ריי

אנדערע לידער,דריקט ביאליק אויס זיין ליבע צום יידישן פאלק און צו ציון: דאס בענקען און גארן נאך ציון.און דא איז פאראן די זון, צו וועלכער ער שיקט זיין תפילה און נאך וועלכער ער גארט א פארשמאכטער פון דארשט.

****

די פאר ליבע-לידער,וואס געפונען זיך אין ביאליקס זאמלונג,זענען אויס צו זיין שוואך-באווירקט פון שיר-השירים.פאראן אין זיי פרייד פון שיר השירים איבער דער נאטור און פרילינג.אבער ניט פונק פון איר לעבעדיקער און ווארימער גלוסטיקייט.זיי זיינען אויך באהויכט פון א רעליגיאזיטעט,וואס איז שיר-השירים פרעמד.אין אנדערע לידער ווייזט זיך ביאליק מיטן געפיל און מיט דער שטרענגקייט פון א נביא:גאט האט אים געשיקט.ער זאגטן אן,שטראפט,און טרייסט. דא איז פאראן שטארקייט,אבער ניט די פייאיקייט,וואס שאפט בילדער און פארמירט געשטאלטן.

******

ביאליקס לידער פארלאנגען אבער ניט עפעס אנדערש פון אים,ווי נאר דאס וואס ער גיט.ער איז דער גייסט,ביי וועמען די נייע העברייאישע לידער געפונען נארונג:דער דיכטער,וואס קען זייער צער,זייער הכנעה און זייערע וואונטשן:דער פאעט,וואס דריקט אויס זייער חלום,און וואס זאגט זיי אן א צוקונפט אין מארגן-ליכט,אין שלום און אין פרייהייט אף ציונס ערד.

(פון בוך-מענטשן און פאלק --י.זילבערבערג)

****

קורצע ביאגראפישע שטריכן פון געארג בראנדעס.

יידיש דענישער שרייבער,איינער פון די גרעסטע און וויכטיקסטע קענער פון דער אייראפעישער ליטעראטור.איינע פון די וויכטיקסטע ווערק,וואס האט געמאכט א רושם אין דער ליטערארישער וועלט-איז געווען און פארבליבן "הויפט שטרעמונגען אין דער וועלט-ליטעראטור פון 19טן יאר הונדערט".אויך:געשריבן וועגן,שעקספירן,געטהא,אפהאנדלונגען וועגן תנ"ך,הענריק איבסן,יעזוס-א לעגענדע,וואלטעיר,יוליוס צעזאר, דיזריילי,ביקאנספעלד,דענישע שרייבער,פוילן און רוסלאנד,מיקאל-אנזשעלא און פיל אנדערע. וועגן זיין באציונג צום יידישן לעבן און צו אירע ווארט-פירער--זע זילבערבערגס בוך; "מענטשן און פאלק".

****

****

У некоторых американских стратегов появилась идея создания израильских «подручных» военно-морских сил для выполнения операций, в которых 6-й флот США выглядит «слишком громоздким». (Из газет).



Флот «по особым поручениям». Рис. В. Фомичева.

א סאָוועטישע העצע־קאַריקאַטור וועגן דער פריינטשאַפט צווישן אַמעריקע און ישראל און וועגן די באַציאונגען צווישן דער אידישער מדינה און מערב־דייטשלאַנד. דער העצער באַנוצט זיך מיט דער עקלהאַפטער „חכמה״: „מאָדע־אויסשטעלונג 1968—די בעסטע מאָדעלן: וואַשינגטאָן, תל אָביב און באָן״ — ווי עס קלינגט די העצערישע אויפשריפט.

די אנטיסעמיטישע העצע גייט אָן.

דער קאָמוניזם איז געוואָרן
א סינאָנים פארן וויסטן
פינצטערן יידן־האס.

****

עס גייט ניט דורך א טאָג
אז די צייטונגען זאָלן אונז
ניט ברענגען נייע בוואליעס
פון ברוטאלן גיפט, האס,
וואָס קאָן זיך פארמעסטן מיט
ערגסטע גיפטיקע אנטי־יידישע
קאמפאניעס פון צארס צייטן..

******

אויך פוילן, דאָס קלאסישע
לאנד פון ברוטאלן יידן־האס
שטייט ניט אָפּ...און ווי ווייט
ווי טיף, קאָנען די „דערלייזער״
פון דער מענטשהייט זינקען ?

****

שוין אוועק עטלאכע חדשים זינט פרעמיער אשכול איז געווען אין „ווייסן הויז״ אפעלירט צום פרעזידענט זשאנסאָן צו פארקויפן צו דער מדינה, עראָפּלאנען זיך צו באשיצן קעגן די נאצערישע מערדער וואָס האלטן אין איין קריגן נייע מאָרד־מכשירים פון סאָוועטן־פארבאנד, און ביז היינט צו טאָג, האָט ישראל נאָך ניט געקראָגן קיין שום עראָפּלאנען.

א ברוקלינער קאָנגרעסמאן האלט איצט אין זאמלן עטלאכע מיליאָנען אונטערשריפטן כדי צו ווירקן אף וואשינגטאָן צו באוויליקן אשכול'ס פארלאנג־העלפן ישראל פארטיידיקן אירע גרעניצן... און דאָך, שטערט דאָס ניט די רוסישע צייטונגען צו פירן א העסלאכע קאמפאניע קעגן דער מדינה.–„כמעט אלע נייע מאָרד־מכשירים ווערן אויספּרובירט פון ישראל...״

אין דער צייט ווען זעקס מיליאָן זיינען אומגעקומען

(צווייטער אַרטיקל – פאָרזעצונג פון נומער 13 בולעטין)

די געשיכטע פון דער שיף „סענט לואיס״ איז א פיינלאך מענטשלאך קאַפיטל אין צוואנציקסטן יאָר הונדערט – א צוגאָב צו דער בלוטיקער היטלער צייט. אין קורצן איז די טאגא אזאָ:

דעם 13טן מאי 1939 איז די לוקסוס שיף פון דער „האמבורג אמעריקן קאָמפ." ארויסגעפאָרן פון נאצי־דייטשלאנד פירנדיק 936 עמיגראנטן קיין קובא. צווישן זיי, 930 יידישע פאסאזשירן. יעדער פון זיי האָט געהאט אריינפאָר וויזעס קיין קובא. יעדער איינער האָט געהאט באצאָלט 262 דאלאר פארן בילעט ווי אויך 81 דאלאר אויפצאווייזן ביים לאנדן. א גרויסער טייל פון זיי האָבן שוין געהאט קרובים אָדער נאָנטע פריינט וואָס האָבן פארזיכערט, אז זיי וועלן ניט פאלן צו לאסט דער רעגירונג. ארום 743 האָבן געהאט בלויז צייטווייליקע וויזעס, אף עטלאכע חדשים, וואָס דער פאָרשטייער פון דער עמיגראציע האָט זיי באוויליקט, ווייל די מערסטע זיינען געווען בארעכטיקט לויט דער קוואָטע, צו קאָנען אריינקומען אין די שטאטן...

קאָראָנעל בעניטאָס, דער אָפיציעלער פאָרשטייער פון דער קובאנער רעגירונג האָט געקראָגן 150 דאלאר פאר יעדן צייטווייליקן פערמיט.

די אלגעמיינע לאגע דאן אין דייטשלאנד פאר יידן איז געווען זייער שלעכט. די באגרעניצונגען קעגן יידן אף כמעט אלע געביטן האָט פשוט פאראָרימט און געלאָזט דעם ייד אָן שום אויסזיכטן אף צו קאָנען לעבן. האָבן די עמיגראנטן פארקויפט אלץ וואָס מען האָט פארמאָגט כדי צו שאפן די עטלאכע הונדערט דאלאר זין צו ראטעווען פון קומענדן אומגליק..

די געדעכעניש פון דער טרויעריק בארימטער „קריסטל־נאכט״ איז געווען און פארבליבן ביי יעדן איינעם. איז די האָפענונג צו קאָנען ארויס פון גהינום געווען די לעצטע שטראל.. אָט עטלאכע יידישע פאסאזשירן:

מאקס לאָווע, אן אדוואָקאט פון בריסל, זיין פרוי, אן אלטע מאמע, און צוויי טעכטערלאך. פון די קלעפ וואָס ער האָט געקראָגן פון די נאצי־מערדער איז אים פארבליבן געשוואָלענע פיס וואָס שטערט אים זיין נאָרמאלן גאנג.

און אָט די גוטמאנס: חתונה געהאט אָט איצט פארן אָפּפאָרן און זייער האָניק חודש פראוון זיי אף דער שיף, וואָס דארף זיי ברענגען אין לאנד

פון פריהייט. מאָריטץ שעהנבערג טרוימט איצט אָנצוהויבן א ניי לעבן. זיין פרוי און 18־יעריקע טאָכטער זיינען שוין אין די שטאטן, ווארטנדיק אף אים אין קובא. מאָריטץ מעלדער, א פּראָפעסאָר, שווערלאך איצט אָנצוהויבן פאר א געלערנטן אין א ניי לאנד, און קיין קרובים ווארטן ניט אף אים דאָרט...רבי געלדער, 67 יאָר אלט, האָט בלויז איין באגער, זיין צו טרעפן מיט זיינע צוויי זין וואָס זיינען שוין פון פריער אין קובא. און אזוי האָבן די קוים פון טויט־געראטעוועטע, געשפּונען זייערע חלומות און האָבן ניט געקאָנט טראכטן, אז דער פרעזידענט ברו פון קובא, האָט אין דעקרעט 93 אנולירט, אָפּגעשאפט אלע סערטיפיקאטן וואָס זיינען ארויסגעגעבן געוואָרן אין דייטשלאנד. די״האמבורג אמעריקן ליין״ האָט שוין פון דעם געוואוסט נאָך איידער די שיף איז אָפּגעפאָרן. אָבער דער אויסערגעוויינלאכער קאָמאנדיר פון דער שיף, גוסטאף שרעדער האָט געהאָפט, אז צוליב די אויסערגעוויינלאכע באדינגונגען, די געפאר וואָס עס דראָט די אלע ייִדישע עמיגראנטן, וועט ער קאָנען אויספּועלן ביי די קובאנער פאָרשטייער ארויסצואווייזן אביסל מענטשלאך געפיל און אריינלאָזן די עמיגראנטן.

*****

דער קאפּיטאן שרעדער איז געווען אויסערגעוויינלאך פריינטלאך צו די פּאסאזשירן און שוין לאנג ווי די אומגליקלאכע, האָבן ניט געזען אזא פיינע מענטשלאכע באציונג פון א דייטש. פיינע מאָלצייטן סערווירט, און ער האָט זיך באמיט ניט ארויסצואווייזן, אז עפּעס איז ניט גלאטיק מיט די סערטיפיקאטן, כדי ניט אריינברענגען די מענטשן אין א טרויער־שטימונג. מען דאַרף ניט פארגעסן, אז פון די 930 ־האָבן שוין 734 געהאט אָנגעגעבן אף אמעריקאנער וויזעס לויט דער קוואָטע און שוין געהאט אפילו די נומערן אנווייזנדיק, אז זיי זיינען בארעכטיקט אריינצוקומען לעגאל אין די פאריייניקטע שטאטן. טאָ וואָזשע איז זיך דאָ צו זאָרגן? אפן ערגסטן פאל, וועלן זיי בלייבן ווארטן דערווייל אין קובא.. און אויב קובא זאָל זיי ניט אריינלאָזן, וועט דאָך די פאריייניקטע שטאטן (דער ארסענאל פון דעמאָקראטיע לויט רוזוועלטן) זיכער זיי ניט לאָזן צוריקפאָרן אין היטלערס קרעמאטאָריומס...עס קאָן דאָך ניט זיין..

דעם 27סטן מאי קומט אָן די שיף״סענט לואיס״קיין קובא.

****

די שיף ווערט ארומגערינגלט מיט מיליטער היטנדיק,אז קיינער זאָל ניט ארונטערשפרינגען.בלויז 22 וואָס האָבן געהאט ספעציעלע דערלויבענישן און באצאָלט אן אדוואָקאט א גרויסע סומע בלויז די דאָזיקע זיינען ארונטער פון דער שיף.אלע אנדערע,אפילו די יעניקע וועמעס קרובים זיינען שוין געווען אין קובא פון פריער,און זיי האָט מען ניט דערלויבט צוקומען אפילו,נאָענט צו זייערע קרובים.זיי האָבן בלויז געקאָנט פאָכן מיט די טיכלאך און מיט פארוויינטע אויגן כאפן א בליק אף זייערע נאָנסטע...

די ציטונגען זיינען פול מיט די דאָזיקע געשייעניש.אין קובא ווי אין די פארייניקטע שטאטן. דער״זשאָינט״שיקט ארונטער איינע פון אירע וויכטיקסטע פאָסטייער־צעציליא ראָזאָווסקי צו העלפן די אומגליקלעכע.. און לאָרענס בערענסאָן,א ניו יאָרקער אדוואָקאט וואָס האָט רעפרעזענטירט די ״קאָמערץ קאמער״פון קובא אין די פארייניקטע שטאטן און א פערזיינלאכער פריינט פון דעם דיקטאטאָר פולגענציא באטיסטא..זיי ביידע האָבן אָנגעהויבן צו ארבייטן לטובת די קרבנות פון היטלעריזם.דער־״זשאָינט״ האָט איינגעלייגט א באָנד 125,000 דאלאר גאראנטירנדיק,אז קיינער פון זיי וועט פאלן צו לאסט דער רעגירונג. דער״זשאָינט״ האָט פארזיכערט זיי אלעמען אויסצוהאלטן.

****

עס האָבן זיך אָנגעהויבן אונטערהאנדלונגען...טעג און טעג.און דאן האָבן זיך געמאָלדן גענוג געלט־נעמער,וויפיל וועט יעדער בעאמטער פון די דאמאלסטיקע פירער פון קובא קריגן אין זיין קעשענע... זיי האָבן געוואָלט ריין ווערן פון יידישן אומגליק און פיין... האָבן זיך געמאָלדן יעדן טאָג מער און מער ״ראטעווער״.סהאָט שוין געהאלטן דערביי צו באצאָלן טויזנטער פאר יעדן איינעם אימיגראנט...און צום סוף,האָט דער פרעזידענט און דער דיקטאטאָר באטיסטא דערזען,אז סוועט ווערן א וועלט־סקאנדאל פונקט ווי אייכמאן ־־געלט,פאר לעבנס־־און באשלאָסן ־ איינגאנצן ניט אריינלאָזן די אומגליקלעכע.

****

די שיף האָט זיך דערנענטערט צו די ברעגן פון דעם פרייען־דעמאָקראטישן אמעריקע.״קאָסט־גארדס״מיט ריזיקע ליכט־לאָמפן האָבן שוין געהיט,אז קיין איינער זאָל זיך קאָנען ארונטערכאפן אין רוזוועלטס גרויסע דעמאָקראטיע. און אָט וואָס עס שרייבט די״ניו יאָרקער טיימז״---------

„די שיף סעינט לואיס וואס איז ניט אריינגעלאזט געווארן קיין קובא איז געקומען נאענט פון מיאמי, און לויט דעם באפעל פון אונזער רעגירונג|געהיט געווארן, אז קיין איינער זאל זיך חלילה ניט אריינכאפן קיין מיאמי.

אין אזא טראגישע צייט ווען מענטשן וועמען עס דראט דער טויט, אויב זיי קומען צוריק קיין דייטשלאנד___ האט וואשינגטאן ניט געפונען פאר נויטיק צו עפענען די טירן און ראטעווען די אומגליקלאכע.

פארוואס האט ניט פרעזידענט רוזוועלט, אדער דער אויסערן מיניסטער געגעבן א באפעל צו מאכן אן אויסנאם מיט די פון טויט געראטעוועטע ? עס איז און וועט פארבלייבן דער גרעסטער שאנד־פלעק אף אונזער לאנד"

די גרעסטע און איינפלוסרייכסטע צייטונג אין אונזער לאנד, אין דער וועלט, האָט יאָ געזעען דאָס וואָס אונזער פאָרשטייער „טריבון פון דעמאָק־ראטיע" ווי ער באטיטלט זיך, האָט ניט געקאָנט פארשטיין, פילן און האנדלען מענטשלאך, ראטעווען די אומגליקלאכע וואָס האָבן געקלאפט אין די טויערן פון פרייען אמעריקע און געוועקט דעם געוויסן פון אמעריקאנער פאָלק. יאָ, מיר שטימען איין, עס וועט פארבלייבן א שטענדיקער פלעק אף די פאָרשטייער פון אזא ריזיק און פריי לאנד. ווער נאָך ווי אמעריקע האָט באדארפט ווייזן דער וועלט א מוסטער פון דערהויבן זיך, איבער דעם געזעץ, ווען עס האנדלט זיך פון ראטעווען מענטשלאכע באשעפענישן. פאר די אונגארן און קובאנער, שפעטער אונטער קאסטרא, פאר זיי האָבן ביידע פרעזידענטן, אייזענהאואר דער רעפובליקאנער און קענעדי, דער דעמאָקראט, יאָ גענוצט דעם אויסנאמס געזעץ וואָס גיט דעם פרעזידענט א רעכט צו האנדלען, אפילו אויסער דעם געזעץ... אזוי האָט געהאנדלט פרעזידענט רוזוועלט וועמען די וועלט האָט איינגעהילט אין א שלייער פון, כמעט, א הייליקן. אונזער מחבר ווייזט אָן אף הונדערטער פאלן וואו מען האָט געקאָנט ראטעווען פון די נעגל פון דער נאצי בעסטיע, טויזנטער און אָפן טויזנטער פון אומקום.

*****

די שיף האָט געמוזט, מיט אלע עמיגראנטן, צוריקקומען קיין אייראָפע וואו די מערסטע לענדער האָבן שוין געשקלאפט אונטער דעם היטלער יאָך.

214 זיינען געבליבן אין בעלגיע,287 אין ענגלאנד 181 אין האלאנד, 224 אין פראנקרייך.. די אייראפעיאישע לענדער וועמען עס האט געדראט די געפאר ארונטערצופאלן אונטער דעם שטיוול פון נאציזם(וויעס האט שפעטער פאסירט) האבן יא געקאנט עפענען זייערע טויערן פאר די יידן און די לאטיינישע לענדער צוזאמען מיט די"פאריייניקטע שטאטן" האבן פארהאקט זייערע טויערן פאר די אומגליקלאכע..דאס טארן מיר נים פארגעסן -שרייבט דער חשובער מחבר מארס.

דער מענטשלאכער קאפיטאן פון דער שיף,אין קעגנזאץ צו די נאצישע מערדער האט ארויסגעוויזן געוואלטיקע וואַרימע באציונג און פארשטענדערניש פאר די יידישע קרבנות און דורך דער גאנצער צייט באמיט זיך צו דערהאלטן זייער מוט. נאך דער מלחמה איז ער באערט געווארן פון דער מערב דייטשער רעגירונג פאר זיינע ריין מענטשלאכע טאטן. עס האט זיך אין יענער צייט געפאדערט גענוג מוט ארויסצואווייזן און האנדלען פיין און מענטשלאך לטובת יידן.

****

איינע פון די מאטיוון מיט וועלכע אונזער רעגירונג אונטער דעם פרעזידענט רוזוועלט און זיינע מיטהעלפער האבן פארענטפערט זייער אפאטישקיים און אומווילן צו העלפן די קרבנות פון היטלעריזם,איז געווען: מיר טארן זיך נים מישן אין די אינערלאכע אנגעלעגנהייטן פון וועלכן אנדער לאנד...און דאס איז געווען דער לייט-מאטיוו,צו פארענטפערן די פארברעכערישע גלייכגילטיקייט אין די יארן פון 1939 ביז 1944...עס איז געווען דער דאזיקער ברוטאלער ליגן וואס האט באדארפט פארדעקן:ביוראקראטישיים,גלייכגילטיקייט צום גורל פון מיליאנען...

און אט האבן מיר א דאקומענט וואס ד״ר סיירוס אדלער האט דאן געשריבן וועגן דעם צו אונזער אויסערן-מיניסטער קארדעל האל:

(געשריבן אין יאר 1933) די בריטישע,פראנצויזישע און אויסטראלישע רעגירונגען האבן אויסגעדריקט זייער פראטעסט קעגן די נאצישע הארדעס און זייער אנטיסעמיטישן פראגראם בנוגע יידן.פאראן דא,ביי אונז אין לאנד גענוג מענטשן וואס גלויבן און פילן,אז אזא פראטעסט פון אונזער רעגירונג וואלט געהאלפן אפשוואכן זייער אנטי יידישע ארויסטריטן און זייער פריידיקן גיפטיק אנטיסעמיטישן האס.

און דאן גיט ד״ר אדלער א צעטל פון דער געשיכטע פון די שטאטן,וואו מען האָט זין יאָ געמישט אין פרעמדע לענדערס אנגעלעגנהייטן און נאָך די פּאָגראָמען אף יידן אין צארישן רוסלאנד-אפילו אָפּגעבראָכן די נאָרמאלע דיפלאָמאטישע,עקאָנאָמישע באציונגען פאר יאָרן.

אין יאָר 1840 איז פאָרגעקומען א בלוט בלבול אין דאמאסקוס,וואו יידן זיינען באשולדיקט געוואָרן אין דעם מיטלאלטערלאכן שאנד-באשולדיקונג אז יידן באנוצן זיך מיט קריסטלאן בלוט אף פסח -אלס רעזולטאט זיינען יידישע פירער געפייניקט און דערמאָרדערט געוואָרן. דער פרעזידענט וואן ביורען האָט דורך אונזער אמבאסאדאָר זשאן פאָרסיים דערלאנגט א שטארקן פראָטעסט צו דעם סולטאן און געפאָדערט אין נאָמען פון די פאריייניקטע שטאטן אָפּשטעלן דעם ווילדן ברוטאלן געיעג נאָך די יידן. אלס רעזולטאט -דער סולטאן האָט געגעבן א באפעל צו די ריכטער,אז אלע ארעסטירטע יידן זאָלן באפרייט ווערן מאָמענטאל און מער זאָלן אזעלכע פראָצעסן נים פאָרקומען.

****

1857-- האָט דער פרעזידענט זשיימס בוכאנאן אויסגעפונען,אז יידן ווערן פארווערט צו וואוינען אין געוויסע געגנטן,אין שווייצאריע. דורך זיין סעקרעטאר לואיס קאס האָט ער געהייסן געבן א שטארקן פראָטעסט צו דער רעגירונג וואָס דערלויבט אזא דיסקרימינאציע קעגן א טייל פון אירע בירגער בלויז צוליב זייער רעליגיעזער אנגעהעריקיים..

„ עס איז קעגן די הייליקע שריפטן וואָס זיינען דער פונדאמענט פון דער גאנצער מענטשלאכער ציוויליזאציע און קעגן דער ווירדיקייט פון אונזער רעגירונג און פון אלע פרייע רעגירונגען"...

צוויי יאָר שפעטער,אלס רעזולטאט פון דעם אריינמיש פון דער רעגירונג פון די פאריייניקטע שטאטן,זיינען אלע דיסקרימינאציעס אינגאנצן אָפּגעשאפט געוואָרן. אין 1874 איז אין דער קאָנסטיטוציע פון שווייצאריע אינגאנצן אויסגעמעקט געוואָרן אלע געזעצן וואָס האָבן דיסקרימינירט קעגן יידן.און זיי געגעבן פולשטענדיקע רעליגיעזע און אנדערע פרייהייטן גליין מיט אלע בירגער פון לאנד.

אין יאָר 1863 אין טאנזשיר.דער אמעריקאנער אמבאסאדאָר האָט אין נאָמען פון פרעזידענט לינקאָלן פראָטעסטירט קעגן די אומטענטשלאכע בעהאנדלונג פון די מורן קעגן די יידן. א פראָטעסט וואָס האָט שפעטער

מיט יאָרן,געבראכט דערפאָלג אלס רעזולטאט פון לינקאָלנס אריינמישונג. דערקלערט אמבאסאדאָר פעלקים מאטיוס:„איך בין גליקלאך צו דערקלערן, אז אדאנק אונזער איינפלוס און דירעקטן אנטייל,זיינען די באציונגען מיט די יידן געוואלטיק פארבעסערט געוואָרן..״

אין יאָר 1832 אין צארישן רוסלאנד,ווי מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט.א קריסטמאס-נאכט אין ווארשע.א פאלטשער פייער-אלארם,און מען האָט באלד באשולדיקט די יידן.עס איז פאָרגעקומען א פאָגראָם וואו טויזנטער יידישע געשעפטן זיינען צעראבירט געוואָרן. יידן זיינען געבליבן אָן ברויט און ביים שרעק פאר זייערע לעבנס און פאמיליעס. דאן האָט דער אמעריקאנער אמבאסאדאָר פרעדריק פרעלינגהאזן,אין נאָמען פון דער אמעריקאנער רעגירונג אריינגעטראָגן א שטארקן פראָטעסט קעגן די ברוטאלע,ווילדע באהאנדלונג פון די יידן, אומבאשיצטע בירגער.

* * *

מיר ווייסן,אז די צארישע רעגירונג האָט זיך גענויטיקט אין אומרוען, פאָגראָמען אף יידן כדי אָפּצוציען דאָס פאָלק פון זייער אמתן שונא-דאָס איז שטענדיק גענוצט געוואָרן פון די הערשער,אפילו ביז היינטיקן טאָג... פאָגראָמען זיינען ווייטער אָנגעגאנגען אומגעשטערט-פיל מאָל מיט דער הילף פון צארישע בעאמטע..און דאן ברעכט אויסדער בארימטער „קישעניעווער פאָגראָם״ דער„ביילים פראָצעס״ און דער פאָגראָם וואו 47 יידן זיינען דערמאָרדערט געוואָרן.ווען די דאָזיקע נייעס האָט דערגרייכט די שטאטן,זיינען אין 50 שטעט אָפּגעהאלטן געוואָרן פראָטעסט-פארזאמלונגען און טויזנטער בירגער, יידן און ניט יידן,אָנגעזעענע שטאטס-לייט האָבן אויפגעפאָדערט דעם פרעזידענט גליין ארויסצושיקן א וואָרענונג צו דער צארישער רעגירונג,אז:

---פראָטעסטירנדיק קעגן די ברוטאלע,אוממענטשלאכע באהאנדלונג פון די יידישע בירגער ...רעליגיעזע דיסקרימינאציעס זיינען זינד קעגן דעם באשעפער.אין נאָמען פון ציוויליזאציע פאָדערן מיר,אז די דיסקרימינאציעס זאָלן גלייך אָפּגעשאפט ווערן.

פרעזידענט רוזוועלט (טעאָדאָר) האָט איבערגעגעבן דעם רוסישן אמבאסאדאָר דעם פראָטעסט.און ווען דער לעצטער האָט זיך אנטזאָגט צונעמען, איז דער פראָטעסט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אלע צייטונגען. אָבער,מיט דעם האָט זיך נאָך ניט פארענדיקט דער ענין.אין יאָר 1913 ווערט אָפיציעל,אלס רעזולטאט פון די דיסקרימינאציעס,איבערגעריסן די דיפלאָמאטישע באציונגען...

1902 אין רומעניע.א שטארקע אנטיסעמיטישע באוועגונג האט געדראט צוצונעמען אלע רעכטן פון די ײדן־האט דאן,דער אויסערן־מיניסטער אין נאמען פון פרעזידענט טעאדאר רוזוועלט,געשיקט א שטארקן פראטעסט צו דער רומענישער רעגירונג: עס שרייבט זיך :

„דאס אויסשליסן די ײדן פון אלע פראפעסיעס און בארויבן זיי פון דער מעגלאכקייט צו לעבן אן אנשטענדיק לעבן,איז אפשטויסנד צו די געפילן פון אמעריקאנער פאלק.די ײדן קאנען ניט קויפן קיין לאנד,ווערן מיטגלידער אין די צעכן,צו קאנען פארדינען זייער טעגלאך ברויט. די רעגירונג קאן , בשום אופן ניט בארעכטיקן אזא אומענטשלאכער באהאנדלונג קעגן אירע בירגער פון אן אנדער גלויבן. עס איז א פארברעכן,ניט בלויז קעגן די ײדן ,נאר קעגן דער גאנצער ציוויליזירטער מענטשהייט. דאס קאן ניט און וועט ניט טאלערירט ווערן..."

אזוי האט געשריבן דער דעמאלסטיקער אויסערן־מיניסטער זשאן העי 31 יאר פאר דער היטלער צייט.פונקט ווי א נבואה...דאן האט די רעגירונג ניט קיין מורא געהאט זיך צו מישן אין „אינערלאכע אנגעלעגנהייטן"וואס האט געדינט פאר אן אויסרייד אין די דרייסיקער יארן פאר רוזוועלטן און האל.

* * *

אין יאר 1915...אין טערקיי. דאן האבן מיר סעקרעטאר מארגענטוי וואס האט געשיקט א שטארקן פראטעסט קעגן די מארדן פון די ארמענער. ער האט דאן,אין נאמען פון דער רעגירונג,געשריבן:

„די טערקישע בארבארישע באהאנדלונג פון טויזנטער ארמענער, האט ארויסגערופן גרויסן צארן ביים אמעריקאנער פאלק,קעגן אומבאשיצטע בירגער פון אייער לאנד.אזעלכע האנדלונגען קאנען פולשטענדיק צעשטערן די גוטע באציונגען וואס עקזיסטירן צווישן מיין פאלק און אייערס"....

אונטער דער פירערשאפט פון נארוועגער נאנסן האט די „פעלקער־ליגע" באזעצט טויזנטער ארמענער אין פארשידענע לענדער.פשוט,געראטעוועט טויזנטער פון אומקום.

* * *

דאס אויפפרישן די דאזיקע פאקטן האט ווייניק געווירקט סיי אפן סעקרעטאר האל ווי אויך אפן פרעזידענט רוזוועלט.(ווי אזוי האט מען געקאנט ראטעווען טויזנטער פון אומקום־אין קומענדן בולעטין, נומער 16.)

* * *

די פּאַסאַזשירן גייען ארויף אויף דער „סעינט לואיס". כאַפּן א לעצטן בליק.



Three take a last look back.



Passengers board the St. Louis *at Hamburg on May 13, 1939.*

די שיף „סעינט לואיס" פאַרלאָזט האַמבורג דעם 13טן מאַי 1939. אלע עמיגראַנטן 930 יידישע און 6 קריסטן, האָבן געהאַט וויזעס קיין קובאַ אונטערגעשריבן פון דעם קובאַנער אָפיציעלן פאָרשטייער, דירעקטאָר זשענעראל פון אימיגראַציע, קאָראָנעל מאַנועל בעניטעס.

די קינדערלאַך שפּילן זיך אויף דעם דעק פון דער שיף וואָס דאַרף זיי ברענגען אין א נייער וועלט, א פריידלאַכע און גליקלאַכע...



דיקטאַטאָר באַטיסטא

פּרעזידענט ברו.

לאָרענס בערענסאָן, דירעקטאָר פון קובאַנער „טשעמבער אוף קאָמערץ" אין די פאַריייניקטע שטאַטן, וואָס האָט „געקערט וועלטן" אריינצוברענגען די פון — „טויט געראַטעוועטע" קיין קובאַ --- און נית געקאָנט...

-מלך ראוויטש

ווארט!וועלט!בוך

דאָס גאנצע לעבן מיינס— דאָס גאנצע,לאנגע לעבן מיינס—כמעט פון דער קינדהייט אָן – לייען איך ביכער,זאמל איך ביכער,שרייב איך ביכער. ביכער,ביכער,ביכער——און איך בין נאָך אלץ נים זאט מיט ביכער.ניט מיט לייענען,ניט מיט זאמלן און אויך ניט מיט שרייבן זיי.

אלע אפעקטן און ליידנשאפטן זיינען עלול צו מינערן אויף דער עלטער קילער צו ווערן.דער ביכער— אפעקט אָבער,שטארקט זיך מיט דער עלטער.יעדנפאלס,אין דער נשמה פון דעם שרייבער פון אָט די שורות.

******

אין אלע שטעט און לענדער וואו איך האָב געוואוינט—טאקע שיר ניט פון דער קינדהייט אָן—האָב איך,צוליב אלערליי סיבות,איבערגעלאָזט,ביים פארלאָזן זיי,קלענער אָדער גרעסערע ביבליאָטעקן.און זיי זיינען,צוליב אלערליי סיבות,נעלם געוואָרן פון מיר און איך האָב זיי שוין קיינמאל מער נים צוריקבאקומען.און צו יעדער פון אָט די ביבליאָטעקן מיינע איז אין מיר געבליבן א בענקשאפט אזוי ווי נאָך לעבעדיקע מענטשן,איבערגעלאָזענע, פריינט,און שוין מער קיינמאל אין לעבן ניט געזעענע.

ניט אלע ווי דאָס וואָלט געווען,מענטשלאך אוממעגלאך,ווייל צייט גייט נאָר אין איין ריכטונג.אלעמאָל נאָר אהין,אהין,קיינמאָל מער ניט צוריק: יאָ,ניט אלע מיינע ביכער האָב איך געלייענט,אָבער די,וואָס איך האָב געלייענט,און עס איז די גרעסטע העלפט פון אלע אָנגעזאמלטע ביכער, האָבן סימנים אין שריפט,אז אין און מיינע אויגן און אָטעמאָל,מיין הארץ, זיינען דאָרטן געווען.איך האָב א גוטע טבע,אפשר מיין בעסטע פון די שלעכטע טבעס,צו שרייבן אויף די ראנדן פון ביכער,אזוי פון מיין קינדהייט אָן.

****

זינט מיין ערשטע קליינע ביבליאָטעק פון ארום זעקס הונדערט ביכער איז נעלם געוואָרן,אין מיין געבוירן—שטעטל אין דעם ערשטן וועלט-קריג, חלום איך מיר ווען עס איז ווידער צו פארייניקן מיט מיינע פארפאלענע ביבליאָטעקן.און וואָס עלטער איך ווער —ווערט דער חלום אפעקטירטער און ליידנשאפטלעכער,ווייל אלעמאָל מער האָפענונגסלאָז...

איך האָב צוליב אלערליי סיבות איבערגעלאָזן ביבליאָטעקן אין רעדים, מיין שטעטל אין לעמבערג, אין וויין, אין ווארשע, אין מעלבאָרן, אין תל־אביב. וואָלט מיין חלום זיך ערגיץ־וואו, ערגיץ־ווען געקאָנט פארוואנדלן אין רעאליטעט־וואָלט אָט די צענטראלע לעבנס־ביבליאָטעק מיינע געציילט זיבעטער ארום פופצן טויזנט בענד.

****

אָבער דאָס וועט שוין קיינמאָל נים געשעען. אפילו טיילוויז נים. אפילו די ביכער, וואָס זיינען דאָ מיט מיר בשעת איך שרייב די ווערטער־קאָן איך אלע צוזאמען נים זעען, ווייל די מייסטע פון זיי ליגן זויבער פארפאקט, צוליב מאנגל אין פּלאַצעס־אין קעלער.

די וועלט באשטייט פון פאָרמען און אינהאלטן. אויסשפרייט און געדאנקלאבקייט ־רופט עס שפינאָזא. די צוויי דערקענטע אטריבוטן פון דער סובסטאנץ. פאָרם אָן אינהאלט לעבט נים. אָבער אינהאלט אָן פאָרם עקזיסטירט נים. ובכן ־לויט דער לאָגיק פון דער פאָרמולירונג -- שטייט פאָרם איבער דעם אינהאלט.

וואָרט איז פאָרם פון געדאנק.

אָבער וואָרט איז אויך אינהאלט ־אינהאלט פון בוך. אינהאלט פון אלע ביכער. וואָרט איז די פארבינדונג צווישן מענטש און קאָסמאָס. דער חומש לערנט, אז וואָרט איז אויך די פארבינדונג צווישן גאָט און קאָסמאָס. מיט ווערטער האָט ער די וועלט באשאפן. און די געשיכטע פון דער וועלט־באשאפונג דורך וואָרט באפוילן אריינצושרייבן אין א בוך.

אין דעם בוך פון די ביכער, דעם ספר הספרים.

****

מסתמא איז דאָ דאָס באוואוסטזיין פון דעם אינהאלט פון די שורות מיט ווערטער וועגן ביכער־וואָס זיינען דאָ אויבן געזאָגט געוואָרן־טיף, טיף אין מיר־און דאָס איז די סיבה פון מיין אומהיילבארן אפעקט צו ביכער. צו ביכער בכלל און יידישע בפרט.

וואויל זיינען ווערטער שוין לאנג אף ער וועלט געווען ־איידער די שריפט איז געבוירן געוואָרן. וואויל איז די שריפט שוין לאנג געווען אף דער וועלט־איידער דאָס בוך איז געבוירן געוואָרן. דאָס בוך האָט אריינגעבראכט א נייעם עלעמענט אין קאָסמאָס, א נייעם עלעמענט אין דער קאָסמישער צייט. ביז דאָס בוך איז דיוועלט געגאנגען אין איין ריכטונג

פאָרוים,פאָרוים.אזוי אויך די צייט.

מיט דער באַשאַפונג פון בוך האָט דעראיצט באַקומען א נייעם עלעמענטאַרן כוח -דער אויגנבליק האָט באַקומען דעם כוח שטיין צו בלייבן. און נים נאָר דאָס,נאָר אויך גיין אָף צוריק--און די צייט דעם כוח אי צו גיין פאָרוים און אי צו גיין צוריק.

אָן ביכער בין איך בלויז א באַשעפעניש.מיט ביכער בין איך א מענטש.אָבער צי זיינען ביכער אויך מענטשן מיט אמתן לעבן אין זיך?

אן איבערלעבונג איז ווי א דאָרן געבליבן שטעקן אין דער נשמה פון איינעם,וואָס האָט אן עלעמענטארן אפעקט פאר ביכער-אין מיין נשמה:
אז די דיכטערן איידע מאזע ז״ל איז געוואָרן אן אלמנה,בין איך געקומען זי מנחם אבל זיין.זי איז געזעסן אפן בעט מיט די פיס אונטער זיך, מיט די הענט באלכסון און גערעדט צו די אריינגעקומענע,צו זיך אליין און צו די ווענט מיט ביכער ארום אין דער שטוב -„ביז היינט האָב איך געמיינט,אז ביכער זיינען לעבעדיקע מענטשן,פריינט,טרייסטערס, -היינט קוק איך אָף זיי ווי אָף טויטע פאפיר-הויפנס -פאפיר,טויט פאפיר”...

אָבער אין וואָך שפעטער האָב איך געזען איידע מאזע פארטיפט אין א לידער-בוך,ווי אין אן אינטימען טרייסטנדיקן שמועס מיט א געטריען פריינט. און פאָרט האָב איך נים פארגעסן דאָס ביטערע וואָרט:

****

פאפיר --טויט פאפיר.

דאָס גאנצע לעבן מיינס -כמעט פון דער קינדהייט אָן -לייען איך,זאמל איך,שרייב איך,-ביכער.ביכער,ביכער,ביכער און בין נאָך אלץ נים זאט.

און ערגיץ וואו,אָף דעם פעלד פון אָט דער בענקשאפט,פארייניקן זיי זיך ווידער און ווערן א גאנצקייט,וואָס זיי זיינען קיינמאָל נים געווען און וועלן מסתמא קיינמאָל נים זיין מער.

רעדים,די ביבליאָטעק פון מיין קינדהייט, סטאניסלע --פון מיין פריער יוגנט -לעמבערג -פון מיין יוגנט -ווין -א גאנצע וואנט ביכער -א גרויסע זאמלונג שפינאָזיאנא -ווארשע -ביכער געזאמלט אין פארלויף פון פערצן יאָר פון אינטענסיוון און אקטיווסטן ליטעראַרישן לעבן -- יאָרן פון וואנדערונגען-אין כמעט יעדער שטאָט א ביכער-זאמלונג געלאָזן און געהאָפט זיי ווען עס איז זיי צו באַקומען -אויסטראליע - א זאמלונג פון אן ערך טויזנט ביכער-טיטלן -ניו יאָרק,בוענאָס איירעס-

מאָנטרעאָל-א זאמלונג פון צוויי יאָר-דעקאדן- די מייסטע זיינען מיט מיר- די מייסטע פארפאַקט אין גרויסער אָרדענונג אין קעסטלאך אין אַ קעלער- תל אביב -ארום א טויזנט ביכער-ליגן אונטער דער השגחה פון מיין זון זויבער פארפאקט -אפשר נאָך ערגיץ-וואו אָבער איך געדענק ניט מער.דאָס וואָס איך געדענק טוט גענוג ווי.

אין אָנהויב איז געווען דאָס אות-
****
דאָס אות איז א בריק צווישן קלאנגאון וואָרט.
פון ווערטער ווערט א בוך-
א בוך איז א בריק צווישן גאָט און קאָסמאָס-
פון ביכער ווערט א ביבליאָטעק-
פון מענטשן ווערט א מענטשהייט-
****
פון ביכער א ביכהייט -
דער מענטש,די מענטשהייט קאָן די
צייט ניט איינהאלטן -
דאָס בוך,די ביכהייט קאָן איינהאלטן די צייט.

****

אין ביבליאָטעקן איבער פינף קאָנטינענטן האָב איך שטיקער פון מיין לעבן געלאָזן -שטיקער פון מיין חלום געלאָזן,אז דער מענטש זאָל קאָנען הערשן איבער זיין נשמה און האָבן גוטן ווילן,גוטן ווילן -- אָבער דאָס וועט אפשר קיינמאָל ניט געשעען,אזוי ווי עס וועט קיינמאָל ניט געשעען,אז איך זאָל צוזאמענעמען אלע מיינע ביבליאָטעקן אין איין אָרט- אלע מיינע ביבליאָטעקן פון אלע טיילן וועלט -וויפיל ביכער ?פינף,צען, און אפשר די גאנצע פופצן טויזנט --

****

(זשורנאל „יידישע וואָרצלן„)



THE THINKER *by Rodin*


ERNEST HEMINGWAY


BERTRAND RUSSELL



ALBERT EINSTEIN

פארטיידיקער פון מדינת ישראל

אבא קאָװנער...דיכטער־פּארטיזאַן און חבר פון קיבוץ״עין־החורש״..

------- מיר גייען ביסלעכווייז צוריק צו אונזער טעגלאכער ארבייט. אין אונזער קיבוץ, אין נחל עוז, אפן גולן־בארג, אין ירושלים א.א.װ. אָבער, מען לעבט נאָך אלץ מיטן געפיל פון די יוני־טעג, וואו מיר האָבן דערוואַרט א שחיטה. די דאָזיקע מלחמה האָט ניט קיין נאָמען, ווייל נאָך לאנג וועלן מיר ניט באגרייפן די פולע באדייטונג פון יענע טעג...

צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון אַן אלטן און יסורים־פארשטענדלאכן פאָלק האָט פאסירט, אז מיר האָבן בייצייטנס ניט צוגעלאָזט קיין קאטאסטראָפע און חורבן. דער אויספיר:

אונזער פאָלק וועט קיינמאָל ניט שטיין מיטן פנים צו דער וואנט, ווייל מיר האָבן געלערנט די לעקציע פון דעם היטלער־חורבן. מיר האָבן עס צו פארדאנקען דער אנטשיידונגס־מוטיקייט פון דער פאָלקס־פירונג. דער זעלבסטאָפּפער פון צה״ל און דער קרבנות־גרייטקייט, וואָס האָט זיך ארויסגעוויזן ביים גאנצן פאָלק !!! ----------------

איך האָב ווידער דערזען מיין פאָלק, ניט נאָר ווען 125 בחורים פון אונזער קיבוץ האָבן זיך אויפגעהויבן און שא שטיל־אוועק אין דער

ארמיי,נאָר אויך דאָס פאָלק אין א שטעטל אין שרון,אן איינפאך שטעטל מיט סוחרים,ארבייטער און ארבייטסלאָזע.דאָס איז געווען א שיינער טאָג, א לויטערער פרימאָרגן,איינער פון יענע פרימאָרגנס ווען דו שטייסט אויף און זאָגסט צו זיך אליין: היינט וועט קיין מלחמה ניט זיין !

אין גאס האָט זיך דערהערט א מעלדונג אין ישראל־ראדיאָ,וואָס האָט גערופן רעזערוויסטן צום דינסט לויט די איינהייטן מיט זייערע פארשיידענע נעמען.דאָס איז געווען א שטימע פון האמער־קלעפ אף א שטיין. די שטאָט האָט איינגעהאלטן איר אָטעם. *******

איך שטיי נעבן א קיאָסק,קויף א צייטונג.פלוצים האָט דער צייטונגספארקויפער א זאָג געטאָן:מען רופט מיך !!!ער האָט צוזאמענגעלייגט די צייטונגען,פארשלאָסן דעם קיאָסק און איז אוועק זיך שטעלן צום מיליטער. דאָס זעלבע דער קצב פון דער יאטקע אנטקעגן,האָט אויסגעטאָן זיין פארטוך און אוועק..א גרופע יינגעלייט מיט טראזיסטאָרס אין די הענט געשטאנען און זיך צוגעהערט צו דער ראדיאָ־אוידיציע.יעדעס מאָל ווען איינער האָט דערהערט זיין נאָמען,איז גלייך אוועק פון דער גרופע. א שטאָט איז אוועק און סאיז א זעלטענע שטילקייט.

כהאָב שוין געזען ווי אזוי פעלקער אין איראָפע האָבן זיך מאָביליזירט און אוועק אין דער מלחמה.כהאָב אויך געזען אף באן־סטאנציעס ווי מען געזעגנט זיך מיט נאָנסטע איידער מען פאָרט אוועק אין דער מלחמה,פרויען און קינדער כליפן און וויינען...איך האָב אויך געזען ווי מען מארשירט מיט געקאָוועטע טשוועקעס אף די שיך צווישן א יובלדיקע מאסע און מען שרייט: וויוואט !!!איך האָב אָבער נאָך ניט געזען א שטאָט וואָס זאָל אזוי שטיל זיך מאָביליזירן פילנדיק די שווערע גורלדיקע שעהן,די גורלדיקייט פון מאָמענט און ארויסווייזנדיק אזא גרייטקייט,אָן געוויינעריי,אָן מארשן און אָן געזעגענען זיך.

דאָס איז געווען מיין פאָלק וואָס איך האָב ניט דערקענט !!!

דערציילט מיר,א פאראשוטיסט,איינער פון די באפרייער פון אלט־ירושלים:

־־מיר האָבן פלוצים באקומען א באפעל צו פאָרן קיין ירושלים.מען האָט אונז אָנגעוויזן דעם ערשטן אָביעקט וואָס מיר דארפן דעראָבערן־־

די פּאָליצײ־שולע אין ירדנישע הענט.איך האָב געטאָן וואָס אנדערע האָבן געטאָן.פון מײן אָפּטײל זײנען געפאלן 4 חברים.אײנער האָט גענומען דעם אויפרײס־מאטעריאל,איז אוועק אויפצורײסן די קאָמפּליצירטע שטעכל־פארצוימונגען,האָט זיך אלײן אויפגעריסן,איז געפאלן אפן פארקאן־־און מיר זײנען ארײן אינעװײניק.עס האָט זיך ארויסגעוויזן,אז ניט נאָר 2 נאָר געווען 4 דראָט־פארצוימונגען.מײן חבר איז פאָרויסגעלאָפן מיט 5 האנטגראנאטן,זיך ארײנגעריסן אינעווײניק־־און איז געפאלן..איך האָב געשלעפּט א פארוואונדערטן ירדנער אָפיציר,אסך א גרעסערן פון מיר און די ירדנישע סאָלדאטן האָבן דאָס געזעען און געהאלטן אין אײן שיסן אף מיר...איך האָב ווײטער געהאלטן אין טראָגן דעם פארוואונדערטן ירדנער.

* * *

שווער איז געווען דער קאמף אף דעם אמוניציע־בערגל,ביז מיר זײנען ענדלאך דערגאנגען צום הר־הבית.כהאָב ניט געשריען,כהאָב גאָר ניט געפילט.און אָט האָב איך דערזעען דעם קאָמענדאנט פון אונזער באטאליאָן מיט טרערן אין די אויגן.פלוצים האָב איך פארשטאנען וואָס דאָ איז געשען.כבין צוגעגאנגען און אָנגערירט דעם כותל מערבי און א קוש געטאָן די שטײנער.

* * *

און דאָס איז ניט די גאנצע געשיכטע...

יעדער דור האָט זיך זײן מעמד הר סיני.דאָסמאָל איז עס געווען דער מעמד הר סיני פון דעם ײנגען דור,און ניט דווקא ווײל ער האָט זוכה געווען צו בלאָזן שופר אפן הר־הבית.די גרויסקײט באשטײט אין דעם, וואָס די ײנגע קעמפער זײנען צוריקגעקומען פון די שלאכט־פעלדער מיט זײער פריערדיקן צלם אלהים.זײער אויטענטישע ווערטן זײנען ניט באשמוצט געוואָרן,נאָר פארקערט: זײנען ארויס געלײטערטע אין פײער!!

פון דער טמאדיקער שאָלעכץ וועט זיך אָפּשײלן די שטאָלענע מאסקע פון ארמילוס דעם רשע,וועלכער פארשוועכט דעם נאָמען סאָציאליזם אין דער גאנצער וועלט... (אן אָנדײט אף יענע „רעוואָלוציאָנערע״ פאָלקס־דעמאָקראטיעס״ וואָס העלפן אונז פארטיליקן..)

אײנער פון די צוריקגעקומענע קאָמענדאנטן ,צוריקגעקומען פון פראָנט האָט מיר געזאָגט: איך ווײס ניט צי איך בין ווערט צו זײן א קאָמאנדיר פון אזעלכע סאָלדאטן.אין דער ארמײ איז אָנגענומען דער

באַגריף:„דער הויפּט־אָנשטרענג״ .פרעגט זיך: וואו וועט איצט אינוועסטירט ווערן דער כוח פון דעם עיקרדיקן אָנשטרענג ?און איך זאָג: ניט נאָר אין זיכערקייט.יעדער איינער אף זיין אָרט דאַרף טאָן וואָס ער האָט צו טאָן,און אויך שרייבערס און אינטעלעקטואלן האָבן אַן אויפגאַבע.זיי דאַרפן א טראַכט טאָן וועגן דעם מאָרגן.

* * *

עיקר זאָרג: צי וועט די שטימע פון דאַנען זיך דערשלאָגן צו ייִדן אין אַלע זייערע וואוינערטער,אָדער דאָס וועט זיין ווי א שטימע אין דער וויסטערניש.איצט מוז קומען דער טאַט.עס מוז אויפקומען א באַוועגונג,וואָס זאָל זיך אַראָפּלאָזן פון הר־הצופים און אַרומנעמען ווייניקסטנס 1000 אינטעלעקטואלן,שרייבערס,קעמפערס א.א.וו.וואָס זאָלן צעאַקערן די ייִדישע ישובים אין דער גאָרער וועלט און פאַרוואַנדלן די איצטיקע אויפוואַכונג ־־אין א פאָלקס־באַוועגונג,די גרייטקייט ־־אין א געבאָט,די אידענטיפיצירונג ־־אין א רעוואָלוציע.דער רוף דאַרף זיין:

קומט,זייט עולה!!

דערפון הענגט אָפּ אַלץ!!לאָמיר ניט זיין קליין־גלויבעריש און טענהן: דאָס איז ניט מעגלאַך.אַזעלכע זיינען מיר געווען מיט א חודש צוריק און וועלן ווייטער ניט קאָנען זיין די זעלבע וואָס פריער.

דאָס איז א שעת רצון אין דער ייִדישער געשיכטע!!

דאָס פאָלק גופא האָט אין די גורלדיקע טעג ניט אַנטוישט און באַוויזן אַז ער פאַרמאָגט געוויסן,אָבער איצט נויטיקט זיך ער אין א קאָמפּאַס, און א וועג־ווייזער.לאָמיר ניט איבערחזרן די לעצטנס פּאָפּולערע ווערטער: היינו כחולמים !איצט איז ניט די צייט צו חלומען,נאָר צו טאָן.איצט־

אָדער קיינמאָל ניט!!

* * *

טייערער פריינט,העלפט אונז אנגיין מיט אונזער שריפט,שיקט צו אייער באַשטייערונג,דערמיט וועט איר העלפן פאָרזעצן די הייליקע אַרבייט פון אונזער משפחה זעלעכאָוו....

* * *

זהיה באחרית הימים נכון יהיה הר בית ה/ בראש ההרים, ונשא מגבעות, ונהרו אליו כל הגוים (ישעיה ב) די הייליקייט, דאָס וואָרט געזאַנג און אינהאַלט פונעם הר-הבית וועט געטראָגן ווערן פון אַלע אַרומיקע בערגלאך. הר-הבית מיינט -דער גאַנצער ירושלים-באַרג. דער בית-המקדש צעשפרייט זיך איבער דער גאַנצער שטאָט און דעמאָלט: וועלן אַלע פעלקער זיך ציען ביז --ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדו עוד מלחמה... עס איז נויטיק מיר זאָלן אַזוי האַנדלען, מיר זאָלן צו וויסן געבן יעדן מענטש אפן ערד-קיילאך:

* * *

ירושלים, די ירושלים איז אויך די שלום-רעזידענץ, דער טעמפל פון ברידערלאכקייט, גערעכטיקייט און עטיק !!!

אף די בערג אַרום איר ביז צום ירדן-טייך רוען ישראלדיקע זיכערקייט-כוחות, אָבער אין דער שטאָט גופא וועט מען ניט זען קיין שווערד, וועט ניט פאַרבייפאָרן קיין מאַשין-געווער, וויל זי אונטערליגט דעם געזעץ פון בית-המקדש. דער קומענדער פאַראַד פון 20טן „יום העצמאות„ וועט פאָרקומען אין ירושלים, אין אונזער קאָמפּלעטירטער רעזידענץ און אונטער אונזער פולער סואווערעניטעט-דאָן אף דעם פאַראַד וועט ניט זיין קיין געווער...

דאַקטילן און צווייגן פון איילבירטן-בוימער, טויבן, בלומען, תפילות און לויב-געזאַנגען, טענץ ---און אפילו ניט קיין איין טאַנק...

די פאַראַשוטיסטן וועלן מאַרשירן מיט זייערע יונגע פרויען און קינדער אף די הענט. די האַנטווערקער מיט זייער געצייג, די פויערים מיט זייערע ערד-פרוכטן.

* * *

א שלום- פאַראַד אין דער שטאָט פון שלום --ירושלים !!!

* * *

אביסל פאַנטאַזיע, אביסל דערהויבנקייט--דאָס וועט צושטאַנדקומען. דער אמת, דער שלום איז דאָך טיף איינגעפלאַנצט אין יעדן פון אונז. דער ישראל-זיג מיינט דאָך שלום !!! לאָמיר דעריבער ווידמען דעם שלום--דעם שוואַרצאַפּל פון אונזער אויג-אונזער האַרץ, אונזער אייביקע רעזידענץ און לאָמיר איר א נאָמען געבן: ירושלים די שטאָט פון אייביקן שלום !!

* * *

(פאָלק און ציון נומער 11)

ב. מארק
דער אויפשטאנד
אין
װארשעװער געטאָ

POWSTANIE W GETCIE WARSZAWSKIM

פארלאג: יידיש בוך װארשע

Nowe uzupełnione wydanie i zbiór dokumentów

1963

* * *

אין דעם בוך „אויפשטאנד אין װארשאָװער געטאָ „פון מחבר ב.מארק, ארויסגעגעבן אין װארשע אין יאָר 1963 שרײבט זין אין דער הקדמה:

דער גרעסטער און העלדישסטער אקט פונעם ײדישן באװאָפנטן װידערשטאנד קעגן דעם היטלעריסטישן אָקופאנט און פעלקער־מערדער ־דער אויפשטאנד אין װארשאָװער געטאָ ־־הערט ניט אויף צוציען די אויפמערקזאמקײט ניט בלויז פון ײדן, נאָר אויך פון אלע פעלקער פון דער װעלט. זעלטן װען עס איז געװען אין דער געשיכטע פון דער מענטשהײט אזא אויסערגעװײנלאבער קאמף־אויסערגעװײנלאן אין זײנע אומשטענדן און באדינגונגען, אין זײן איבערמענטשלאבער גבורה און טראגישן סוף.

דער 19טער אפריל 1943 ־װאָס מער מיר דערװײטערן זיך אלץ מער װערן די געשטאלטן פון די ײדישע אויפשטענדלער טיפער אײנגעקריצט אין די הערצער פון די לעבנגעבליבענע מיט יראת הכבוד פון דעם בײשפיל פון די ײדישע העלדן......

* * *

איצט פארגלײכט דאָס מיט גאָמולקאס אָפּשאצונג װאָס װערט געגעבן אין דער אײנציק פארבליבענער ײדישער צײטונג אין פוילן, דעם 6טן אפריל

* * *

1968 :

אין אפריל. מערקן מיר אָפּ אין גאנצן לאנד דעם חודש פון דעם זכרון פון פאָלק. אין חודש אפריל 1943 דערמאָנען מיר און בײגן די קעפּ פאר די מיליאָנען פאָלאקן, ײדן, רוסן, טשעכן, סלאָװאקן, יוגאָסלאװן, האָלענדער, נאָרװעגיער, בעלגיער, ציגײנער, און אויך... דײטשע אנטי פאשיסטן....

מיר וועלן מיט גרויס כבוד דערמאָנען (וועמען, די יידישע העלדן זכ׳י׳ה !)
די אַלע נאָמען, אָזע פּאָלאַקן וואָס האָבן איינגעשטעלט זייערע לעבנס צו
ראַטעווען און געבן הילף די יידן אין פאַרשידענע פאָרמעס:
שפּייז, געווער, מעדיקאַמענטן א א ״.

דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק האָט געהאָלפן די געפּלאָגטע יידן...

* * *

די ציוניסטן זיינען געווען די ערשטע צו געבן די היטלער־מערדער
א מאָראַלישן אַטעסטאַט פאַר דעם גרעסטן מאָרד איבערן יידישן פאָלק
אין אונזער גאַנצער געשיכטע..

* * *

פון דעם ווערט־קלאָר״ פון ערשטן טייל, אַז ---די ציגיינער און די
דייטשן (אַנטשולדיקט, אַנטי־פאַשיסטישע־דייטשן) האָבן געמאַכט דעם
וואַרשאָווער־ העראָאישן אויפשטאַנד ב) אַז דאָס גאַנצע פּוילישע פאָלק
האָט איינגעשטעלט דאָס לעבן צו ראַטעווען די יידן .און ג) אַז די
ציוניסטן האָבן באַרעכטיקט היטלערס מאָרד אפן יידישן פאָלק...

* * *

אַנשטאָט קאָמענטאַרן, לאָמיר ציטירן עטלעכע סטראָפן פון דעם
באַרימטן רוסיש־קאָמוניסטישן פּאָעט אַנדרעי וואָזנעסענסקי...

-- וועגן די שרייבער אין די קאָמוניסטישע לענדער -

ליגנס! ליגנס !

* * *

שלעכטע מאַניערן און ליגנס !

* * *

אַנדרעי וואָזניעסענסקי

* * *

מאָסקווע

ליגנס ! ליגנס ! ליגנס !!!
מען האָט אונז אַרויסגענומען דאָס געפיל זיך צו
שעמען, ווי מען נעמט אַרויס דעם אַפּענדיציט...
מיר זיינען פאַרמשפּט צו זיין אומפאַרשעמט --
מיר קאָנען איבערקומען דעם טויט,
אָבער ווער פון אונז האָט זיך גערויטלט ?
מיר האָבן שוין פאַרגעסן ווי דאָס צו טאָן !!!

העלדן פון דער ווארשאָווער געטאָ- אויפשטאַנד וואָס דאָס „ פרייע און דעמאָקראטישע „ פוילן וויל אָפּמעקן און אינגאנצן פארלייקענען-----

לעבנס געבליבענע העלדן, ווארשאווער געטא קעמפער; וואס זיינען אנגעקומען קיין ארץ ישראל אין 1945–1947.


יצחק צוקערמאַן (אַנטעק)


צביה לובעטקין


שמחה ראַטהייזער (קאַזשיק)


פנינה פאַפּיער (פראַנקאַ)


חיים פרימער (הענריק)


העלאַ שיפער


יעקב פוטערמילך (יאַנעק)


מאַשע גלייטמאַן (מאַרישאַ)


אהרן כמיעלניצקי (קוציק)


אירענאַ געלבלום (האַלינאַ)


חוה׳קע פאָלמאַן


שרה בידערמאַן (קרישיאַ)

אביסל ליטעראַרישע נייעס פון אונזערע מיטאַרבייטער:

פריינט שמעון גובערעק פון באָגאָטא, האלט איצט אין פארענדיקן א בוך װעגן די ערשטע אימיגראנטן אין קאָלאָמביע. שמעון איז איינער פון די ראשונים, די ערשטע װאָס האָבן געשטעלט די טריט אף דער ניט זיכערער ערד. װי אזוי האָבן די ערשטע יידישע איינװאנדערער געלעבט, װי אזוי האָט זיך אין פארלויף פון א פערטל יאָר-הונדערט אויסגעפאָרמירט זייער עקאָנאָמיש, סאָציאל און גייסטיק-רעליגיעז לעבן- דאָס אלץ װעט באהאנדלט װערן אין דעם דאָזיקן בוך. כדי אויך די יוגנט זאָל זיך באקענען מיט אָט דעם קאפיטל יידיש לעבן, װעט דאָס בוך דערשיינען אף שפאניש..

אונזער חשובער פריינט שמעון גובערעק האָט מיטגעארבייט אין פארשידענע זשורנאלן און שריפטן: דער טאָג, דאָס װאָרט, היימיש, ניו יאָרקער װאָכנבלאט, האװאנער בלעטער, קאָלאָמביאנער שטימע, זש.יזכור בוך, בולעטין, שלמה ברײנסקי זיין לעבן און שאפן אין בוך-פאָרם.

* * *

אונזער יונגע מיטארבייטערן, הינדעלע דיימאָנד, האלט ביים פארענדיקן א בוך װעגן א זייער בארימטן מאָלער װאָס האָט אין זיין צייט געמאכט א געװאלטיקן רושם, סיי מיט זיין טאלאנט װי אויך מיט זיין ברויזנדער פערזיינלאכקייט.. דער נאָמען פון בוך, צוליב געװיסע סבות, בלייבט דערװייל א סוד. דאָס בוך װעט דערשיינען אף ענגליש..

װאונטשן מיר אונזער יונגע מיטארבייטערן דערפאָלג אף דעם נייעם געביט אירן..

הינדעלע האָט אָנגעהויבן צו שרייבן זייער פרי. צו 16 יאָר האָט זי אָנגעהויבן מיטצוארבייטן אין דער טעגלאכער ענגלישער צייטונג אין פאנאמא „פאנאמא אמעריקאן" שפעטער אָנגעהויבן אליין ארויסגעבן צוויי זשורנאלן, איינעם אף שפאניש דעם צװייטן אף ענגליש: „פאנאמא-דיס מאָנט", און „אינדוסטריא טוריסטיקא", װאָס --- דערשיינט היינט אין מיאמי. זי האָט אויך מיטגעארבייט אין פארשידענע ענגלישע זשורנאלן װי אויך אין שפאנישן זשורנאל „װיזיאָן". אויך אף יידיש האָט זי געשריבן עטלאכע ארבייטן פארן „זשעלעכאָװער בולעטין", װי אויך אן ארבייט פארן יזכור בוך.

****

ליטעראַרישע נייעס פון דער משפחה זשעלעכאָוו.

****

פערל ווייסענבערג -זילבערבערג,די יינגסטע טאָכטער פון אונזער בן-עיר, איטשע מאיר ווייסענבערג,וואָס וואוינט אין קאנאדא מיט איר משפחה,האָט איצט אין שרייבן א בוך זכרונות פון שטעטל זשעלעכאָוו און איבערהויפּט וועגן איר בארימטן טאטן איטשע מאיר ווייסענבערג.

---- די יינגערע טאָכטער פערל,איז די אלמנה פון יידיש-סאָוויעטישן שרייבער און פּאָעט,דער קדוש זעליק אקסעלראָד,וואָס איז אומגעקומען אין ראטן-פארבאנד,דערשאָסן געוואָרן פארן „פארברעכן" יידישן נאציאָנאליזם." פערל איז אליין א שרייבערין,וואָס האָט פארעפנטלעכט א רייע ארטיקלען וועגן איר פאָטער אין ווארשע,אין מינסק און אין תל אביב. האָט אויך געשריבן דערציילונגען,וואָס איינע פון זיי איז אין העברעאישער איבערזעצונג

****

פּרעמירט געוואָרן.

פערל ווייסענבערג האָט אויך געשריבן די הקדמה צו דעם ערשטן באנד „געקליבענע ווערק" וואָס די זשעלעכאָווער לאנדסלייט האָבן ארויסגעגעבן אין שיקאגאָ.די הקדמה פון פערל ווייסענבערג איז געשריבן מיט היפּש קריטישער געניטשאפט.זי אנאליזירט,און צום גרויסן טייל מיט געלינגשאפט, א טייל פון פאָטערס געשטאלטן און פּרואווט אויך אויסטייטשן ווייסענבערגס שרייבערישן ווי-אזוי. (ד״ר שלמה ביקל -שרייבער

****

פון מיין דור.

ווי געזאָגט,מיר האָלטן וועלן,אז אלע זשעלעכאָווער וואָס האָבן עפּעס צו דערציילן זכרונות ,געשייענישן פון אמאָליקן שטעטל,זאָלן זיך שטעלן אין פארבינדונג מיט אונזערע חשובע פריינדן פערל ווייסענבערג.

Perl Silberberg 224 -15th Avenue S W

Calgara Alta Canada

****

****

טייערע פריינט,האָט איר שוין באצאָלט פארן יאָר 1968 ? אויב ניט, טוט עס גלייך. שיקט אונז אויך נייעסן פון אייער גרופּע,אייער משפחה אינפאָרמירט אונז וועגן אלץ וואָס עס קומט פאָר אין דער משפחה זשעלע.

איר אלע זיינט אונזערע באריכטער... א דאנק מלכהלע פארח.

Mrs. & Mr. *Mrs. & Mr.*

Israel Dorembus **Kurt Markhof**

אונזערע הארציקע ברכות אונזערע טייערע פריינט ישראל און חיהלע דאָרעמבוס, צו דער חתונה פון זייער ליב טעכטערל רות מיט אלחנן מארקהאָף. די עלטערן פון ביידע צדדים, דעם יינגען פאָרל ־אסך, אסך נחת און גליק. איר זאָלט דערלעבן צו פירן זייערע קינדערלאך צו דער חופה... א שאָד וואָס מיר קאָנען ניט זיין מיט אייך און זיך פרייען צוזאמען מיט אייך און אלע אייערע פריינט... מזל טוב טייערע פריינט !!

בנינו

request the pleasure of your presence at the

wedding of their children

רותי ואלחנן

Ruth and **Elhanan**

באים בברית הנשואין

which will take place on Monday,

August, 12, 1968, at 7.oo p. m.

החופה תתקיים ביום שני,

י"ח באב, תשכ"ח (12. 8. 1968) בשעה 7 בערב

באולם "רמת-אביב", תל-אביב

טייערער ישראל און חיהלע ־באמת א גרויסער שאָד וואָס איך קאָן ניט זיין מיט אייך צו אייער גרויסן יום טוב. סיי ווי בין איך מיט אייך און וואונטש אייך, די עלטערן פון חתן, דעם יינגען פאָרל ־אסך יאָרן פון אמתן גליק.

לייבוש שיקאגאָ

אונזערע הארציקע ברכות אונזערע טייערע פריינט ישראל און חיהלע. מיר האָבן געהאָפט צו זיין אין ישראל, אָבער, עס האָט זיך ניט איינגעגעבן. נעמטזשע צו אונזערע וואונטשן צו אייער גרויסער שמחה. מזל טוב און דערלעבט אסך נחת פון זיי...

שאָלעק און אסתר, מלכהלע און אברהמל..

די אויסטראליער גרופע זשעלעכאָווער פרייט זיך צוזאמען מיט אלע אייערע פריינט אין דער וועלט. צו דער גרויסער שמחה אייערע קאָנען מיר ניט קומען, אָבער מיר זיינען מיט אייך אין אייער פרייד. מזל טוב.

מעלבאָרן אויסטראליע גדליהו אָשלאק סעקרעטאר

* * *

א הארציקן מזל טוב אונזערע פריינט דרומלעוויטש צו דער חתונה פון זייער טעכטערל אין ישראל. איר זאָלט דערלעבן צו פירן אייער צווייט טעכטערל צו דער חופה אין גיכן, אסך נחת און גליק.

זשעלעכאָווער גרופע קאָסטע ריקע - סאן באָסע .

* * *

אונזערע הארציקע ברכות צו אונזערע טייערע פריינט אליהו, חוה, אייזיק און מאניע ראָטערמאן צו דער חתונה פון זייער טעכטערל און פלימעניצע אין באראנקילא. א שאָד וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט זיין מיט אייך און זיך פרייען צוזאמען. אסך נחת און גליק, דעם יינגען פאָרל --אסך, אסך יאָרן פון אמתן גליק.

צירעלע, אהרן רידעלמאן, ישראליק און משפחה, בראָן.

סאן באָסע קאָסטע ריקע

* * *

אונזערע טייערע שמעון און אסתר וועיר(וויערזשביצקי -אסתר, פון דער היים -העפנער) א הארציקן מזל טוב אייך טייערע צו אייער, אונזער, שמחה, די תנאים און חתונה צו אייער זונדעלע... מיר וואונטשן דעם יינגען פאָרל אסך, אסך יאָרן פון אמתן גליק. און אייך --איר זאָלט דערלעבן צו פירן זיינע קינדערלאך צודער חופה אין א מזלדיקע שעה. ביי די תנאים זיינען מיר ניט געווען, ביי דער חתונה וועלן מיר פרייען צו אייך און צוזאמען מיט אייך אָנקוועלן פון גרויס פרייד..מזל-טוב

בערל און גיטעל העפנער ארובא...

אונזערע הארציקע ברכות, טייערער שמעון און אסתר (זי וויל, אז מען זאָל וויסן ווער זי איז פון דער היים-העפנער) וועיר, וויערזשביצקי, איר זאָלט האָבן פון אייערע קינדערלאך, פודן מיט נחת. דעם יינגען פאָרל --אז מיט דרייסיק יאָר שפעטער, זאָלן זיי פילן פונקט אזוי ווי זיי פילן היינט...

אסתר שאָלעק, הינדעלע, וואָלטער, שרקעלע,
רויזע, יאנקל, סילוויע
מאָרטי, הערשל און פרידע....

שעוועלע און משפחה....


נפתלי

שאגאלס פענצטער נפתלי וואָס מיר זעען דאָ,איז איינע פון די 12 וואָס געפונען זיך אין בית הכנסת פון דער„הדסה“ ביי איר נייעם קראנקןהויז אין עין־כרם. די פענצטער אין ירושלים זיינען פאר שאגאלן געווען א באשטעלונג צו שאפן פאר זיין אייגן פאָלק,און אין דעם האָט ער אריינגעטאָן זיין גאנצן נשמה פייער,זעענדיק אין דעם זיין קינסטלערישן בייסטייער פאר זיין פאָלק און גלייכצייטיק דאָס קרוינווערק פון זיין לעבנסשאפונג...

****

נפתלי ; שאגאל ברענגט דאָ ניט קיין שום פסוק כדי אָנצודייטן אפן אינהאלט פון אָט דעם געלן פענצטער.ווייזט אויס,אז אף א שפאס האָט ער פארביטן די הינדין די„פלינקע“(שלוחה) אף „צופרידענע“ –און אזוי ארום פארייניקט ביידע ברכות פון יעקב און משה. די חיה איז אזוי באוויליקט,אז זי ליגט זיך און שמייכלט צום פויגל,דעם שונא אירן,וואָס קלייבט זיך א פלי טאָן אף איר.

****

אָבער אין דעם פענצטער איז פאראן נאָך עפעס,וואָס מען דערזעט ניט ביים ערשטן בליק. שאגאל האָט געשעפט זיין אינספיראציע פאר דעם פענצטער פון צוויי דענקמעלער,דער קשר צווישן פענצטער און די דענקמעלער שטעלט מיט זיך פאָר די פארבינדונג צווישן היינטצייטיקן יידנטום,וואָס דער נייער בית הכנסת איז זיין אויסדרוק,און צווישן די יידישע קהילות אין אייראָפּע,די אבות פון אָט דעם יידנטום,וועלכע ליגט אין פרעמדער ערד. דערמיט פארבינדט שאגאל דעם היינטיקן יידנטום ניט נאָר מיט דעם תנכ׳ישן עבר און מיטן משיחישן אחרית־הימים,נייערט אויך מיט דעם נאָענטן עבר–מיט דער ירושה פון אייראָפּייאישן יידנטום.

(זיוה עמישי מייזלש – גאָלדענע קייט 60)

****

****

****

******

*

דריי ייִדישע גענעראלן; ווייצמאן, יצחק רבין, חיים בר לב.

אַ מדינה וואָס זוכט איר פאָלק

פון רב אלוף יצחק רבין.

מיר פייערן איצט דאָס ווערן זיבעציק יאָר זינט עס איז פאָרגעקומען דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס אין באזעל. די דאטע איז אזוי אויסגעפאלן, אז אין דעם זיבעציקסטן יאָר פון דער היסטאָרישער געשייניש, וואָס האָט אָנגעזאָגט דעם אויפקום פון פאָליטישן ציוניזם — האָט די ייִדישע מדינה אָפגעהאלטן איר גרויסן מלחמה־נצחון. און וואָס — — — זין דערוועגט צו זאָגן, אַז דער נצחון פון ישראל אין דער 6 טאָגיקער מלחמה איז דער גרעסטער מיליטערישער נצחון אין דער געשיכטע פון ייִדישן פאָלק. דאָס איז געווען די גרעסטע מלחמה אונזערע וואָס האָט דערפירט צו די ברייטסטע לאנד־גרעניצן, וואָס די געשיכטע פון ייִדישער מדינהשטאַט האָט ווען עס איז געזעען אין ארץ־ישראל.

דער דאָזיקער צונויפפאל פון געשייענישנד־זיבעציק יאָר פאָליטישער ציוניזם און דער נצחון פון ישראל —— איז ניט קיין צופעליקער. פאראן א דירעקטער קשר צווישן זיי, ווייל מדינת ישראל און איר נצחון זיינען א נאטירלאכער פועל יוצא פון דער ציוניסטישער באוועגונג.

דער פּאָליטישער ציוניזם איז אויפגעקומען מיט זיבעציק יאָר צוריק, אָבער די באַגערן, די בענקענישן און שטרעבונגען פון יידישן פאָלק צו א באַנייטער פּאָליטישער, גייסטיקער און קולטורעלער תקומה אין ארץ-ישראל — זייער אָנהויב דאַטירט זיך פון דער צייט ווען מיר זיינען פאַרטריבן געוואָרן פון אונזער לאַנד מיט קרוב צוויי טויזנט יאָר צוריק.

פאַרשיידענע פאָרמען האָט אָנגענומען דער יידישער באַגער צו באַנייען דאָס יידישע לעבן אין ארץ-ישראל. דאָס איז געווען, קודם כל, א באַגער וואָס וואָרצלט אין דעם גלויבן און אינעם יידישן דת אומצוקערן זיך אין הייליקן לאַנד. אין די יאָרן פון אונזער לאַנגען גלות זיינען אויפגעקומען משיחישע באַוועגונגען, וואָס האָבן געצויגן זייער יניקה פון אָט דעם רעליגיעז - נאַציאָנאַלן געדאַנק. גענוג צו דערמאָנען דוד הראובני, שבתאי צבי און אַנדערע וואָס האָבן אָנגעצונדן יידישע הערצער אין די אייראָפּייאישע לענדער עולה צו זיין קיין ארץ ישראל. אָבער די באַוועגונגען זיינען דורכגעפאַלן, האָבן זיך אויסגעלאָשן און איבערגעלאָזט א יאושדיק-ביטערן אָפּזאַץ אין יידישע הערצער.

****

געווען יידישע מנהיגים-דענקערס, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז מקאָן פאַרענטפערן די יידן-פראַגע דורך שאַפן א גייסטיקן צענטער - און נאָר א גייסטיקן - אין ארץ ישראל, א צענטער וואָס זאָל דינען ווי א קוואַל פאַר קולטיווירן און שטאַרקן דעם יידישן גייסט און אַלץ וואָס ער סימבאָליזירט מיט זיך.

****

געווען יידן, בתוכם גרויסע מנדבים, וואָס האָבן געשטיצט די לאַנדווירטשאַפטלאַכע קאָלאָניזאַציע אין ארץ ישראל, אָבער אַפילו די גרעסטע פון זיי - און דער באַראָן ראָטשילד איז אַוודאי דער גרעסטער און באַדייטנדסטער צווישן זיי - אויך זיי האָבן אין די געבענטשטע טואונגען זייערע ניט געשאַפן די ברייטע נאַציאָנאַלע ראַם וואָס איז נויטיק פאַר דער תקומה פון פאָלק.

געווען איין גרויסער ייד, טעאָדאָר הערצל, וואָס ער האָט יאָ אויפגענומען דעם גאַנצן קאָמפּלעקס נאַציאָנאַל - פּאָליטישע פּראָבלעמען פונעם יידישן פאָלק און געשאַפן פאַר זיי די נויטיקע אָרגאַניזאַציאָנעלע ראַם. געווען איז דאָס דער ערשטער ציוניסטישער קאָנגרעס, וואָס האָט אין זיין באַקאַנטער „באַזעלער פּראָגראַם" פעסטגעשטעלט קלאָר און דייטלאַך די

נויטווענדיקייט צו אָרגאניזירן דאָס יידישע פאָלק אומעטום וואו עס געפונט זיך, כדי דורכצופירן דעם ציוניסטישן געדאנק אין לעבן. די יסודות פון אָט דער געפלאנטער אָרגאניזאציע האָבן באדארפט זיין דער יידישער גייסט און יידישע מאָראל. געווירקט און סטימולירט האָבן דאָ דער אימפעט, דער ווילן און דער מוז צו באנייען דאָס לעבן פונעם פאָלק אין זיין לאנד. און אזוי איז דער ציוניזם געוואָרן דער אינהאלט און דער אָביעקט פון דער צענטראלער אקטיוויטעט פאר די יידישע קיבוצים אין אייראָפּע און, שפּעטער, אויך אין אנדערע לענדער וואו עס איז געווען א יידישער קיבוץ.

די ציוניסטישע באוועגונג האָט זיך אָרגאניזירט און איז געגאנגען מחיל אל חיל. (כסדר פּראָגרעסירט) נאָך צוואנציק יאָר - אין 1917 - האָט זי שוין געקאָנט אָנווייזן אף א גרויסער פּאָליטישער דערגרייכונג: ס'איז פּראָקלאמירט געוואָרן די באלפור-דעקלאראציע. א הערשנדע וועלט-מאכט אין יענער צייט, גרויס בריטאניע, האָט דעקלארירט, אז זי איז גרייט מיטצוהעלפן און אויפריכטן א יידישע נאציאָנאלע היים אין ארץ ישראל.

פליגלען האָבן ארויסגעשפּראָצט דער ציוניסטישער באוועגונג!

די ציוניסטישע לאנדווירטשאפטלאכע קאָלאָניזאציע האָט זיך אויסגעברייטערט, באַטש נאָך ניט אין דעם געוואונטשטן פארנעם - מיט דער הילף פון א גרויסער וועלט-מאכט: ס'האָט זיך אָנגעהויבן דער בארג-ארויף פון א יידישער עליה, עס זיינען אויפגעשטעלט געוואָרן די צענטראלע קערפּערשאפטן פון א יידישן ישוב אין ארץ ישראל - קערפּערשאפטן וואָס זיינען פאקטיש געוואָרן די מדינה אונטערוועגס.

מעגלאך, אז ניט איינער וועט פרעגן, וואָס איינגנטלאך בינדט מיך, א געבוירענעם אין ארץ ישראל, וואָס דער ציוניזם איז פאר אים א נאטירלאכע זאך - וואָס בינדט מיך מיט די אנטוויקלונגס-פאזעס פון ציוניסטישער טעאָריע און פּראקטיק? איך, וואָס האָב ניט פארזוכט דעם טעם פון לעבן מחוץ לארץ, מחוץ מדינת ישראל, וואָס פאר א שייכות האָב איך מיט דעם אלעם?

ווי יעדער סאברע און ווי יעדער ישראל-בירגער וואָס האָט סרוב פון זיינע יאָרן געלעבט אין דער מדינה, האָב איך זיך געהאָדעוועט און בין דערצויגן געוואָרן אין גייסט פון נאציאָנאלער שליחות, געווען

דורכגעדרונגען מיטן באוואוסטזיין, אז מיר לייגן דעם יסוד פאר א גרויס ווערק. מיר האבן געזעען אלע מאל און מיר זעען אויך היינט א גרויסע יידישע שליחות אין דער אויפריכטונג, אנטוויקלונג און פעסטיקונג פון א יידישער מדינה, וואס זאל אפהיטן איר יידיש פנים און קולטיווירן די יידישע ווערטן הלכה למעשה אין דער באנייטער ישראל-מדינה.

דאס יידישע פאלק האט דורכגעלעבט די גרעסטע טראגעדיע פון זיין געשיכטע אין 20טן יאר הונדערט. עס איז פארטיליקט געווארן א דריטל פון פאלק ישראל דורך דעם נאצישן מאנסטער. די קאטאסטראפע וואס האט חרוב געמאכט דעם מזרח אייראפעאישן יידישן קיבוץ וועט זיין איינגעקריצט אין דער געשיכטע פון אונזער פאלק און אין דער געשיכטע פון דער מענטשהייט ווי איינס פון די שוידערלעכסטע פארברעכנס. אבער בזכות דער ציוניסטישער באוועגונג און דעם גאנצן יידישן פאלק, בעיקר בזכות דעם ארץ-ישראלדיקן ישוב און די וואס האבן געשטרעבט צו שאפן א זיכערקייט-האפן און בזכות דער גבורהשאפט און העלדישקייט פון אונזער צה/ל אין דער באפרייאונגס מלחמה פון 1948 איז די יידישע מדינה א לעבעדיקער פאקט.

דער הויפט ציל פון ציוניזם איז דאך געווען צו שאפן א פאליטישע ראם כדי צו רעאליזירן די ציוניסטישע וויזיע. דער ציל איז דערגרייכט געווארן. די ראם איז געשאפן געווארן. אבער דאס איז ניט גענוג. מען דארף די ראם אויספילן מיט אינהאלט. מען דארף די ראם אויספילן מיט יידן.

ליידער איז מיטן אויפקום פון מדינת ישראל ניט דערגרייכט געווארן דער געהאפטער שלום. די אויפגעקומענע מדינת ישראל איז נאך אלץ ווי א פרעמד געוויקס אין די אויגן פון א באדייטנדן טייל פון די אראבישע פעלקער. ביז היינט איז נאך די אראבישע וועלט ניט מסכים מיטן קיום פון ישראל. מיר זיינען, דעריבער, געצוואונגען צו פארנעמען זיך אין איין און דער זעלבער צייט מיט בויען דאס לאנד און מיט פארטיידיקן אונזער קיום.

דאס יידישע פאלק וויל ניט קיין מלחמות! יאגט זיך ניט נאך מיליטערישע נצחונות. די טראדיציע פון אונזער פאלק באזירט זיך אויף דער שטרעבונג צו שלום און אויף א יחס פון כבוד און אנערקענונג לגבי אנדערע פעלקער און רעליגיעס. אין דער לאנגער געשיכטע זיינער האט דאס יידישע פאלק באוויזן, ניט געקוקט אויף אלע רדיפות און פארטיליקונגס

פרואוון, אָפּצוהיטן זיין גייסטיק פּנים און אויפצוהאלטן זיין פיזישן קיום. מיר זיינען דאָס איינציקע פאָלק וואָס זיין לעבנס רעאליטעט האָט קולטיווירט דעם באַגריף פון קידוש השם, דאָס הייליקן גאָטס-נאָמען דורך א מארטירער-טויט, ווי אן אויסדרוק פון אומבאַגרענעצטער איבערגעגעבנקייט צו גייסטיקע ווערטן און ווי א הייליקער חוב אָפּצוהיטן זיין רעליגיעז נאַציאָנאַלע אידענטישקייט. די געשיכטע פון יידישן פאָלק אין גלות האָט אים ניט געגעבן קיין שום מעגלעכקייט - ניט די אָרגאַניזאַציע און ניט די כלים - צו קעמפן און פארטיידיקן זיינע נאַציאָנאַלע ווערטן און זיין עקזיסטענץ. די אויפריכטונג פון מדינת ישראל - דאָס האָט פארפילפאכט זיין ווידערשטאנדס כוח און קעמפערישע פעאיקייטן צו פארטיידיקן דעם כבוד פון ישראל, צו קעמפן מיט געווער אין די הענט פאר זיין רעכט צו לעבן א פריי זעלבסטשטענדיק לעבן ווי אלע פעלקער פון דער וועלט.

די אָנגענומענע מיינונג, אז א ייד קאָן ניט מלחמה האלטן, איז א טעות, און גאָר א גרויסער טעות. היינט, נאָך דער 6טאָגיקער-מלחמה איז דאָס גאנץ איבעריק צו באַטאָנען. איך בין אָבער תמיד געווען איבערצייגט, אז ווינציק זיינען דאָ אזעלכע זעלנער אין דער וועלט ווי די ישראל-זעלנער. וואָרים עס איז ניט דאָ קיין בעסערע זעלנער ווי דער, וואָס איז דורכגעדרונגען מיטן נאַציאָנאַלן באַוואוסטזיין און מיטן געפיל פון שליחות: א זעלנער וואָס קעמפט ניט אויס פיינטשאפט צום שונא, נייערט אויס ליבשאפט צו זיין פאָלק און זיינע גייסטיקע ווערטן: א זעלנער וואָס צייכנט זיך אויס מיט גייסטיקער דערהויבנקייט און הויכער מאָראל.

* * *

אונזער ארמיי האָט געזיגט אין דער לעצטער מלחמה קודם כל, ווייל די זעלנערס זיינען געווען באַוועגט ניט פון א שנאה געפיל, נאָר פון א ריינעם געפיל, אז זיי פירן אויס א גרויסע היסטאָרישע שליחות, זיי האָבן געוואוסט, אז זיי קעמפן פארן עצם קיום פון אונזער בית שלישי..

פארשיידענע פנימער האָבן געהאט די גבורה-טאטן אין דער זעקס-טאָגיקער מלחמה. און צו קליין איז דער פלאץ אין זאָל קאָנען זיי אלע אויסרעכענען. דער ישראל זעלנער האָט אין דער מלחמה באַוויזן אָפט מער ווי עס איז דער חוב פון א גוטן זעלנער וועדליק די אָנגענומענע מיליטערישע באַגריפן.

מען האָט ניט באדארפט געבן קיין באפעל, צו גיין פאָרויס און שטורמען דעם שונא.סאיז נאָר נויטיק געווען די אָפיציעלע הסכמה צו טאָן דאָס, ווייל דער אימפעט און די גרייטקייט צו צערייסן די ווערגנדע פעטליע וואָס די אראבישע ארמייען האָבן פארצויגן אפן האלז פון ישראל, זיינען געווען טיף איינגעפלייסט און איינגעגייסטיקט אין יעדן איינציקן יידישן זעלנער.

* * *

די מלחמה איז געווען א שווערע און אכזריותדיקע. סאיז ניט ריכטיק, אז די אראבער האָבן ניט געקעמפט, אוודאי, זיי האָבן ניט געקעמפט ווי מיר. אָבער, זיי זיינען געווען באוואָפנט מיטן נייעסטן און בעסטן געווער. פאר אונזער נצחון האָבן מיר באצאָלט א גאָר טייערן פרייז. א גרויסע צאָל פון די בעסטע קאָמאנדירן און זעלנערס זיינען געפאלן ביי די סיני שלאכטן,אין די בערג פון ירושלים אין שומרון און אין רמת הגולן. גבורה איז געווען דער הויפט שטריך פון אלע זעלנערס ־נייע עולים און געבוירענע אין לאנד,עולים פון איראָפע און פון די אזיע־אפריקע לענדער. די מלחמה איז געווען אן אכזריותדיקער שמעלצטיגל און האָט געגעבן דעם נייעם עולה דאָס באוואוסטזיין פון היימלאנד,פון א היימלאנד וואָס ווערט דעראָבערט מיט בלוט.דאָס איז געווען די ערשטע מלחמה.וואָס אין איר האָבן געקעמפט זעלנערס געבוירענע אין לאנד,זעלנערס וואָס זייער גאנץ לעבן האָבן זיי געלעבט אין א פרייער זעלבסטשטענדיקער מדינה.

* * *

איינע פון די וואונדערלאכסטע אויסשטראלונגען פון דער מענטשלאכער נשמה איז געווען דאָס אויפפירן זיך פון די פארוואונדעטע.ניט אפן שלאכטפעלד, ניט ביים פירן זיי אין די שפיטעלער גופא האָב איך געהערט אז א פארוואונדעטער זאָל זיך קלאָגן אָדער זאָל זיין פארביטערט.ניט קיין קליינע צאָל פארוואונדעטע האָבן זיך ארויסגעדרייט פון דאָקטאָר,כדי ווייטער צו קעמפן,כל זמן די כוחות זיינען נאָך ניט אויסגעגאנגען.

לופטפליערס און טאנקיסטן,פאראשוטיסטן און אָפרייניקערס פון מינעפעלדער,פוס זעלנערס און ארטילעריסטן ־־אלע,אלע,האָבן ארויסגעוויזן מוט און גבורה,געפירטע פון די קאָמאנדירן אין שלאכט.דער פראָצענט געפאלענע צווישן די אָפיצירן איז פון די העכסטע אין דער געשיכטע פון מלחמות,ווייל אונזערע קאָמאנדירן גייען אין קאמף בראש פון זייערע איינהייטן.

איינער פון די וואס האט מיך אמערסטן באאיינדרוקט איז א פארביסענער שלאכט פון אן אפטייל מילואים-זעלנערס, וואס האבן געשטורעמט א מינעפעלד. עלף זעלנערס זיינען אויפגעריסן געווארן איינער נאכן אנדערן פון די מינעס -און דער אפטייל האט ווייטער געשטורעמט, האט זיך דורכגעשלאגן א וועג, איז אריבער דאס מינעפעלד און איינגענומען די פאזיציע וואס איז געווען באשטימט פאר אים.

****

די זעקסטאגיקע מלחמה איז געווען די איינציקע אין דער געשיכטע פון צהל, וואס האט ניט געזען קיין איינציקן פאל, אז א מיליטערישע איינהייט זאל ניט אייננעמען די פאר איר באשטימטע פיינטלעכע פאזיציע, ס'רוב אפילו גיכער ווי עס איז געווען אנגעוויזן אין באפעל.

****

די מלחמה האט זיך געענדיקט אבער דער שלום איז נאך ניט געקומען. היינט איז אונזער מצב, פארשטייט זיך, גאר גאר אן אנדערער ווי ער איז געווען מיט זיבעציק יאר צוריק. דעמאלט איז געשאפן געווארן די ציוניסטישע באוועגונג וואס האט געשטרעבט צו א יידישער מדינה אין ארץ-ישראל. היינט עקזיסטירט שוין א שטארקע יידישע מדינה --און זוכט איר פאלק !!! ווארט אף די וואס וועלן קומען לעבן אין איר. מיט דעם וועט איצט אויספרנבירט ווערן די ציוניסטישע באוועגונג. ווייל עליה איז דער וועג צו פארפעסטיקן דעם קיום אירן. ווען מיר דערגרייכן די צאל פון 4 ביז פינף מיליאן יידן אין מדינת ישראל --וועט קיין שום כוח אין דער וועלט זיך ניט קאנען פארמעסטן און שטעלן אין סכנה איר קיום.

דאס נאצישע דייטשלאנד האט פארטיליקט דעם צענטראלן מענטשן-פאטענציאל פון אנזער פאלק, וואס וואלטן געקענט באזעצן, פארגרעסערן און פארשטארקן די יידן-מדינה. ביי אן אנדער גרויסן יידישן קיבוץ איז צוגענומען געווארן דאס רעכט און די מעגלעכקייט צו פארייניקן זיך מיטן פאלק ישראל.

די צענטראלע אויפגאבע היינט צו טאג, איז צו זוכן און געפונען נייע וועגן צו פארשטארקן די עליה.

****

אונזערע פיינט, דער עיקר דער הערשער פון מצרים אבדול נאסער, האבן שוין אסך מאל געפרואווט פארגלייכן מדינת ישראל מיט דער מדינה פון די קרייצטרעגערס. איך האב ניט בדעה א-צופרעגן די דאזיקע אנאלאגיע.

אָבער עס וואָלט געווען ניט ריכטיק צו פארזעען די שטריכן וואָס לאָזן זיך יאָ פארגלייכן. די מדינה פון די קרייצטרעגערס איז חרוב געוואָרן ווען זי האָט פארלאָרן דעם באנד (קשר) מיטן גרויסן הינטערלאנד פון דער קריסטלאכער אייראָפּע און אין רעזולטאט פון דעם אויך פארלוירן דעם גלויבן, אז איר שליחות דעקט זיך מיטן הויפּט־געדאנק וואָס אין זיין נאָמען זיינען די קרייצטרעגערס געשיקט געוואָרן דורך דער קריסטלאכער אייראָפּע אין מיטעלן מזרח.

* * *

צווישן דעם וועלט־יידנטום, מיט דער ציוניסטישער באוועגונג אין דער שפּיץ, און צווישן מדינת ישראל, דארף זיין אן ענגער און האַפטיקער קשר פון קעגנזייטיקער יניקה און אינספּיראציע. כל זמן דער אָ קשר באנד, עקזיסטירט, כל זמן ער באנייט זיך בסדר און פּאַסט צו זיינע אויפגאַבן און אָרגאַניזאַציאָנעלע פאָרמען צו די נייע זיך בייטנדיקע אומשטאנדן — איז שטארק מיין האָפענונג, אז מדינת ישראל וועט זיך פעסטיקן בליען און וועט אויך דערגרייכן דעם געגארטן שלום.

* * *

(גאָלדענע קייט — נומער 62)

און די לאסט טרעגער, האַלטנדיק האָבן מיט איין האנט זייערע געטאָן די ארבייט, און איינע האָט געהאַלטן דעם וואָפן. (נחמיה ד)

גם בימי הקרבות לא
פסקו העבודה והיצירה

באחת ידו עושה במלאכה
ואחת מחזקת השלח (נחמיה ד, יא)

WORK WENT ON WHILE
BATTLES WERE FOUGHT

"With one hand they engaged in
the work, while the other held



קענעדי,קינג און קענעדי

פון נאָרמאן גאָלדבערג

יעדער טויט רופט ארויס א טיפן פיין און ווייטיק ביי די יענע וואָס זיינען געווען נאָענט צום פארשטאָרבענעם.עס איז דער צער פון ווערן בארויבט פון דער פריינטשאפט און ליבע . עס זיינען פאראן זייער ווייניק מענטשן וואָס זיינען געווען נאָענט מיט פרעזידענט קענעדי,אין מיין, אינטים מיט אים.

דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן ווערן מארטין לוטער קינג און ראָבערט קענעדי. און דאָך,די ווייטיק פון די גרויסע מאסן מענטשן,זייערע באוואונדערער,איז פארשידן אין כאראקטער. זייער טויט האָט ארויסגערופן שרעק און ווייטיק ביי מיליאָנען וואָס האָבן דערזעען א סוף צו דעם קאמף קעגן דיסקרימינאציעס פאר וועלכע אלע דריי האָבן געקעמפט און באצאָלט מיט זייערע לעבנס. ניט קוקנדיק וואָס די קענעדיס זיינען געקומען פון א מיליאָנערסקע פאמיליע און ד״ר מארטין לוטער קינג ציט זיין אָפּשטאם פון שווארצע שקלאפן ־דאָן זיינען אלע דריי געווען פארייניקט אין איין ווילן,איין קאמף אָפּצושאפן דיסקרימינאציעס קעגן די נעגער און העלפן דעם אָרימען מענטשן,שווארץ און ווייס... זיי זיינען געווען אמתע פריינט פון דעם פשוטן מענטשן און זיין קעגנגעשטעלט אלטע, אָנגענומענע געוואוינהייטן,טראדיציעס איינגעוואָרצלט אין דעם אמעריקאנער פאָלק פאר גענעראציעס...

****

עס איז דער טראגישער גורל פון אלע דריי קעמפער...

א מאָדנע זאן,מיר ריידן פון דעם בארימטן „אמעריקאנער וועג״ וואָס באשטייט פון געזעצלאכקייט,פרייהייט פון וואָרט,היימישע רואיקייט..דאָס אמעריקאנער פאָלק האָט זינט איר אנטשטייאונג ניט דורכגעמאכט קיין שום

געוואלט־איבערקערענישן,רעוואָלוציעס ניט דורכגעמאכט ווי אנדערע גרויסע און קליינע לענדער. אחוץ,נאטירלאך די ערשטע צייטן,די מלחמה קעגן ענגלאנד,און שפעטער צווישן די פארשידענע שטאטן. אמעריקע איז געוואָרן באטראכט פון יעדן אלס דאָס איינציקע גליקלאכע לאנד וואו אירע פראָבלעמען ווערן געלעזט אף א פרידלאכן מענטשלאכן אופן. נים מיטן קנוט נאָר מיטן איבערצייגנדן וואָרט..אזוי האָט די וועלט געזעען דאָס לאנד פון פרייהייט ־די פארייניקטע שטאטן..א היים וואו אלע וואָס ווערן גערודפט פאר זייערע איבערצייגונגען ־רעליגיעזע,פאָליטישע ־אלע קאָנען קומען און פילן זיך פריי אומגעשטערט

* * *

אָבער די צייטן האָבן זיך געביטן. דער רעוואָלווער האָט אָנגעהויבן צו דאָמינירן דאָס אמעריקאנער געזעלשאפטלאך לעבן. די ביקס אנשטאט אקעראייזן..וואָס דארף זיין פארקערט לויט די ערשטע באגרינדער פון דער אמעריקאנער קאָנסטיטוציע..היינט קאָן א קליין קינד זען דעם רעוואָלווער, ביקס,פארניכטונגס מכשירים אין די טעלעוויזיעס אלס א טייל פון אונזער לעבן. ניט וויכטיק צי דאָס איז די מלחמה אין וויאט נאם אָדער א״רייאָט״ א רויבעריי,ערגיץ אין א קליין אָדער גרויסע שטאָט אין די שטאטן...

דאָס קליינע יינגל ווערט צוגעוואוינט צו זען א ביקס,א מאָרד ־בלוי אין די הענט פון גרויסע אנשטענדיקע מענטשן. און עס ווערט כמעט א טייל פון זיין באוואוסטזיין,אז אזוי דארף די וועלט געפירט ווערן,מיט געוואלט און ברוטאלע מאכט.

* * *

דערפאר,דוכט זיך מיר,אז דאָס אמעריקאנער פאָלק טראָגט אלין די שולד פאר די דאָזיקע מערדערייען וואָס קומען לעצטנס פאָר,און גראָד, אין לאנד פון פרייהייט און רואיקייט־אנשטענדיקייט...

מען קאָן ניט וואַרפן די שולד אף אויסלענדישע אגענטן פון רעכטס און לינקס. ניין,דאָס איז די פרוכט פון אייגענער צוגרייטונג..עס קומט די צייט אין אמעריקע,דאָס קלאסישע לאנד פון דעמאָקראטיע וואָס האָט געוויזן דער וועלט א מוסטער פון געזעצלאכקייט ווייזט דער וועלט א נייעם וועג, פון ברוטאלער מאכט. פארניכטונג אנשטאט קולטור און ציוויליזאציע.

און אפשר,טראכט איך,וועט דער טויט פון די דאָזיקע דריי נאָבעלע אמעריקאנער אויפוועקן דאָס אמעריקאנער פאָלק צו דערזעען, אז עס איז

* * *

נאָך ניט צו שפעט צו ראטעוון די „גרעיט סאָסייעטי„ די גרויסע געזעלשאפט, ווי זשאנסאָן באצייכנט די פארייניקטע שטאטן, פון פולשטענדיקן מאָלישן אונטערגאנג. די שטאטן זיינען געווען פאר יאָרן די האָפענונג פון מיליאָנען אין דער וועלט, זי קאָן ווייטער בלייבן, אויב דער ווילן ביי דעם אמעריקאנער פאָלק איז נאָך ניט אטראָפירט געוואָרן.. די וועלט שטייט איצט דערשטוינט פון די דריי טויטן פון אירע בעסטע, און ערלאכסטע זין, און פון די אומצייליקע טויטן אין אלע עקן פון לאנד..

אמעריקע האָט גענוג פּאָטענציעלע קראפט פיזישע און מאָראלישע צו ווייזן דער וועלט א מוסטער פון גערעכטיקייט. מיר האָפן, אז עס איז ניט צו שפעט...

* * *

(איבערזעצט פון ענגליש)

* * *

נאָרמאן גאָלדבערג איז אן אייניקל פון אונזערע טייערע פריינט, די פרוכטענבערגס (אגב מלכהלע פרוכטענבערג איז אונזער פארוואלטערן פאר יאָרן...) דער זון, פון רבקהלע גאָלדבערג, שטודירט איצט אין מאָגיל קאלעדזש, מאָנטרעאל, קאנאדע. דאָס איז זיין צווייטער ארטיקל אין אונזער בולעטין. נאָרמאן איז 18 יאָר אלט. מיר וואונטשן אים און זיינע עלטערן, באָבע און זיידעס אז זיי זאָלן האָבן פון אים אסך נחת און גליק, און ווערן א בארימטער שרייבער. זיינע צוויי ארטיקלען ווייזן דעם כאראקטער פון נאָרמאן. ער גייט אין די פוס־טריט פון זיינע עלטערן...אויך ער אָטעמט מיט א פארשטענדעניש, מיטגעפיל פארן אָרימען און געליטענעם...א זאך וואָס איז די מערסטע פון אונז ניט פרעמד געווען אין דעם קליינעם שטעטל.

---

* * *

געשיכטע—אינוואדאָרן, מיליטערישע זיגער, ניינזיי האָבן ווייניק צוגעטראָגן צום מענטש. בלויז עטיש רעליגיעזע פירער: די נביאים, גרויסע דיכטער, שרייבער, בודא, פלאטאָ, סוועדענבורג, געטאָ, שעקספיר, מיסטיקער און פילאָזאָפן—זיי האָבן באריי כערט דעם מענטש.

אמעריקאנער פילאָזאָף, ראלף עמערסאָן.

* * *

(אף דער פראגע - וואָס איז געשיכטע,) ענטפערט עמערסאָן :

ביי דעם קאַנאַל

פון יהודה בן שלום חיפה
ישראל

:אין פאנאמא ––– ״פאנאמא-קאנאל״ פונקט ווי אין פראנקרייך-קאנאל, ״מיינט לאמאנש״. אפן זעלבן שטייגער, אז מען זאָגט דאָ, אין ישראל -קאנאל, מיינט מען דעם ״סועץ קאנאל״.

איך וואָלט געקאָנט אייך דערציילן אהיפש ביסל עפּיזאָדן פון אונזער ״יאזדעלע״ אהין און וואָס איך האָב דאָרטן געטאָן. איך ווייס, אז עס וואָלט אייך געווען אינטערסאנט צו הערן. זיינען מיר דאָך אָבער, נאָך אלע אין פראָצעס פון געגארטן שלום-וועלן מיר די דאָזיקע דעליקאטע זאכן איבערלאָזן אף נאָכן שלום. די רייזע האָט אונז געדויערט שעהן. און ווען מיר זיינען שוין ענדלאך אָנגעקומען, האָב איך געהאט א גרויסע איבערראשונג. אונזער א חשובער לאנדסמאן איז אָנגעקומען קיין קאָסטע-ריקע אף א באזוך. דערווייל דעם זעלבן טאָג איז דאָרטן געקומען א גרויסע פערזיינלאכקייט פון א דערבייאיק לאנד. פירט זיך דאָרטן, אז מען איז דעם גאסט מכבד מיט א גאנצע קאפעליע מוזיקאנטן און מען מאכט דעם ריכטיקן טומל.

דערווייל האָט אונזער לאנדסמאן געטראכט, אז דאָס האָבן זיינע קרובים און פריינט וואָס האָבן אים שוין ניט געזעען אסך יאָרן, געוואָלט מאכן א סורפריז, אָפּגעבן כבוד און ליבשאפט פאר אזויפיל יאָרן -האָט דאָס אים שטארק הנאה געטאָן. און ווי נאָר ער האָט בערזעען זיינע נאָנטע, האָט ער זיי א פרעג געטאָן, קינדערלאך צו וואָס אזא טראסק ??

אומגעפער, אביסל אנדערש האָט מיט מיר פאסירט..

אזוי שנעל ווי מיין אויטאָבוס האָט זיך דערנענטערט צום קאנאל און די העלע לבנה ליכט האָט אָפּגעשפּיגלט דעם קאנאל מיט די אָזיערעס: די ביטערע און די קראָקאָדיל, האָט זיך מיט אמאָל א״שפּיל״ געטאָן דער גאנצער ״ אָרקעסטער״ פון ביידע זייטן, אזש טויב צו ווערן. אלע כלים ״מוזיקאלישע״ לייכטע און שווערע ארטילעריע האָבן אנטייל גענומען אין דער״סימפאָניע״

און דער הימל איז באלויכטן געוואָרן מיט„פייער־קונצן״. עס איז געוואָרן לעבעדיק און לוסטיק...און בשעת ביידע אָרקעסטער־פירער פון ביידע זייטן זיינען געווען פארנומען אין זייערע „מוזיקאלישע - קאָמפּאָזיציעס״, בין איך געשטאנען, ווי יענער לאנדסמאן, א פארוואונדערטער און ניט געהאט וועמען אפילו צו פרעגן וואָס קומט דאָ פאָר, און פאר וועמען דער ליכטיקער קבלת־פנים ?

דער וועג האָט אונז געדויערט 10 שעה. אונזערע עלטערן האָבן דאָס זעלבע געמאכט מיט א „שטיקל צייט צוריק״ אזוי א קנאפע דריי טויזנט צוריק דאָס געמאכט אין „גאנצע 40״ יאָר, ווי זיי האָבן געוואנדערט אין דער מדבר. אלץ איז וויסט, טאקע ווי דער רבי האָט אונז אמאָל געלערנט, א וויסטעניש . נאטירלאך אונזערע אור־עלטערן האָבן געהאט א גוטן פירער און די שפייז אזוי ווי אין בעסטן רעסטאָראנט היינט מיט געשוואָלענע פרייזן. דער מאכל האָט געהייסן מן, און ווען איר האָט צוגעמאכט די אויגן־איך מיין אונזער אור־עלטערן ־האָבן זיי געפילט אלערליי טעמים אין דעם דאָזיקן, פון זיין ליבער נאָמען, געשיקטן מאכל... משה רבינו האָט אפילו פון פעלזן געקאָנט ארויסציען וואסער...טאָ וואָזשע האָבן זיי זיך באדארפט איילן ווי מיר היינט ? זיינען זיי געקראָכן גאנצע 40 יערערלאך...

וועל אין דאָס מאָל ניט באשרייבן דעם בארג, פון וואנעט אונזערע יידישע צרות האָבן זיך נעבעך אָנגעהויבן...וואָלט באדארפט באשרייבן אסך בויגנס פאפיר איבערצוגעבן די פראכט פון דעם בארימטן בערגעלע... דאָרט וואו אונזערע אבות האָבן איבערגענומען דאָס פעקל מיט געבאָטן און לערנען מיט די פעלקער מאָראל...וואָס די פעלקער האָבן זיך אויסגעלערנט־אין פארלויף פון צוויי טויזנט יאָר אפילו שוין צוגעבנדיק דעם„נייעם״ צום „אלטן „טעסטאמענט ־־וואָסער וועלט זיי האָבן געמאכט ־־איז ניט איצט מיין טעמע...בלויז ווי אזוי האָב איך, אלס א ייד געפילט אין דעם דאָזיקן מאָמענט ? איך בין געווען מיט אלע יידן פון אלע דורות, אלע, די לעבעדיקע און פארפייניקטע צוליב דער תורה וואָס מען האָט אונז געגעבן אפן בערגעלע... אויך געפילט ווי דאן אין די יאָרן 1956 ווען איך אליין בין געווען צווישן די וואָס האָבן דערגרייכט דעם בארימטן פלאץ..

איך האָב דעם דאָזיקן מאָמענט ביז היינט נאָך ניט בארירט. מיר וועלן דאָס היינט אויך איבערהיפערן... כאָטש א מדבר, אָבער, טייערע פריינט, עס איז אונזער מדבר. און מיר האָבן פאר דעם טייער באצאָלט....

שפאנען מיר פראנק און פריי איבער אונזער מדבר,אפילו זיכערער ווי אמאליקע יאָרן אין „קראשינסקים גאָרטן,און אוודאי פרייער ווי אין „זאקסישן גאָרטן"... איך וואָלט ניט געוואָלט,חלילה,אָנרירן דעם כבוד און לאָקאלן פאטריאָטיזם פון מאנכע פון אונזערע לאנדסלייט פון פארשידענע לענדערוואָס האָבן זיך בארימט פאר מיר מיט זייערע דעמאָקראטישע סיסטעמען און פרייהייט ביי זיי אין לאנד... און די זיכערקייט...און אין יעדן פלאץ,לאנד וואָס איך האָב באזוכט אַף אונזער רייזע,האָט מען מיך געוואָלט איבערצייגן,אז נאָר וואו זיי וואוינען איז דער אמתער גן עדן...איך האָב זיך ניט געוואָלט שפארן כדי ניט שאפן, ארויסרופן שלעכטע געפילן. האָב איך אויסגעהערט און צוגעשאָקלט מיטן קאָפ... און דאָך וואָלט איך וועלן זעען דאָ מיינע חברים,פריינט,אָט דאָ ביי אונז אין לאנד . אָבער,ניט קומען געצוואונגערהייט,נאָר מיטן אייגענעם פרייען ווילן,פונקט ווי מיר אמאָל,מיטן ברען פון דער נשמה אידעאל, צו שאפן,בויען אן אייגן ווינקל פאר אונזער געפלאָגט פאָלק.

שוין זין אביסל פארריידט..אנטשולדיקט. וואָס זאָל איך טאָן,אז דער ענין יידישע מדינה ליגט מיר אין דער נשמה. וואָלט איך וועלן זעען דאָ אלע מיינע פריינט העלפן אונז און זיך...

נאָך עטלאכע צענדליק יאָר דאָ אין לאנד,פילט זיך איצט שטאָלץ און גליקלאך צו זעען די איינגענומענע שטחים...עס איז דאָך ניט מער, ווי צוריקגענומען דאָס וואָס איז מיט יאָרן צוריק געווען אונזערס...

זעענדיק די ריזיקע שטחים לאנד,פרעגט זיך,יידיש פאָלק וואו ביזטו? וועסטו קומען און אויסנוצן די איצטיקע סיטואציע און קומען ???

פאראן גענוג פלאץ פאר נאָך טויזנטער און מיליאָנען,אפילו ווען געוויסע פלעצער וועט מען דארפן צוריקגעבן... דאָך וועט נאָך בלייבן פאר אונז אויך..

וועגן צוריקגעבן די איינגענומענע פלעצער,זיינען ביי אונז פאראן גענוג מיינונגס פארשינקייטן. אָבער,ניט אלץ איז אפהיינגיק אין אונזער ווילן. פאראן גענוג דרוק פון דרויסן: פון אָפענע שונאים,און אפילו,פון די אזויגערופענע,פריינט.. איז שווער פאָרויסצוזאָגן מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן.

אָבער,צו מיין פריערדיקע פראגע ? יידיש פאָלק וואו ביזטו ???

אין די שפּעטע אָוונטן שווער איינצושלאָפן. דאָס הארץ איז איבערפולט מיט דעם געזעענעם, דורכגעפאָרענעם. די אויגן אָנגעזעטיקט מיט דעם געזעענעם. דער וויסטער מדבר פול זיינע "אנטפּלעקטע"מינעראלן, קאָן ווערן א קוואל צו שפּייזן אונזער גאנצער באפעלקערונג און מיט נאָך א שמיץ פארן עקספּאָרט.. הלוואי וואָלטן מיר זיכער געווען צו האָבן די צאָל מענטשן דאָס צו באזעצן און אויסנוצן די שטחים... דאָס הארץ פול מיט פרייד און וויזיעס, חלומות פון דער צוקונפט - וואָס עס קאָן זיין אָט דאָ, אין דער פארוואָרלאָזטער טעריטאָריע פאר טויזנטער יאָרן...

נעבן מיר, א מאן טרינקט שווארצע קאווע. דערציילט מיר, ער איז שוין דאָ א זעקס וואָכן. ער איז א רעזערוויסט. איבערגעלאָזט אלץ אין דער היים: פאמיליע, געשעפטן... עס וועט דויערן צייט, נאטירלאך, ביז ער וועט ברענגען אלץ דאָ אין אָרדענונג און קאָנען אלעמען אהערברענגען אין זיין נייער היים..

******

פרעג איך אים, סעדיה ביזטו גרייט צו ברענגען אזא גרויסן קרבן, און וועט דיין משפחה מסכים זיין מיט דיר ?

א רגע פארטראכט ער זיך און ענטפערט מיר :

---ווער בין איך אין דיינע אויגן ? ווען מען רופט מיך צו בלייבן צוויי מאָל אזויפיל צייט וואָלט איך ניט געבליבן ? איך זאָל מיר זיצן רואיק אין דער היים און מיר זאָלן אין שפּאן ערד צוריקגעבן -? איך שעם מיך בלויז פאר דיין פראגע, מיין פריינט ! ער פארפלייצט מיך מיט רייד, פונקט ווי מיך איבערצוצייגן אין דער ריכטיקייט פון זיינע געדאנקען. איך קאָן אפילו ניט מאכן קיין באמערקונג און דערווארט ניט קיין ענטפער אויף מיין פראגע. קאָן בלויז דאָ זאָגן : אדאנק דיר מיין פריינט...

עס איז מיר באקאנט טויזנטער סעדיהס מיט די זעלבע געפילן, געדאנקען, גרייטקייט צו ברענגען קרבנות און העלפן דורכברעכן אלע שוועריקייטן און העלפן לעזן אלע אלטע און נייע פּראָבלעמען פון מדינת ישראל.

אָט דער שמועס מיט דעם יונגערמאן פון תימן, א טאטע פון 8 קינדערלאך, כן ירבו... ביי די ברעגן פון סועץ-קאנאל, נאָענט פון האלבע נאכט, בעת אונזערע"קוזינען" פון דער צווייטער זייט זיינען אזוי נערוועז, און לאָזן זיך הערן פון צייט צו צייט, און מיר "ענטפערן" זיי צוריק מיטן זעלבן לשון... שטערט אביסל אונזער געשפּרעך....

האָבן מיר זיך צו שעמען מיט דעם אװאנגאָרד דאָ בײ אונז אין לאנד? מיר האָפן, אַז דער אװאנגארד װעט ניט בלײבן אלײן...מיט אזעלכע אידעליסטן, פּיאָנערן װערן מיר געשטארקט און געשטאָלט. אונז פעלט בלויז די יידישע יוגנט װאָס די קלײנע שטעטלאך אין מזרח אײראָפּע האָט אמאָל ארויסגעגעבן צו קומען אהער װאו עס איז פאראן א צוקונפט פארן יידישן מענטשן, פארן יידישן פאָלק...נאָר דאָ, אין אײגן לאנד איז דער פּלאץ פאר אלע, מײנע ליבע פרײנט, אפילו פאר יענע װאָס גרויסן זיך און שטאָלצירן װאָס זײ לעבן אין פרײע לענדער...אמת יידיש לעבן, גאנץ יידיש לעבן, קאָן זײן בלויז דאָ, אין אײגן לאנד - אין מדינת־ישראל.

* * *

והחרים יהוה את לשון ים־מצרים
והניף ידו על־הנהר בעים רוחו
והכהו לשבעה נחלים והדריך
בנעלים:
(ישעיהו יא־טו)

און גאָט װעט פארװיסטן די צונג פון
דעם ים פון מצרים: און ער װעט פּאָכן
זײן האנט אפן טײך מיט זײן הײסן
װינט, און װעט אים צעשלאָגן אין זיבן
בעכן, און מאכן מיט שיך אריבער־
צושפּרײזן... (יידיש - יהואש)

פאַרטיידיקערן פון מדינת ישראל

אדרבה! זאָלן זיי פרובירן צוקומען נענטער?!?!?!?!?--

און, טאַקע, ווער וויל זיך „פאַרטשעפּן״ מיט דעם דאָזיקן מיידעלע --

* * *



אם יעזו הפורעים להתקרב...

Just let them come near...

אויסטראליע האָט דאָס וואָרט...פייערונגען און שמחות...

די פיר בילדער זיינען גענומען געוואָרן ביי גאנצע דריי פייערונגען וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי אונזער גרופע אין מעלבאָרן,אויסטראליע.

א) שרייבט אונז אונזער ליבער חבר און פריינט גדליהו אָשלאק -איז דער ערשטער יום טוב געווען,דאָס אוועקפאָרן פון ראָזא מיאָדאָווניק,די פרוי פון הערשל..א ריזעלע ארום אונזער וועלט.

ב) געפראוועט דעם 50 יאָריקן געבורטס-טאָג פון אונזער טייערן פריינט משה יאנקל יגליצקי...

* * *

ג) דאָס אָפפאָרן פון אונזערע טייערע פריינט:שמואלקע און מרים האָכגעלערנטער מיט זייערע קינדערלאך,הינדעלע און דודל -זיי פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל.

* * *

צו דעם צוועק זיינען זין אלע לאנדסלייט,זשעלעכאָווער,זיך צוזאמענגעקומען אין ציון רעסטאָראן צו שמחהווען...נאָך א געשמאקן מאָלצייט, עפנט דער פאָרזיצער פריינט ראָט דעם אָוונט. געזעגנט זיך מיט די געטרייע לאנדסלייט וואָס פאָרן אוועק זיך צו באזעצן אין מדינת ישראל. געזעגנט זיך מיט פרוי ראָזא מיאָדאָווניק וואָס פאָרט אוועק אף א ריזעלע. און וואונטשט אונזער ליבן פריינט יגליצקי אסך אסך יאָרן פון געזונט און גליק.

* * *

פריינט מיאָדאָווניק ריידט נאָכדעם ווי אויך דער בעל יובל,משה יגליצקי. דער לעצטער ריידט אונזער ליבער פריינט וואָס באַרלאָזט אונז, שמואלקע האָכגעלערנטער.

* * *

ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט וויל איך זאָגן עטלאכע ווערטער וועגן דער פאמיליע האָכגעלערנטער וואָס פלאנירן זיך באזעצן,אף שטענדיק,אין מדינת ישראל. שמואלקע האָט דעם טרוים פון ציון געטראָגן אין זיין הארץ און נשמה אסך אסך יאָרן...פון זיין פריסטער יוגנט אָן,האָט ער זיין גורל פארבונדן מיט דעם שיקזאל פון אונזער פאָלק. אָבער,דאן ניט געקאָנט פארווירקלאכן צוליב פארשידענע סיבות. אין דער צייט פון דער קאטאסטראָפע,האָט ער געהאָרעוועט אין א לאגער..שפעטער פארשיקט קיין טרעבלינקע צום אומקום פונקט ווי טויזנטער,מיליאָנען אנדערע יידן. ארויסגעשפרונגען פון א לויפנדיקער באן,ליגט אין בונקערס און געזעען דעם טויט פאר די אויגן... . נאָך דער באפרייאונג קומט ער

אויסטראליע. אדורכגעמאכט דעם „קורס"פון א גרינעם אין אנײ לאנד. זיך פײן ארויסגעארבײט און גוט זיך אײנגעאָרדנט . האָט ער און זײן ליבע פרוי באשלאָסן, אז איצט איז געקומען די צײט זיך אײנשטעלן אין דער מדינת ישראל וואוהין ער האָט זײן גאנץ לעבן געטרוימט צו העלפן שאפן און בויען א געזונט און פרוכטבאר יידיש לעבן. אן אייגן לעבן פריי און אומגעשטערט פונקט ווי אלע נאָרמאלע פעלקער... זיי דארפן ניט זאָרגן פאר פרנסה--חלילה. אָבער זיי ווילן געבן זייערע קינדער א גוטע יידישע דערציונג און וואו נאָך קאָנען זיי דאָס טאָן ? באשלאָסן איינצופאקן די וואליזקעס און היידא אין וועג אריין...

וואונטשן מיר זיי אלע א גליקלאכע צוקונפט אין יידיש לאנד... די גאנצע גרופע טייערע פריינט וואונטשט אייך אלץ וואָס אייער הארץ גלוסט. פאָרט געזונט און ווערט שותפים צום אויפבוי,אנטוויקלונג פון אונזער טייער ישראל...

גדליהו אָשלאק סעקרעטאר מעלבאָרן

* * *

אגב די נעמען אויף די בילדער : לינקס,אונטן :שמואלקע,מרים מיט זייער זונדעלע דודל. משה יגליצקי,יעקב און פרידע ווייסקאָפּ,די שוועסטער און שוואָגער פון מרים האָכגעלערנטער,ראָזא מיאָדאָווניק,מרים,דוד און שמואלקע,מ.ראָט,משה יגליצקי וועלוול און יהודית באָראָווסקי און מיין ווייניקייט -גדליהו אָשלאק...

* * *

אונזערע הארציקע באגריסונג צו אונזער טייערן חבר און פריינט משה יאנקל יגליצקי צו זיין ווערן 50 יאָר -יונג...מיר וואונטשן דיר און דיין ליבע.פרוי אסך יאָרן אין עושר און אין כבוד. און מיר זאָלן טאקע דערלעבן צו פייערן צוזאמען מיט אלע אייערע פריינט אייער 75 יעריקן געבורטס-טאָג אין א מזלדיקער שעה . טאקע אין א וועלט פון יושר פאר אלע און ספעציעל ,פאר אונזער פאָלק פאר מדינת ישראל.

יהודית און וועלוול באָראָווסקי
חנקע און איטקע צאצקעוויטש
חנה און יאנקל גאָלדמאן
אלטער קליינמאן

רעגינא און מאיר קורצארזש
זשעניע און ישראל ניישטעטער
חנה און יאָסל אָשלאק
עווא און גדליהו אָשלאק

מ. ראָט און משפחה רות און מאיר ווענגער

העלען און הענרי שפּרינגער זינא און מענדל קורצאַרזש

פרידע און יעקב וויסקאָפּ (חבר און ביזנעס שותף)

* * *



● **Lower:** **Pictured (l.-r.) at the planning meeting held by the Zelichower Landsmanshaft (standing): Mr. J. Goldman, Mr. M. Korr, Mr. M. Wenger. (Seated) Mr. M. Korcasz, Mr. J. Oshlack, Mr. I. Cackewicz, Mr. G. Oshlack (Senior), Mrs. M. Korr, Mr. M. Roth (Pres. Zelichower), Mr. G. Oslack (Junior), Mr. H. Meed, Mr. M. Iglicki, Mr. H. Borenstein, Mr. S. Najsteter.** (S. Cylich photos)



דער גרויסער דערפאָלג פון די זשעליכאָווער

אין דער לעצטער מינוט איז מען מודיע, אז די זשעליכאָווער האָבן אָפּגעהאַלטן זייער אַפּיל־מיטינג דינסטיק אָוונט, דעם 21טן מאַי, אין הויז פון מר. און מרס. מ. קאָרר. דער פּרעזידענט פון דער לאַנדסמאַנשאַפט, מר. מאָטל ראָט, וועלכער איז אויך וויצע־פּאָרזיצער פון פ.י.א., פירט דעם מיטינג און באַגריסט דעם מאַיאָר גדועון מרגלית אויף יידיש. דער מאַיאָר האַלט אויך זיין רעדע אין יידיש. דעם אַפּיל מאַכט מר .מ. ראָט און זאַמלט אַ סומע פון 21.270 דאָלאַר.

אין אַ דאַנק־וואָרט פאַר אַלעמען פאַר דעם געלונגענעם מיטינג, זאָגט מר. ג. אָשלאַק, אז די זשעליכאָווער זענען איבערגעגעבן און טריי צו ישראל און ווינטשט דעם מאַיאָר מרגלית גרויסע הצלחה אין זיין שליחות. ער בעט איבערגעבן אין ישראל, אַז מיר זענען און וועלן פאַרבלייבן אויף שטענדיק מיט זיי.

אַ פּרעכטיקער סאַפּער האָט פאַרענדיקט דעם שיינעם מיטינג.

זשעלעכאָווער אין אויסטראליע לטובת ישראל.

ג. אָשלאק

יעדעס יאָר אין די חדשים מאי און יוני, ווערט ביי אונז דורכגעפירט א קאמפּאניע פאר מדינת ישראל. אין דער דאָזיקער זאמלונג נעמען אן אנטייל אלע שיכטן פון די היגע יידישע געזעלשאפטן, קלובן, לאנדסמאנשאפטן. דאָס יאָר איז ניט געווען קיין אויסנאם. צום פרעסטיזש פון אונזערע זשעלעכאָווער, איז אונזער ליבער און חשובער פריינט מאָטל ראָט (ראָטפּארב) באשטימט געוואָרן אלס דער אָנפירער פון דער דאָזיקער קאמפּאניע. צו דעם צוועק, ווערט שטענדיק ארונטערגעבראכט א שליח פון ישראל צו העלפן אונז דורכפירן ווי אויך געבן אימפעט און אינספּיראציע...

דאָס מאָל איז צו אונז געקומען דער מאיאָר מרגלית. איינער פון די בעסטע רעדנער וואָס מיר האָבן ווען געהאט. ****

די צוזאמענקומען ווערן צעטיילט כדי דער רעדנער זאָל קאָנען ריידן צום גאנצן עולם. די לאנדסמאנשאפטן שפּילן דאָ א זייער וויכטיקע ראָל. אויך אונזער גרופּע, כאָטש ניט פון די גרעסטע, דאָך שפּילט א גאנץ באדייטנדע און אקטיווע ראָל. אונזער אָוונט איז פאָרגעקומען דעם 12טן מאי אין דער באקוועמער וואוינונג פון די פריינט מאיר און רעגינע קורצארזש.

אכט אָוונט הויבט זיך אָן. סווערט געוויזן ישראל פילמען, וואָס גיבן א באגריף פון דער געוואלטיקער אנטוויקלונג און פאָרטשריט וואָס אונזער ישראל האָט געמאכט אין משך פון די לעצטע צוואנציק יאָר...

דער פאָרזיצער פריינט מ. ראָט עפנט דעם אָוונט און שטעלט פאָר דעם גאסט מאיאָר מרגלית. אגב שטעלט פריינט ראָט פאָר דפארן גאסט אונזערע זשעלעכאָווער און ריידט וועגן אונזער פארשניטן שטעטל. א שטעטל אָנגעזאפּט מיט תורה, יידישקייט און געזעלשאפטלעכקייט וואָס אסך גרויסע שטעט האָבן דאָס ניט פארמאָגט... אונזער שטעטל — זאָגט פריינט ראָט — האָט געבראכט א גרויסן ביישטייער צו דער יידישער ליטעראטור און ארויסגעגעבן א גאנצע ריי שרייבער וואָס האָבן מיט זייער קינסטלערישקייט אריבערגעשפּאנט אונזער קליין שטעטל. איך האָב דאָ אין זין די שרייבער, און מאלער: איטשע מאיר ווייסענבערג, יחיאל לערער, בריינסקי און וואָלף יאסני... אויך אין מדינת ישראל האָבן מיר משה צדוק (לערער) אלון, ע"ה

גענעראל,און שלום זוסמאן ע״ה מאיאָר פון רמת גן און בכלל,איינער פון וויכטיקסטע אָנפירער אין פארשידענע געזעלשאפטלעכע ארבייטן...

שווער צו דערציילן איצט וועגן אונזער מענטשן־מאטעריאל אומעטום,אין כמעט אלע לענדער,אחוץ ישראל,פארנעמען אונזערע זשעלעכאָווער אן אָנגעזעענע פּאָזיציע אין דעם יידישן געזעלשאפטלעכן לעבן...זיי זעען זין אָן אומעטום.

* * *

עס רעדט דער רעדנער,ער האָט אלעמען אין ישראל געקענט פערזיינלאך.האָט א פרעכטיקע ריידע וועגן ישראל,יידיש לעבן און אויך וועגן דעם געגארטן שלום וואָס איז אזוי נויטיק פאר ישראל ,פאר דער גאנצער וועלט. נאָכדעם פירט פריינט ראָט דורך דעם אפיל און עס ווערט געשאפן באלד אפן פלאץ א סומע פון 21,542 איין און צוואנציק טויזנט מיט פינף הונדערט צוויי און פערציק אמעריקאנער דאלארס..

גדליהו אָשלאק באדאנקט אין נאָמען פון דער גרופע אלע פריינט וואָס האָבן אזוי ברייטהארציק זיך באשטייערט לטובת ישראל,און דאנקט אויך הארציק די אייגנטימער פון הויז,די קורצארזש וואָס האָבן צוגעגרייט אזא פרעכטיקן אָוונט... אין מיין נאָמען ווי אויך אין נאָמען פון אלע זשעלעכאָווער דאָ,דריקן מיר אויס אונזער הארציקן דאנק אונזערע ליבע און טייערע פריינט קורצארזש. נאָר אויף שמחות טייערע,זאָל מען זיך פרייען.

גדליהו אָשלאק סעקרעטאר אויסטראליע

* * *

משה יאנקל ייגליצקי א בן חמישים ביז הונדערט און צוואנציק.

משה יעקב,ווי מיר,אלע זיינע פריינט רופן אים,משה יאנקל,איז געוואָרן קיין שום ביז אויג,א 50ער. איז כדאי צו מאכן א שטיקל חשבון הנפש מיט וואָס זיינען אָנגעפילט געוואָרן אָט די פינף צענדליק יארעלאן...

די לעצטע פינף צענדליק יאָרן זיינען געווען אָנגעפילט מיט געוואלטיק היסטאָריש טראגישע געשעענישן פאר אונזער פאלק. אונזער פאלק איז אין בלוט אָפּגעגאנגען אדאנק דער רשעות,בעסטיאליטעט פון די אָפיציעלע מערדער און דער נאכלעסיקייט פארברעכערישע,פון,די אזויגערופענע , „פריינט" אונזערע. דער בעל היובל האָט געוואָלט,אז זיין געבורטסטאָג זאָל אדורך אומבאמערקט...

אין ווייס ניט ־־זאָגט אונזער ליבער משה יאנקל ־־פונוואנעט האָט זין דערטראָגן די וויכטיקע נייעס„אז משה יאנקל איז געוואָרן 50 יאָר"... א קליינקייט ...און מיר הערן אויס זיינע טענות און,בוכשטעבלאך,קעגן זיין ווילן,פירן מיר דורך דעם אָוונט געווידמעט זיינע 50 יאָר .... ווייל ווייפל פון אונזערע טייערסטע האָבן ניט געהאט די זכיה צו פייערן אָדער דערלעבן אנטיילצונעמען אין אזא יום־טוב...

דער שרייבער פון אָט די שורות האָט געקענט פאקטיש אלע דריי גענעראציעס, דורות,פון דעם בעל היובל...זיין זיידע זעליק,זיין טאטן אהרן און האָט אויך געקענט זיין עלטער־זיידן. א דאנק זיין עלטער זיידן, אן ענערגישער ייד,משה נאָטעס,אדאנק אים,האָט מען אויסגעבויט אין זש. א פרעכטיקע שול, נאָכדעם ווי די אלטע איז געוואָרן אָפגעברענט. אדאנק דער אומדערמידלאכער ארבייט פון זיין זיידן זעליק„איז די שול געוואָרן אויסגעפארטיקט און האָט געהאט א שם מיט איר פראכט. זיין טאטע האָט געארבייט אָן אויפהער צו דערהאלטן די חברה„ביקור חולים ״.און זייער זון און איניקל,דער היינטיקער „חתן בחור,״דער הויפט מחותן, ארבייט פאר אונזער לאנדסמאנשאפט,פאר דער לייזקאסע און ישראל,אומעטום,וואו עס פאָדערט זיך ארבייט לטובת הכלל־איז אונזער פריינט גרייט צו טאָן און העלפן.

* * *

ביי יידן ריידט מען זייער פיל וועגן המשך,פאָרזעצונג,דערהאלטן אונזער ירושה פון גענעראציעס. דאָ זעען מיר פאקטיש דער המשך,אין פארשידענע פאָרמען,פון אונזער יידיש גייסטיק און רעליגיעז לעבן אין עטלאכע דורות. א ירושה וואָס דער פריינט אונזערער משה יאנקל האָלט טייער. זיינע צוויי קינדער זיינען דערצויגן געוואָרן אין אמתן יידישן גייסט אָנגעזאפט מיט דער יידישער טראדיציע און אטמאָספערע,יידישער טעם... זייער טעכטער, פייגעלע האָט גאָר ניט לאנג צוריק חתונה געהאט און טראָץ דעם וואָס איר מאן איז א דאָקטאָר זייענדיק פון א טראדיציאָנעלער היים,איז ער געבליבן טריי די יידישע טראדיציעס,געבליבן א טרייער זון, פאר זיינע שוויגער עלטערן,פארן יידישן פאָלק. אין ווין ביי דער געלעגנהייט וואונטשן די טייערע פריינט לאנגע יאָרן פון אמתן גליק. און מיר זאָלן דערלעבן פייערן איירע 75 יאָר אין כבוד און געזונט..

****** גדליהו אָשלאק ************

א בעדואינער פרוי קריגט אן איינשטעכונג קעגן טובערקולאָזיס
אף וויפיל זי ״קוועלט״ אָן פון דעם פאַרגעניגן, קאָנט איר
זען אף איר פנים ״נעבעך״......

* * *

ביים סוף פון יאָר 1955 זיינען שוין אין ישראל געווען 100 שפיטעלער
מיט 12.218 בעטן. **פאַר דער אַראַבישער באַפעלקערונג אין נצרת איז**
אויפגעשטעלט געוואָרן א ספּעציעל שפּיטאָל צו היילן טובערקולאָזע, פון וועלכע
די אַראַבער ליידן זייער פיל...

* * *

אונזערע טעטיקייטן אין ניו יאָרק

פון אונזער פארוואלטערן

מלכהלע פרוכטענבערג

יעדעס יאָר שליסן מיר אָפ אונזערע ארבייטן פאר די עטלאכע זומער־חדשים. די היצן און דאָס צעפאָרן זיך פון מאנכע אונזערע מיטגלידער, מאכט אוממעגלאך זיך צוזאמענקומען.

אונזער ארבייט באשטייט הויפטזעכלאך אין העלפן דער ליי קאסע אין ישראל, דעם בולעטין און אויך געבן הילף די יעניקע וואָס נויטיקן זיך..

די מלחמה קעגן ישראל האָט ארויסגערופן א גרייטקייט צווישן אלע חברים און פריינט, זשעלעכאָווער אומעטום. אויך אונזער גרופע, וואָס פארמאָגט ניט צופיל מיליאָנערן, האָט געהאָלפן מיט אלץ וואָס מיר האָבן געקאָנט. אויך געקויפט א געוויסע סומע ישראל־באָנדס. *******

נאטירלאך, מיר וואָלטן זייער געוואָלט, אזאונזער ארבייט זאָל טראָגן א מער קולטורעלן כאראקטער. עס איז אָבער שווערלאך. אונזער עולם ווערט ניט יינגער און דער יינגערער עלעמענט ווייזט ארויס זייער ווייניק אינטערעס אין אונזער ארבייט. עסאיז די טראגעדיע ניט בלויז פון אונזער„סאָסייעטי" נאָר פון, כמעט, אלע. דער דור אימיגראנטן ווערט עלטער, דער דור וואָס האָט איבערגעלאָזט די שענסטע יוגנט יאָרן מיט אלע שיינע דערהויבענע שטרעבונגען אין דעם קליינעם שטעטל ־גייט אוועק. קומען קומט א נייער דור ווען עס איז פרעמד אָט די אלע אידייען וואָס האָבן, אונז געווארימט און דערהויבן אין אונזערע יוגנט־יאָרן...

אָבער, מיר טוען אלץ צו דערהאלטן דער גאנצקייט פון אונזער משפחה זשעלעכאָוו. און איבערהויפט, עס איז פאראן אן אדרעס...

קומט א גאסט פון אויסלאנד, ווייסט ער וואו אָנצוקלאפן און טרעפן א ווארימען, היימישן ווינקל פריינט. אָט איז צו אונז געקומען די פריינט מאקס און פערל לערער אזש פון בראזיל. דער טעלעפאָן קלינגט.. דאָס ריידט פערל פריידע צאלקעס איניקל..צופעליק האָבן מיר דאן געהאט

א צוזאמענטרעף ביי אסתר און שמעון וועיר. מיר ברענגען זיי אהין און נאך גרעסערע איבערראשונגען,אחוץ די פרייד פון ניט זעען זיך אזויפיל יארן — וואס פערלע איז געווען א יוגנט פריינדן פון אסתר וועיר אין דער אלטער היים. נו,די פרייד איז געווען פול מיט קושן און געוויין,דערמאנענדיק זיך אין אונזערע פארשניטענע טייערע...

א וואך שפעטער א צוזאמענקום ביי די גרייצערס:

הערשל אלטמאן מיט זיין פרוי,פריידע פון מיאמי זיינען פונקט געווען אין ניו יארק,געקומען פירן צו די חופות דעם טאטן און זון יחסן — אויך די געסט שפרינגער מיט זיין פרוי אזש פון—אויסטראליע,שוין די פריינט ניט געזעען זינט 1935 אריבער א היפש ביסל געשייענישן דורן דער צייט.

איז טאקע די פרייד געווען ניט צו באשרייבן...

אז די גרייצערס קאנען אנגרייטן וואס צו נעמען אין מויל ארײן־דארף מען אייך ניט זאגן. קיין הונגעריקע זיינען מיר פון דארטן חלילה ניט אוועק. אויך געווען איזאבעלס בארימטער טאטע,דער זינגער סידאר בעלארסקי..עס איזגעווען אן אוונט פון גייסטיקן פארגעניגן,באמת,שטארק הנאה געהאט. נאך אלעמען,דאס איז דאך דער הויפט צוועק פון אונזער משפחה דערנענטערונג און פריינטשאפט און העלפן די יעניקע וואס נויטיקן זיך אין א האנט...

* * *

אין וויל האפן,אז אונזער גאנצקייט,פריינטשאפט און הארציקייט, זאל אנהאלטן אסך,אסך יארן.

די זשעלעכאווער סאסייעטי אין ניו יארק איז די היים פאר אייך אלע זשעלעכאווער אומעטום,ווען איר קומט קיין ניו יארק,וועט איר געפונען א ווארימע היים אין אונזער „סאסייעטי״ אין אונזער גרופע.

* * *

מיר ווילן אייך דערמאנען טייערע פריינט,אז דער בולעטין האט ניט קיין צו גרויסע מעצענאטן..מאנכעסמאל זעט איר,אז די געווינלעכע,פשוטע ארבייטער באשטייערן זיך מיט גרעסערע סומעס ווי די גאר גרויסע רייכע. איז ,באמת,א רחמנות,ווי מאנכע רייכע האבן ניט קיין שליטה אף זייער אייגן געלט..אנטשולדיקט מיר פאר מיין אפנהארציקייט..כאטש עס וועט אפשר,מאנכע אנרירן. העלפט אונז אנגיין מיט אונזער ארבייט ! א דאנק.

פון א לעבן וואס איז מער ניט דא

א בלומל-טאג אין שטעטל זשעלעכאוו „בונדישע גרופע״

כמעט אלע זיינען אומגעקומען אדער געשטארבן. עס לעבן בלויז פיר: וואוינען אין ארגענטינע ,באראנקילא,פראנקרייך און פאנאמא.



אפן בילד זעען מיר עטלעכע אנגעזעענע פירער פון שטעטל :

חיים אנקערמאן וואס האט געשפילט א גרויסע ראל אין שטעטל און שפעטער פארענדיקט זיין לעבן אין דער ווארשעווער געטא. העכסט אינטעליגענטער מענטש, געקענט שפראכן און בכלל, געווען בעהאוונט אין דער וועלט-ליטעראטור. פלעגט לייענען רעפעראטן אין „גראסער -קלוב״ וועגן פארשידענע ליטערארישע און פאליטישע טעמעס. ישראל יצחק כאבערמאן געהאט א נייגונג צו טעאטער. געהאלפן אהרן נאדלער שאפן א קרייז צו שפילן טעאטער ביי אונז אין שטעטל. שפעטער, אין די שטאטן, מיטגעשפילט אין „טרייענגל״ טעאטער אונטער דער פירערשאפט פון פאסקא.

ישראל יצחק יאבלאן אין דער פארנט רייע, געווען א וויכטיקער פירער אין „בונד״ און שפעטער, זייענדיק ריין, דאן אנגעהאלטן און ניט פארשעמט זיין רעוואלוציאנערע פארגאנגענהייט. און כ׳ור מיטגעארבעט...

אונזערע האַרציקע באַגריסונג צו אונזערע פרײנט שאָלעק און אסתר צו דער החונה פון זײער מוזיניקל, אסך אסך נחת און פרײד.

זשעלעכאָװער גרופּע בראַזיל ש. טשעטשינאַרזש סעק.

אונזערע ברכות אונזער ליבן פרײנט משה יאַנקל יגליצקי צו זײן פעקל יאָרן יא 50ער אין הײנטיק-מאָדערנער צײט - א שניעק...אזוי זאָגט מען אין ניו יאָרק. נו, לאָמיר אלע דערלעבן צו פײערן אײערע 75 יערערלאַך אין נחת און פרײד. אײך, אײער משפּחה אסך נחת, פרײד און גליקלאַכע יאָרן.

לײבוש, שאָלעק און מלכהלע...

אונזערע ליבע פרײנט די האָבגעערנטערס: שמואלקע און מרים און זײער פאַרמעג--אונזערע האַרציקע ברכות צו אײער פאָרן זיך באַזעצן אין ישראל. עס איז א טרוים פון אסך, צום באַדויערן, ניט יעדער אײנער קאָן דאָס דורכפירן...פאַראַן פאַרשידענע סיבות פאַר דעם. איז דעריבער א פרײד צו זעען װי איר האָט באַשלאָסן צו פאָרן דאָרטן װאוהין איר האָט שטענדיק בעשטרעבט צו זײן און העלפן בויען אונזער מדינת ישראל. פאָרט געזונט האָט א גליקלאַכע רײזע און מיר זײנען זיכער, אז איר װעט דאָרטן, פונקט װי אין אויסטראַליע זײן נאָענט מיט אונזערע זשעלעכאָװער און העלפן זײ אין זײער אונזער אַרבײט.

אײערע פרײנט און קוזינען: הערשל, פרידע, שאָלעק, אסתר, לײבוש מלכהלע און אברהמעלע... להתראות ---

* * *

אונזערע טײערע ד"ר לזאַין משפּחה, מאָרטי, שרקעלע און קינדערלאַך -- מיר װאונטשן אײך אסך גליק אין אײער נײער הײם. עס איז שוין געװען צײט, אז די אלטמאַנס, לואינס און דײמאָנד זאָלן זײן צוזאַמען נאָך אזוי-פיל יאָרן פאַנאַנדער געטײלט...אונזערע ברכות צו אײער נײער הײם אין מיאַמי, אסך נחת און גליק אין קרײז פון דער גאַנצער משפּחה...

װי פלעגט מען זאָגן בײ אונז ; סקאָצל קומט !!!

הערשל, פרידע, שאָלעק, אסתר, די דײמאָנדס...

הינדעלע און װאָלטער --אונזערע גליקװאונטשן אײער טעכטערל, לינדעלע צו איר צוריקקומען פון פראַנקרײך, נאָכדעם װי זי האָט אזוי בערפאָלגרײך

כמעט געבראַכט א פאָליטישן קריזיס אין לאַנד....זאָל זי זײַן מיט אונז און העלפן עפּעס אונזער לאַנד קומען צו א שטיקל אָרדענונג.. מיר װילן זי האָבן מיט אונז,און זײַנען זיכער,אז אויך דער זיידע און באָבע: שאָלעק און אסתר װילן אויך דאָס זעלבע. ליינדעלע טײַער קינד,בלײַב דאָ מיט אונז װעט זײַן פריילאַכער אין אונזער משפחה.

מיאַמי ---- הערשל און פרידע אלטמאַן

* * *

אונזער ליבן סטענלי און װײַבעלע צום געבורט פון איער ערשט זונדעלע אסן נחת און גליק. איר זאָלט אים דערציען אלס גוטער ייד און מענטש. און דיר,גיטעלע,די באָבעלע --אסך נחת און גליק. א גרינגע דערציונג. װי גליקלאַך װאָלט געװען אונזער טײַערער ישיהו צו דערלעבן אזא נחת. האָט דער טראַגישער גורל פאַרשניטן זײַן לעבן...אין טאָג פון אונזער אלעמענס פרייד דערמאָנען מיר זײַן נאָמען װאָס מיר װעלן נים קיינמאָל פאַרגעסן... טײַערע, נעמט צו אונזער האַרציקע ברכות --טאַטע,מאַמע און באָבע....

משה יאָסל און װײַבל,הערשל,פרידע,שאָלעק.אסתר,די
דײַמאָנדס... מיאַמי פלאָרידע

* * *

* * *

שרײַבט אונז מלכהלע פון ניו יאָרק:

מיר האָבן לעצטנס געהאַט חשובע געסט --אַזש פון פּאַריז, פרײַנט חנינה מעסינגער האָט אָנגעזאָגט די פרײַנט ; מינסטער, זײַן פרוי, אונז צו זעען און זיי האָבן אים געפאָלגט. און מיר זײַנען זיכער,אז זײַ װעלן נים באַדויערן... אויך אונזער פרעזידענט שמעון װעיר,האָט זײַן אביסל„נאַריש״געמאַכט און אַרײַן אין שפּיטאָל. ער גײט שוין אַרויס די קומענדע טעג. װאונטשן מיר אים צו זײַן געזונט פון היינט אָן און װײַטער. א פרעזידענט קאָן זײַן נים פאַרגונען דעם לוקסוס צו װערן קראַנק.מיר דאַרפן האָבן א געזונטן פרעזידענט.

די זשעלעכאָװער גרופּע אין ניו יאָרק מלכהלע סעק.

מיר באגריסן אונזער פריינט משה יאָסעלע יחסן צו דער טאָפּעלער שמחה, פריער חתונה געמאכט זיין זונדעלע,סטענלי,און א דריי טעג נאָכדעם, נאָכגעטאָן דאָס זעלבע...נו,זאָל דאָס מזל שיינען פאר איין בידע. א שאָד וואָס מיר האָבן ניט געקאָנט זיין מיט אייך און זיך פרייען צוזאמען - אָבער פארטרעטער האָבן מיר יאָ געהאט דאָרטן: הערשל און פרידע אלטמאן. אסך,אסך יאָרן פון אמתן גליק.

משפחות: אלטמאן,דיימאָנדס,לואינס,פאנאמא,מיאמי און פרינסטאָן.

אונזער הארציקע ברכות אונזערע טייערע פריינט: טאטע און זון,צו אייערע שמחות. מיר וואונטשן איין נחת און גליק.

זשעלעבאָווער גרופּע ניו יאָרק   מלכהלע סעק.

מיינע טייערע שמעון און אסתר וועיר (פון דער היים -העפּנער) צו דער שמחה פון זייער זונדעלע. מיר וואונטשן אייך,אז איר זאָלט דערלעבן צו פירן זיינע קינדערלאך צו דער חופּה. מיר פרייען זיך און זיינען מיט אייך אין אייער גרויסער פרייד. מזל -טוב טייערע קינדערלאך...

בערל און גיטעל העפּנער   ארובא   דאָטש וועסט אינדיעס

אונזער זשעלעבאָווער גרופּע אין ניו יאָרק באגריסט אונזער פרעזידענט און זיין ווייבל (די פּוירסט ליידי) צו דער שמחה פון זייער זונדעלע. איר זאָלט דערלעבן פון די קינדערלאך אסך נחת און גליק. מיר דארפן האָבן א גליקלאכן פּרעזידענט כדי צו טאָן גוטע און ערנסטע ארבייטן. נאָן אמאָל,טייערע שמעון און אסתר --מזל טוב.

זשעלעבאָווער גרופּעניו יאָרק   מלכהלע סעקרעטארן

אונזערע ברכות טייערע אסתראון שמעון צו דער שמחה פון אייער זונדל. איר זאָלט דערלעבן אסך נחת פון אים און פון זיינע קינדערלאן. מיר פרייען זיך מיט איין אין אייער גרויסער פרייד. מזל -טוב.

סילקאָוויטש און חנהלע זמיר (פרוי סילקאָוויטש)

חנה זמיר איז א באוואוסטער נאָמען אין דער ארץ ישראל אָפּערע. א מוסטער פון איר פראכטפולן געזאנג האָבן מיר געהאט אין סאן באָסע,קאָסטע ריקע.

די געשיכטע פון שלמה קיעװסקיס און אײניקל

האלינע בירענבוים הרצליה ישראל

***

אָט װי זי שרײבט מיר פון איר לעבן אין קורצן: געבוירן אין װארשע אין יאָר 1929. די קריג האָט אויסגעבראָכן װען איך בין געװאָרן 10 יאָר. דאן בין איך געװען אין װארשאָװער געטאָ ביז נאָכן אויפשטאנד. אין אפריל 1943 האָט מען מיך מיט אנדערע פארשיקט קײן מײדאנאק,אָושװיטש כמעט צװײ יאָר בין איך דאָרט געװען. װען די רוסן זײנען ארײן און אונז באפרײט,בין איך שוין געװען 15 יאָר. אין מאי 1945 בין איך צוריקגעקומען קײן װארשע װאו איך האָב געפונען מײן ברודער,אין מיטן גאס. שפעטער האָב איך געלערנט אין דער גימנאזיע און זיך אָנגעשלאָסן אין קיבוץ „השומר הצעיר" און אין יאָר 1947 בין איך מיט דער אומלעגאלער עליה געקומען קײן ישראל.

***

דאָס איז אין קורצן מײן ביאָגראפיע ...

האלינא האָט אויך ארויסגעגעבן א בוך װעלכן װעגן מיר דרוקן דאָ איבער א רעצענזיע . דאָס בוך װערט איצט ארויסגעגעבן אויף ענגליש,איבערזעצט פון איר ברודער װאָס װוינט שוין עטלעכע יאָר אין די שטאטן.

***

דאָס בוך הײסט : דער בטחון שטארבט דער לעצטער״

דאָס בילד איז פון איר מיט איר משפחה אין ישראל.

***

דער בטחון שטאַרבט דער לעצטער

ל. געילער

„דער בטחון שטאַרבט דער לעצטער" — אַזוי האָט אָנגערופן האַלינע בירנבוים איר בוך, וואָס זי האָט אָנגעשריבן אין פּויליש, אין הרצליה (ישראל) און אַרויסגעגעבן אין וואַרשע, אין פאַרלאַג „טשיטעלניק".

ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן, איז האַלינע נאָך קיין גאַנצע 10 יאָר נישט אַלט געווען. זי איז געווען אין געטאָ, איבערגעלעבט דעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד, מאַידאַנעק, אָשוויענטשים, ראַווענסבריק און נאָך איינעם אַ לאַגער. איר בוך דערציילט טאַקע וועגן אירע איבערלעבונגען. האָבן מיר, אַזוי אַרום, נאָך אַ דאָקומענט וועגן יענע שרעקלעכע גרויזאַמע צייטן. אַ פערטל יאָרהונדערט איז שוין באַלד אַוועק זינט די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט, אָבער די ווילדע מעשים פון די פעלקער־מערדער האָבן איבערגעלאָזט אין האַרץ און באַוווסטזיין שפּורן, וואָס קאָנען נישט און וועלן וואַרשיינלעך שוין קיינמאָל נישט אָפּגעמעקט ווערן.

ס'איז נישט אמת, אַז ס'איז שוין — ווי ס'זאָגן אייניקע — „דערעסן" געוואָרן צו לייענען וועגן יענע שוידערצייטן. נישט אמת — אַ פאַקט איז, אַז די ליטעראַטור וועגן די דאָזיקע יאָרן אינטערעסירט כסדר אַ גרויסן לייענער־עולם אין דער גאַנצער וועלט. און ס'איז מער ווי נאַטירלעך: ס'קאָן נישט פאַרגעסן ווערן דאָס, וואָס מען טאָר נישט פאַרגעסן. יעדעס נייע בוך פון דער א. ג. חורבן־ליטעראַטור ווייזט אונדז, אַז וויפל מיר לייענען נישט, קענען מיר נאָך אַלץ צו ווייניק די געשיכטע פון די טראַגישסטע יאָרן אין אונדזער פאָלקס־געשיכטע.

האַלינע בירנבוים האָט געשריבן אירע זכרונות זייענדיק שוין אַ פרוי פון די דרייסיקער יאָרן, אַלזאָ פון אַ ווייטער פּערספּעקטיוו, און דאָך האָט זי אַלץ פאַרגעדענקט. אַלץ וואָס זי דערציילט אָטעמט מיט פרישקייט, ווי ערשט נעכטן וואָלט עס געשען. ווייזט אויס — די וווּנדן פאַרציען זיך נישט. זי דערציילט פליסיק, ס'פילט זיך טאַקט און—דער עיקר—טאַלאַנט. זי אַקצענטירט דאָס, וואָס איז גאָר וויכטיק, וואָס פאַרמאָגט אַ גרעסערן באַדייט. פון זיך אַליין באַקומט זיך, אַז זי באַנוצט זיך מיטן קאָנטראַסטירנדיקן מעטאָד.

אָט ווי זי באַשרייבט די גאַס, וואָס זי האָט דערזען נאָכדעם, ווי די היטלעריסטישע רוצחים האָבן זי מיט איר משפּחה און מיט אַנדערע ייִדן אַרויסגעשלעפּט פון דעם בונקער, ווו זיי האָבן זיך אויסבאַהאַלטן בעתן אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ: „...דער פינצטערער, פול מיט משאַר בונקער האָט זיך מיר איצט אויסגעוויזן פאַר אַ שפּילער וואַרעמער, געמיטלעכער היים. אַפילו דער הימל, צו וועלכן כ'האָב אַזוי געבענקט, איז געווען דעם טאָג אָנגעדראַלן, געקוקט מיט בייזע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט זיך געוואָלט צופּאַסן צו דעם אַרום... אויף יענער זייט מויער, אין אַ הויז אויף דער זייט, האָט עמיצער געשפּילט פּיאַנאָ..."

די אויטאָרין ווייסט די קונסט פון נישט דערזאָגן און איבערלאָזן דער לעבעדיקער פאַנטאַזיע פון לייענער צו פאַרענדיקן דאָס בילד. און כאָטש ס'איז בצמצומדיק, לאַקאָניש, זענען די בילדער־סעריעס בולט און פול מיט קאָליר. פאַראַן שטעלן ווו די אויטאָרין טענהט זיך ליריש אויס:

> „די פאַרברענטע גאַסן פון געטאָ, די הייזער, אין וועלכע מיר זענען געבוירן געוואָרן, געוואַקסן, געלערנט זיך זיין אַ מענטש, די הייזער, פון וועלכע די קעלערס מיט די בוידעמער זענען אַזוי לאַנג געווען עדות פון אונדזער דערנידערונג, שרעק, ליידן, צרות און בענקשאַפט נאָך אַ ביסל פרייהייט — אָט דאָס אַלץ, וואָס מיר האָבן אַזוי ליב געהאַט אין אונדזער ייִדיש־שפּרודלדיקן וואַרשע, פאַרלאָזן מיר... אַ סך פון אונדז — אויף אייביק..."

האַלינע בירנבוים האָט אויף דער זעלבער טעמע געשריבן אַנדערש, ווי מחברים פון אַנדערע, אונדז באַקאַנטע ביכער. אין איינעם, זייער אַ וויכטיקן פּרט שטייט זי נאָענט צו אונדזער הענריק גרינבערגס „ייִדישער מלחמה". ביידע גיבן דאָס בילד פון דער ייִדישער מאַמע. לייענענדיק די ווייטלעך איז אויפן זכרון געקומען דאָס, וואָס מיין מאַמע האָט מיר אַמאָל געהאַט דערציילט: בעת איינער אַ דיסקוסיע אין וואַרשעווער „הזמיר" מיטן אָנטייל פון י. ל. פּרץ האָט מען זיך געהקירהט אַרום דעם ענין: וואָס איז דער סוד, וואָס נישט געקוקט אויף אַלע צרות און גרויזאַמע גזירות אין משך פון יאָרטויזנטער האָט דאָס פאָלק אויסגעהאַלטן. זענען אַלע געבליבן ביי י. ל. פּרצעס מיינונג: די ייִדישע מאַמע! האַלינע בירנבוים האָט צו פאַרדאַנקען דאָס, וואָס איר בטחון איז קיינמאָל נישט איינגעבראָכן געוואָרן, וואָס זי איז פאַרבליבן קאַמפּספּעיק און לעבנסגיריק — איר מאַמען, ווען זי שילדערט אַזוי: „אָט די קליינע, קרענקלעכע פרוי איז געווען באַשאָנקען מיט אַן אייזערנעם ווילן און קאַלטבלוטיקייט. זי האָט זיך געקאָנט באַהערשן און זיך אַן עצה געבן אין יעדער לאַגע און קיינמאָל נישט פאַרלוירן איר גוטמיטיקייט. זי איז געווען קלוג און דרייסט. צו אונדז, צו די קינדער — שטענדיק מיט אַ שמייכל... מיר מוזן קעמפן, האָט געלערנט די מאַמע, און נישט טרייסלען זיך פאַר שרעק. נו, אַז עס וועט קומען די צייט, וועלן מיר אַלע צוזאַמען אַוועק". און זי דערציילט, אַז דער מאַמעס רייד האָבן אויף איר אַזוי געווירקט, אַז זי האָט אויפגעהערט מורא צו האָבן, זי האָט אויפגעהערט גלייבן אין דער מעגלעכקייט פון טויט. דאָס האָט די מאַמע איר געגעבן דעם גלויבן אין לעבן, און זי פאַרענדיקט: „עס האָט מיך אַרומגענומען אַ מאָדנע יומטובדיקע שטימונג, איך האָב זיך דערפילט דערהויבן... ניין, מיר וועלן קיינמאָל נישט שטאַרבן".

עס וואָלט גוט געווען, ווען דאָס אינטערעסאַנטע, איינגאַרטיקע בוך דערשיינט אויך אין דער ייִדישער שפּראַך.

איינע פון די רעצענזיעס וועגן איר בוך. ווען מיר וועלן דערהאַלטן דאָס בוך אין ענגליש ־ווען מיר באַזונדער שרייבן וועגן דעם.

זײנען ײדן געגאנגען צו דער שחיטה אָן ווידערשטאנד ?
אן ענטפער אף דער פראגע גיט דאָס בוך פון יורי סול....
פאָדער בלאט פון דעם וויכטיקן בוך....


THEY FOUGHT BACK
The Story of the Jewish Resistance in Nazi Europe
YURI SUHL

אנטאלאָגיע פון
ײדישער העלדישקײט און
העראָאישקײט...

שרײבט אליהו ווײזל וועגן בוך:

לײען יורים בוך און דו וועסט דין שוין
מער ניט פרעגן; פאר וואָס זײנען געגאנגען
אונזערע ברידער צו דער שחיטה....

זיי האָבן זיך קעגנגעשטעלט
די געשיכטע פון דער ײדישער רעזיסטענץ אין
נאצי־אײראָפּע..

צו די וואס פרעגן פארוואס האט איר זיך ניט פארטיידיקט?

מיר דרוקן דאָ איבער א בריוו געשריבן פון האלינע בירענבוים, די מחברן פון בוך „די האָפענונג שטארבט די לעצטע” וואָס וואוינט אין הרצליה, וואָס איז דערשינען אין „הארץ” דעם 15טן מאי.

---אין די טעג וועלכע עס איז אָפּגעמערקט געוואָרן אין לאנד דער ווארשאָווער „געטאָ אויפשטאנד” ווערט ווידער געפרעגט די פראגע וואָס חזרט זיך איבער זינט יאָרן, דורך יענע וואָס האָבן אליין ניט איבערגעלעבט דעם גיהנום פון דער נאצי־אָקופּאציע און אומקום.

פאר וואָס האָט איר זיך ניט קעגנגעשטעלט ?

אלס איינע וואָס האָט אדורכגעמאכט אלע פאזן פון נאצישן גיהנום פון די ווארשאָווער יידן, פון די באָמבארדירונגען אין סעפטעמבער 1939 ביזן געטאָ, גירוש אקציע. דעם אויפשטאנד און דערנאָך: מאיידענאק, אוישוויטש, קאָנצענטראציע לאגערן אין דייטשלאנד, וואונדער איך זיך אף דער עצם פראגע.

אין יענע טעג, איז דאָס ארויסגיין אף דער ליכטיקער שיין, צו גלויבן אין עפעס, צו לעבן, שטרעבן צו עפעס --געווען א גבורה... דער ווילן צו לעבן אף דער וועלט, וואָס איז אזוי נידערטרעכטיק, אכזריות־דיק, פיין אָן א גרעניץ אָפּצוהיטן, דערהאלטן דאָס מענטשלאכע געשטאלט -- דאָס אליין איז געווען א גבורה אין דער צייט, ווען עס איז נויטיק צו קעמפן וועגן יעדן סענטימעטער פלאץ, ווען יעדער טראָפּן וואסער און אפילו וועגן א ביסל לופט צו אָטעמען...

און מיר האָבן, טראָץ דעם אלעם, געגלויבט, געלעבט, געליבט און געקעמפט וועגן יעדער מינוט פון לעבן, און מיר זיינען געווען בכוח צו קעגנזייטיק זיך מקריב זיין, וואָס האָט ניט קיין ביישפיל !

די וואָס פרעגן. זיינען ניט בכוח אפילו זיך צו פארטיפן אין יענער תקופה, ווערן אויפגעטרייסלט און צעבראָכן נאָך א שעה לייענען ---בלויז לייענען --און פרובירט זיך פאָרשטעלן אין אייער פאנטאזיע, מיר האָבן דאָס אליין דורכגעלעבט אין משך פון 5 יאָר, טאָג און נאכט, יעדע מינוט --און אייביקייט...

מיר האָבן זיך פארטיידיקט !

* * *

די דײטשן האָבן דערקלערט טויט פאר אלעמען -- מיר האָבן דערקלערט: לעבן,לעבן אונטער יעדן פרײז,אונטער אלע באדינגונגען,אָן געבעט,אָן כניעה אנטקעגנאיבער די שרעקלאכע לײדן,אנטקעגן טויט יעדער מינוט, און אין דער שעה,א מינוט,און אין דער שעה,מינוט,צווישן לעבן און טויט,איז געשײען,אז מיר האָבן געלערנט,געלײענט ביכער,געזונגען,זיך געוויצלט...ווען אלע זײנען געווען הונגעריק,האָבן מיר האָבן געגלויבט - „עס וועט זײן גוט,מיר וועלן אלץ איבערלעבן"...

און מיר זײנען גובר געווען אויך אף זאכן אף וועלכע עס איז אוממעגלאך גובר צו זײן. א קינד פון 5 יאָר האָט געוואוסט צו זאָגן: „מאמע,בלײב ניט מיט אונז,גײ צו די דערוואקסענע,די דײטשן האָבן ניט ליב קײן קינדער,גײ און ראטעווע דין,כאָטש זין אלײן"....

ישראל -- האלינע בירענבוים־הרצליה

* * *

* * *

וואָס לעבט איבער א ײדיש ײנגעלע וואָס מען האָט איבערגעגעבן צו לעבן מיט א פראנצויזיש אנטיסעמיטישער פאמיליע -און דער אלטער האלט זין אין בארימען :אז ער דערקענט א ײד אין א מינוט.... א קלאסישער פילם וואָס יעדער אײנער דארף און מוז זעען....

* * *

ANDRÉ HUNEBELLE presenta MICHEL SIMON

EL VIEJO Y EL NIÑO

(Le Vieil Homme et l'Enfant)

Una pelicula de CLAUDE BERRI

con ROGER CAREL y PAUL PREBOIST
LUCE FABIOLE

En el papel del niño ALAIN COHEN

con la participación de CHARLES DENNER
Música de GEORGES DELERUE
Coproducción (P.A.C.) - VALORIA FILMS
RENN PRODUCTIONS

1 GRAN PREMIO
EN EL FESTIVAL DE BERLIN:
Oso de Plata
"Al Mejor Actor"

2 GRANDES PREMIOS
EN EL FESTIVAL
DE PANAMA:
"A la Mejor
Pelicula"
"Al Mejor
Actor"

....דער אלטער און דאָס קינד... געשפילט פון א ײדיש ײנגעלע...

מזל טוב טײערע פרײנט מײנסטער. דער חתן־בחור, הארװארד, אן אײניקל פון אונזערע טײערע פרײנט מײנסטער. מיר װאונטשן די עלטערן דעם זײדן און באָבן־צו פירן אים צו דער חופה און אויך זײנע קינדער.



אפֿן בילד זייט 113 זעען מיר די פֿריינט מינסטערס, זייער טעכטערל מיט דער משפּחה. אויף דעם דאָזיקן בילד —דאָס זונדעלע מיט זיין פרוי און די קינדערלאך. מיר וואונטשן אייך אלע נאָר שמחות און גליק.



פאר יענע וואָס ווייסן ניט ווער עס איז פיליפ מינסטער —אלע זשעלעבאָווער מעגן דאָס וויסן: ער איז אַ ברודער פון בארימטן הערשל טאָקער. אָנפירער פון דער רעוואָלוציאָנערער באוועגונג ביי אונז אין שטעטל אין יאָר 1905. ער איז אויך פארייביקט געוואָרן אין דעם ווערק פון אונזער איטשע מאיר ווייסענבערג אין זיין, אונזער „שטעטל" . דאָרטן הייסט ער יעקל סטאָליאר. ער איז דאן געווען דער אָנפירער און איינגעשטעלט זיין לעבן...

און ווען מען האָט אים געפירט צו דער תפיסה —וואו ער וואָלט זיכער שוין קיינמאָל ניט ארויס — האָבן אים, די חברים, פון אונטער די הענט פון דער פּאָליציי און זשאנדארן —ארויסגעראטעוועט און ער איז דאן אוועק אין די פאראייניקטע שטאטן, וואו ער האָט ווייטער פאָרטגעזעצט זיין רעוואָלוציאָנערע טעטיקייט.

פילים האָט אמאָל זייענדיק אין פאנאמא געזאָגט:

איך האָב ניט די פייאיקייט פון מיין ברודער, אָבער, דערפאר האָב איך א גוט הארץ. און די מינסטערס זיינען די ערשטע שטענדיק צו העלפן מיט באדייטנדע סומעס אין אלע אונזער ארבייטן: ליי־קאסע, בולעטין א א א. אונזערע הארציקע ברכות אייך טייערע פריינט..



THE LIBRARY OF CONGRESS
WASHINGTON, D. C. 20540

REFERENCE DEPARTMENT
ORIENTALIA DIVISION

August 12, 1968

Dear Mr. Altman:

I am most grateful for the magnificently bound copy of the Zelechover Buletin for 1967-68. It was a most delightful surprise. You and your committee deserve much credit for all the work connected with its preparation and publication, and I admire your devotion to it. Would it be possible to obtain the earlier Buletins?

This Section has just launched a major campaign in an effort to ingather brochures, leaflets, pamphlets and related matter in Hebrew and Yiddish and to preserve them for future researchers and scholars. Should any of your dedicated members be in possesion of and wish to donate to us material of this nature, we would be glad to accept it and add it to our collections. It may prove of interest to you that the Hebraic collections of the Library of Congress are probably the largest of their kind.

Sincerely yours,

Lawrence Marwick

Lawrence Marwick
Head, Hebraic Section

Mr. Saul Altman
Box 17
Fort Kobbe
Panama Canal Zone
PANAMA

AIRMAIL

* * *

****

אויף זייט 115 איז א דאנק־בריוו פון הויפט פון דער „העבראיק־אָפּטיילונג" פון דער וואשינגטאָנער רעגירונגס ביבליאָטעק פאר דעם באנד בולעטינס וואָס מיר האָבן זיי צוגעשיקט. זיי פארלאנגען אויך, אויב עמיצער האָט בילדער, בראָשורן אָדער שריפטן אין יידיש אָדער העברייאיש פון דער היטלער תקופה — זיי צושיקן. דער צוקונפטיקער היסטאָריקער — שרייבן זיי — וועט האָבן א קוואל פון אינפאָרמאציע פון וואנעט צו שעפּן...

אויב עמיצער פון אונזערע לייענער האָט עפּעס צוצושיקן,, קאָן ער דאָס טאָן דירעקט, אָדער שיקט עס צו אונזער סעקרעטערן מלכהלע און מיר וועלן דאָס שוין באזאָרגן. א הארציקן דאנק פריינט לאָרענס מאראוויק פאר אייער פריינטלאַן בריוול.

****

דער „יידישער וועלט קאָנגרעס אין לאָנדאָן" האָט אויך פארלאנגט פון אונז אינפאָרמאציע וועגן אונזער בולעטין ווי אויך וועגן אונזער ארבייט. מיר האָבן זיי צוגעשיקט עטלאכע נומערן פון אונזער בולעטין ווי אויך, א בריוו וואו מיר האָבן זיי דערקלערט די אויפגאבן פון אונזער אָרגאניזאציע, און די געשיכטע פון איר אנטשטייאונג ביז היינטיקן טאָג...

****

דערהאלטן געלט: פארן יאָר בולעטין 1968

צוגעשיקט פון שאיע טשעטשינארזש:		בוטשע שערקעוויטש	5 דאָלאר
גדליהו גאָלדשטיין	5 דאלאר	וואָלף ניימאן	5 ״
אייזיק באראן	5 ״	פייגע פעלדמאן	5 ״
מאיר לוקאָוויעצקי	5 ״	קאָסמאן	5 ״
יאָסקע משפטים	5 ״	שמעון זשעבראק	5 ״
צדיק משפטים	5 ״	יאָסל זשעבראק	5 ״
שאיע טשעטשינארזש	5 ״	יאָסל זילבערבערג	5 ״

מאקס לערער 5 דאלאר צוזאמען 70 דאָלאר

דערהאלטן פון אונזערע ליבע פריינט מיינסטערס צו דער שמחה פון זייער אייניקל (בר מצוה) 25 דאלאר פארן בולעטין. א הארציקן דאנק.

****

א האַרציקן מזל טוב אונזער טייערן קוזין שמואל יואל דרומלעװיטש און פרוזי פון קאָסטע ריקע צו דער חתונה פון זייער ליב טעכטערל. איר זאָלט האָבן אַסך נחת פון איר און דערלעבן צו פירן אירע קינדער צו דער חופה.

שמואל גליקמאַן און משפחה   חיפה   ישראל

* * *

אונזערע ליבע פריינט דרומלעװיטשעס -אונזערע ברכות צו דער שמחה פון אייער טעכטערל אין ישראל. איר זאָלט דערלעבן צו פירן אירע קינדערלאַך צו דער חופה.

זשעלעכאָװער גרופּע קאָסטע ריקע   צירעלע סעק.

אונזערע האַרציקע ברכות טייערע חנה מלכה צו דער חתונה פון דיין ליב זונדעלע, שימעלע, זאָל פון היינט אָן זיין נאָר שמחות ביי דיר און דיין משפחה. מיר װאונטשן איין, דעם פּאָרל, די עלטערן -אַסך נחת און גליק.

זשעלעכאָװער גרופּע באַראַנקילא   קאַראָלא לוקאָװיעצקי.

ײנגװאַרג פון אונזער פאַרטיליקט שטעטל...(1924)

צום אורלויב-באַזוך פון סאָלדאַט אברהם ראָכװערגער. פון רעכטס - אברהם סוקנע, אברהם ראָכװערגער, אברהמל און מלכהלע פּרוכטענבערג- אונזער פאַרװאַלטערן .....



* * *

שמואלקע און מרים האָכגעלערנטער.

ווי שוין געמאָלדן,,פאָרן אונזערע טייערע פריינט קיין ישראל מיט זייערע קינדערלאך. זיי פאָרן ניט אף וואקאציע, נאָר,טאקע אף באזעצן זיך אף שטענדיק. וואונטשן מיר זיי א גליקלאכע רייזע און מיר זיינען זיכער,אז די זשעלעכאָווער משפחה דאָרטן וועט אייך אויפנעמען מיט אָפענע אָרימס. פאָרט געזונט און זייט גליקלאך אין אייער נייער היים...

רעדאקציע און די זשעלעכאָווער גרופע אין מעלבאָרן,אויסטראליע.

גדליהו אָשלאק סעקר.

* * *

לעצטנס האָבן זיך אונזערע אקטיווע חברים און פריינט: שמעון וועיר (וויערזשביצקי) און גדליהו אָשלאק אביסל „נאריש"געמאכט זין... ביידע האָבן געהאט„קליינע אָפעראציעס" מיט --היפשלאך גרויסע-ווייטיקן. וואונטשן מיר זיי א שנעלן געזונט ווערן,מיר דארפן האָבן אין אונזער קליינער משפחה געזונטע,האָראָפאשנע מענטשן צו טאָן די ארבייט..אויך אייער משפחה און אייערע אלע פריינט פון אומעטום דארפן אייך געזונטע און וויטער פאָרזעצן אונזער ארבייט לטובת אונזערע פריינט..

אלזאָ,דער באשלוס --פון היינט אָן ,זיך ניט געמאכט נאריש...

זייט געזונט טייערע פריינט וועיר און אָשלאק...

* * *

א הארציקן מזל טוב אונזערע טייערע פריינט:פרידא און יעקב ווייסקאָפ צו דער חתונה פון זייער זונדעלע מאָרי(מרדכי)מיט שרה בלאָפ. דער יינגער פאָר -א גליקלאך צוזאמענלעבן...

זשעלעכ. גרופע מעלבאָרן אויסטראליע.

אונזערע טייערע פריינט יעקב און פרידע ווייסקאָפ,א הארציקן מזל טוב צו דער חתונה פון אייער מרדכי מיט שרה בלאָפ.דערלעבט פון זיי אסך

נחת און גליק.

חנה און יעקל גאָלדמאן   אויסטראליע

* * *

אונזער ליבע שוועסטער און שוואָגער יעקב און פרידא וויסקאָפ א הארציקן מזל טוב און איר זאָלט דערלעבן די חתונות פון זייערע קינדער. און מיר זאָלן אוין זיין דערביי. דעם יינגען פאָרל—לאנגע יאָרן פון גליק.

אייער שוועסטער און שוואָגער מרים און שמואלקע האָבגעלערנטער

להתראות בארץ....

* * *

אונזער הארציקסטע ברכות אונזער טייערן יעקב און פרידא וויסקאָפ צו דער חתונה פון זייער זון מרדכי מיט שרה כלאָפ. איר זאָלט דערלעבן די חתונות פון זייערע קינדער . דעם יינגען פאָרל—אסן, אסן, יאָרן פון אמתן גליק.

הערשל און ראָזע מיאָדאָווניק, סאול און שורלי פרידמאן,

פערל און בערנארד קאָגאן.   אויסטראליע

* * *

אונזערע טייערע פרידאאון יעקב וויסקאָפ צו דער חתונה פון זייער זון מרדכי מיט שרה כלאָפ וואונטשן מיר א הארציקן מזל טוב. דעם יינגען פאָרל—אסך גליק.

דוד און חנה מיאָדאָווניק   אויסטראליע

* * *

אונזערע טייערע יעקב און פרידא וויסקאָפ צו אייער שמחה וואונטשן מיר אייך און דעם יינגען פאָרל, אסן נחת און גליק אף לאנגע, לאנגע יאָרן..

זשעניע און ישראל נישטעטער.   אויסטראליע

* * *

א הארציקן מזל טוב אונזערע טייערע יעקב און פרידא וויסקאָפ צו אייער גרויסע שמחה, איין און דעם יינגען, גליקלאכן פאָרל —אסך נחת און גליק.

רות און מאיר וועגנער   אויסטראליע

* * *

אונזערע הארציקע ברכות אייך טייערע יעקב און פרידא וויסקאָפ צו אייער פרייד—איין און דעם יינגען פאָרל —אסן יאָרן פון גליק.

רחל און משה יגליצקי   אויסטראליע

* * *

מזל טוב טייערע פריינט יעקב און פרידא צו אייער שמחה, די חתונה פון

אייער זון מרדכי מיט שרה כלאָפּ.פון טיפן הארצן וואונטשן מיר איין און דעם יינגען פאָרל,אסן יאָרן פון גליק.

חנה און יאָסל אָשלאַק,בעני און שוירלי און פיליפ באָרדען.

****

אונזערע הארציקסטע ברכות אונזערע טייערע יעקב און פרידא ווייסקאָפּ צו דער חתונה פון אייער זונדעלע. אייך און דעם פאָרל - א גליקלאך לעבן.

זינא און מענדל קורצארזש

אונזערע הארציקסטע ברכות אונזערע טייערע יעקב און פרידא ווייסקאָפּ צו דער שמחה פון זייער זון. מיר וואונטשן אייך און דעם פאָרל אסך יאָרן פון אמתן גליק. און איר זאָלט דערלעבן צו פירן זייערע קינדערלאך צו דער חופה....   מאָטל ראָט און קינדער

****

אונזערע הארציקע ברכות טייערע פריינט יעקב און פרידא ווייסקאָפּ צו דער שמחה פון זייערזון. מיר וואונטשן איין און דעם יינגען פאָרל אסן יאָרן פון נחת און גליק.

וועלוול און יהודית באַראָווסקי

מזל טוב טייערע יעקב און פרידא ווייסקאָפּ. מיר זיינען מיט איין אין אייער גרויסער פרייד,די חתונה פון אייער זונדעלע. דערלעבט פון זיי אסן נחת און גליק.

חנה און איטשע צאצקעוויטש

****

א הארציקן מזל טוב אונזערע טייערע פריינט יעקב און פרידא ווייסקאָפּ און די רעדאקציע פון בולעטין וואונטשט איין,די מחותנים,דעם פאָרל, דער גאנצער משפחה פון ביידע זייטן -חתנס צד און כלהס צד -אסך,אסן יאָרן פון אמתן גליק. דערלעבט דאָס זעלבע נחת פון זייערע קינדער...

אונזערע חשובע לאנדסלייט הענרי און העלן שפרינגער צו דער פארלאָבונג פון אייער יינגסטע טאָכטער בעטי,מיט מאָרי פריד -וואונטשן מיר איין, און דעם יינגען פאָרל אסן נחת און גליק.

זשעלעכ. גרופּע מעלבאָרן אויסטראליע

גדליהו אָשלאַק סעקרעטאר

בילדער פון דער גאַנטער פאַרגאַנגענהײט ....

דאָ זעען מיר, אין דער צײט
װען ענגלאַנד איז געװען אין
פאַלעסטינע ־הײנטיק ישראל ־
בײם אַרײנגאַנג צום פאָסט־אָפיס,
א ײד װערט באַזוכט פון אַן
אַראַבער און אַן אַראַבער באַזוכט
א ײד. א בריטישער זעלנער
קוקט זיך צו....

* * *



An English policeman supervising a Jew searching an Arab and an Arab searching a Jew for concealed arms before a Jerusalem post office.



Young *Haganah* fighters led away by British soldiers after being found in possession of arms during the flare-up of violence in the border streets between Arab Jaffa and Jewish Tel-Aviv.

הגנה מיטגלידער װערן אַרעסטירט
נאָכדעם װי מען האָט בײ זײ גע־
פונען געװער זיך צו פאַרטײדיקן
קעגן די אַראַבישע אָנפאַלער, װי
מיר זעען דאָ אפן בילד, רעכטס.

* * *

אַן אַראַבישער״סנײפער„ טעראָריסט
(שיסער פון באַהעלטעניש) װערט
אַרעסטירט פון ״ײדישע פאָליצײ״.

* * *



Jewish police of Tel-Aviv, aided by *Haganah* members, capturing an Arab sniper.

* * *



A group of abandoned and hungry Jewish children roaming through the streets of Vilna during the time of the German occupation.

מיר טאָרן דאָס קײנמאָל
ניט פֿארגעסן אזוי לאנג
ווי מיר אָטעמען !!!

ײדישע קינדערלאך,וואלגערן
זײך ארום אָף די גאסן פֿון
ווילנע אין דער צײט פֿון
היטלער אומקום... אזוי האָט
מען אומגעבראכט א מיליאָן
און אהאלב אונזערע טײערע
ײדישע קינדערלאך....

א ווײן יום־טוב אין ישראל.
אונזער צוקונפט,אונזער פרײד
און האָפענונג....

אונזערע טײערע קוזינען הענרי און העלן שפרינגער — א הארציקן מזל־טוב און פיל נחת פון זײער ײנגסט טעכטערל, בעטי מיט מר פריד. חתן־כלה — אסך יארן פון גליקלאכן צוזאמענלעבן.

חנהקע און איטשע צאצקעוויטש

א הארציקן מזל טוב אונזערע טײערע קוזינען הענרי און העלן שפרינגער, צו דער פארלאָבונג פון זײער ײנגסט טעכטער, — צופרידנקײט און גליק.

חנה און יעקל גאָלדמאן

****

אונזערע טײערע לאנדסלײט הענרי און העלן שפרינגער — א הארציקן מזל טוב צו אײער קינדס שמחה. איר זאָלט דערלעבן פון זײ אסך נחת. דעם ײנגען פּאָרל — אסך יארן פון גליק.

מאָרי און פּאָלא פושעט

****

א הארציקן מזל טוב אונזערע טײערע פרײנט הענרי און העלן שפרינגער צו דער שמחה פון זײער ײנגסט טעכטערל. א גליקלאכע צוקונפט.

אריה און בעליע טענענבוים   אויסטראליע.

ײנגווארג פון אונזער שטעטל: לינקס — שמואל און שרהלע טוכבראך עה ברכטשע העפנער־בליזקע, איר מאן, די פרוכטענבערגס, זיצנדיק, גיטל דרעזנער און ברוך...עה..



15 יאָר גמילת-חסדים-קאַסע

אין ישראל.



אריה לעדערמאַן תל-אביב

די קאַסע האָט באַוויזן אין פאַרלויף פון איר עקזיסטענץ, ניט בלויז געבן הילף, קאָנסטרוקטיווע -פאַר אונזערע לאַנדסלייט, נאָר אויך געווען א פאַקטאָר אין העלפן ניט פאַרגעסן אונזערע קדושים..

באַשיידן זיינען געווען די מיטלן ווען מיר האָבן אָנגעהויבן, און מיר האָבן זיך כסדר געשראָקן, אַז אונזערע קליינע פינאַנצן וועלן זיך שנעל אויסשעפּן. בלויז דער גלויבן אין אונזערע לאַנדסלייט, צעשפּרייט איבער דער וועלט מיט דער אָנפירונג פון אונזער אַלעמענס לייבוש -האָט אונז געשטאַרקט און געמוטיקט. און דער פאַקט -מיר האָבן זיך, חלילה, ניט אָפּגענאַרט. אָנגעהויבן מיט עפּעס מער פון טויזנט פונט אין תל-אביב און 600 פונט אין חיפה -זיינען מיר דערגאַנגען ביז דער סומע פון 50 טויזנט פונט. א גאַנץ פיינער שפּאַן פאָרויס !

ביז היינטיקן טאָג, קאָן איך ניט פאַרגעסן די באַגייסטערונג ביים שאַפן די גמילת-חסדים-קאַסע. קליינע עפּיזאָדן געדענקען זיך, מאַנכעסמאָל זייער לאַנג. אָט אַן עפּיזאָד : מיט 15 יאָר צוריק בין איך אַרומגעגאַנגען מיט שרהלע רוסאַק א גאַנצן טאָג אין הרצליה פאַר דער ליי-קאַסע. קומען מיר אַריין צו יעקב הערש אָשלאַק(היינט אין אויסטראַליע) און מיט וואָס פאַר א שמחה ער האָט אונז אויפגענומען. געגעבן אונז 5 פונט און אונז האַרציק געדאַנקט וואָס מיר זיינען צו אים געקומען.

דער אָנהויב אין ישראל האָט אונז געגעבן גלויבן. מיר האָבן געפילט און געווען זיכער, אַז אונזערע זשעלעכאָווער אומעטום, וועלן אונז העלפן שאַפן די דאָזיקע נויטיקע אינסטיטוציע.

לייבוש מיט זיין דינאַמישן אימפּעט האָט זיך איינגעשפּאַנט אין דער דאָזיקער אַרבייט. געשריבן צו יחידים, געוועקט, געמאָנט, און עס האָט זיך א וויג געטאָן. געלט האָט אָנגעהויבן אַריינקומען פון יחידים צעשפּרייט אין

אין פארשידענע מקומות.

****

אויסטראליע קומט אפן ערשטן אָרט: ניט יחידים,נאָר די גאנצע גרופע האָט אָנגעהויבן ארויסװײזן אָן אינטערעס. די ערשטע צװײ סומעס װאָס זײ האָבן געשיקט איז געװען דער אָנהויב. דער פרעזידענט פון דער אויסטראלער גרופע,מאָטל ראָטפארב,האָט מיט רעגינע קורצארזש,װאָס האָט באזוכט ישראל,מיטגעשיקט די סומע פון 450 ישראל פונט. און שפעטער בײ די שלושים פון אונזער לאנדסמאן יעקל ליכטענשטײן ע״ה, האָבן זײ צוגעשיקט 400 ישראל פונט. די דאָזיקע ערשטע געלטער האָבן אונז פשוט „געשטעלט אף די פיס"און מיר האָבן אָנגעהויבן געבן הלואות אנשטאט 100 -150 פונט..

מענדל פײנגעזיכט איז דאן געװען אין סאן־באָסע, קאָסטע ריקע. ער און שלום לעװינסקי זײנען געװען די ערשטע דאָרטן, װאָס האָבן אָנגעהויבן צו מאכן די אקציע לטובת דער לײ־קאסע,אויך מיט דער מיטהילף פון ישראל בראָן ־און דורך לײבושן,מיטגעשיקט די ערשטע 900 ישראל פונט.

****

דאָס יאָר 1958 איז געװעו א װענד־פונקט אין דער אנטװיקלונג פון דער גמילת־חסדים־קאסע. אין דעם דאָזיקן יאָר זײנען געקומען קײן ישראל איבער 30 לאנדסלײט,פון דער גאנצער װעלט פײערן דעם 10 יעריקן יום־טוב פון מדינת ישראל. די שמחה איז געװען זײער גרויס. אין די שײנע זאלן פון גיל האָבן מיר זיך אלע געטראָפן צו פײערן דעם יום טוב. צװישן די באגריסער זײנען געװען .שלום זוסמאן,װאָלף יאסני ע״ה(בײדע צום באדויערן זײנען אװעק פון אונז...)און אויך באריכטן פון : פאריז,קאָלאָמביע,קאָסטע ריקע,אויסטראליע און װענעזועלע...אונזערע טײערע געסט האָבן אונז פארזיכערט,אז זײ װעלן מיט אלץ שטיצן דער לײ־קאסע. עס האָט נאָכדעם כסדר אָנגעהויבן קומען הילף פון פארשידענע פלעצער. די פרײנט האָבן געהאלטן װאָרט...די פרײנט קורצארזש און יגליצקי זײענדיק אין ישראל,האָבן געזען די לאגע דאן,באזוכט אסך לאנדסלײט און זיך באקענט נענטער מיט אלץ... נאָך זײער צוריקפאָרן קײן אויסטראליע האָט זיך די אקציע פארשטארקט און ביז הײנטיקן טאָג.

****

ווי אזוי ארבײט די לײ-קאַסע ?

* * *

מיר האָבן אן אָפמאך מיט דער באנק „הלואה וחסכון„ אין תל אביב.דאָס איז אײנע פון די עלטסטע בענק. זי פירט 250 גמילת-חסדים קאסעס פון לאנדסמאנשאפטן. דער אָפמאך : די געלט וואָס מיר גיבן ארײן,ווערט גענוצט,אויסשליסלאך,פאר הלואות און ניט פאר קײן אנדערן צוועק.

דער וואָס באָרגט געלט ,קריגט א פאָרמולאר פון קאָמיטעט אונזערן,און 2 זשיראנטן,אונטערשרײבער,און דאן קריגט ער די סומע אף אויסצוצאָלן אין א משך פון 20 חדשים. די באנק פירט אלע חשבונות און פאקטיש - פארוואלטעט זי מיט אלץ. דער ציל פון אזא סיסטעם איז : אוועקשטעלן די אינסטיטוציע אף פעסטע,געזונטע יסודות אף אסך יאָרן. אונזער טיפסטער וואונטש איז : אז דער יונגער דור,זאָל,מיט דער צײט,איבערנעמען און אָנפירן די דאָזיקע ארבײט,ווען אונזערע ווערן עלטער און א ביסל מידער...

* * *

דער לאנדסמאן וואָס קריגט די געבאָרגטע געלט -קריגט דאָס אף א שײנעם בכבודיקן אופן -אין דער באנק. דער קאָמיטעט,אָדער מיטגליד פון קאָמיטעט איז דערבײ גאָר ניט דאָ. און טראָץ עס קומען פאָר טײלמאָל דיסקוסיעס בײם קאָמיטעט ,וועגן דער גרויס פון דער הלואה -דאָך,קאָנען מיר,מיט שטאָלץ זאָגן,אז עס איז דאָ,א טיפער און קעגנזײטיקער צוטרוי צווישן בײדע צדדים.-בײדע,דער קאָמיטעט און די הלואה-נעמער,זײנען פאראינטערסירט אין דער עקזיסטענץ פון דער דאָזיקער אינסטיטוציע...

אף וואָס באָרגט מען געלט ? די צוועקן זײנען פארשידן :

די ערשטע צײטן האָבן אסך אונזערע לאנדסלײט געוואוינט אין די אָרימע אראבישע הײזלאך אין יפו און חיפה. מען האָט באדארפט צורעכט מאכן די די דאָזיקע וואוינונגען,מאכן זײ מענטשלאך אביסל. דאן קומט -פשוט, קויפן א דירה. דאָ איז דאָס נאטירלאך. קויפן א מאשין צו דער ארבײט, א בהמה,קו,פאר יענע וואָס זײנען אוועק אין דאָרף... א פאקט,אײנע פון די ערשטע הלואות איז געווען -קויפן א קו און מענדל גערעכט האָט מיט זײן אויטאָמאָביל אוועקגעפירט די „פרנסה-געבערן„(אָן א גראָשן געלט) אפן באשטימטן פלאץ.„איך האָב הײנט אוועקגעפירט די קו פון דער גמילת-חסדים-קאסע,״קלינגט נאָך ביז הײנט אין מײנע אויערן. עס גיט צו מוט אין שווערע צײטן...

* * *

לעצטנס האָבן מיר געגעבן א הלוואה א לאנדסמאן וואָס פארנעמט זיך מיט האָדעוון קעלבער פאר פלייש. און,באמת,א נחת אָנצוקוקן דעם יידן : א באָרד מיט פאות,גענוי ווי אין אלטן שטעטל,אָבער,ווי פריש און געזונט !!
ער זעט אויס קיין שום ביז אויג...

מיר האָבן געגעבן א הלוואה פאר א ספעציעלע אָפעראציע פאר א זשעל. קינד.סאניטאריום,מעדיצינישע הילף,ניי מאשין,ארבייטס־כלים..די ערשטע סחורה פאר א געוועלבל,איבערגעבויט א הילצערן קיאָסק אף א מער מאָדערן־געוועלבל,געמויערט פון ציגל אנשטאט האָלץ.

א גרעסערע צאָל קינדער האָבן פארענדיקט מיטל־שול,אדאנק דער ליי־קאסע. אין דער מיטל־שול,דארף מען צאָלן שכר־לימוד. אויך מאנכע ־אין דעם אוניווערזיטעט ־געהאָלפן מיט דעם געלט פון אונזער גמילת־חסדים־קאסע.

עס האָט נאָך ניט פאסירט!אז אין חיפה אָדער תל־אביב,אז מיר זאָלן אָפזאָגן וועמען און ניט געבן די פארלאנגטע סומע...
דאָס וועלן עדות זאָגן אלע אונזערע לאנדסלייט.

אין פארלויף פון די 15 יאָר האָבן מיר דערהאלטן פון אויסלאנד: די סומע פון 50,949 99 פופציק טויזנט,ניין הונדערט ניין און פערציק, פונט מיט 99 אגורות. די סומעס זיינען קוויטירט געוואָרן אין די בולעטינען. פון ישראל ־דריי טויזנט,צוויי הונדערט מיט 12 אגורות.

אין באנק וואָס פירט די ארבייט פון אונזער קאסע ־האָבן מיר אריינגעלייגט אין תל־אביב ־ 29,944,63 און פאר חיפה קאסע,האָבן מיר איבערגעשיקט : 19,612,51.. דורך דער צייט פון אויגוסט 1953 ביז אויגוסט 1968 הלוואות 532 מיט א סומע פון 183 טויזנט פונט..

אדמיניסטראציע-אויסגאבן דורך דער גאנצער צייט ־ 1100 פונט (עלף הונדערט מיט 91 פונט) אזכרות,פארזאמלונגען,קבלת פנים פאר אונזערע לאנדסלייט האָט געקאָסט דריי טויזנט,פיר הונדערט מיט איין פונט. די אויסגאבן וואָלטן זיכער געווען אסך מער,ווען די חברים פון קאָמיטעט וואָלטן ניט ביישטייערט און דורכגעפירט מאנכע אויפנאמעס ביי זיך אין הויז. די חברים: אריה לעדערמאן,שרה רוסאק(רובין)משה ברזלי האָבן אסך אויפנאמעס פאר טוריסטן דורכגעפירט,אף א פיינעם אופן,ביי זיך אין הויז..

געלט אין באנק --אין מזומן האָבן מיר 11,796,73 עלף טויזנט,זיבן הונדערט,זעקס און ניינציק פונט מיט 73 אגורות..

טרוקענע ציפערן --אָבער --טייערע פריינט וויפיל צרות און פיין האָבן זיי איינגעשפּאָרט--- ווען קומט א דאנק פאר דער באשאפונג פון אָט דער אינסטיטוציע פאר מענטשלאכער הילף,ניט קיין שנאָרעריי ---- קודם כל,דעם יעניקן וואָס האָט געבראכט די דאָזיקע אידייע און זי געצייטיקט פאר אלע פריינט,אפילו פאר יענע וואָס זיינען אין אָנהויב געווען קאלט,פארעווע, צו דעם געדאנק. מאנכע חלילה,ניט צוליב קיין שלעכטסקייט, נאָר מורא געהאט, אז עס וועלן זיך שאפן שנאָרערס אין לאנד פון ארבייט, און חשיבות פאר דעם..פארדינען מיט אייגענע הענט און ניט אָנקומען צו קיינעם. און באָטש,פרינציפיעל,שטים איך איין מיט דעם בכבודיקן צוגאנג --דאָך,האָב איך געהאלטן,באלד ביים אָנהויב,אז מיר מוזן האָבן א ליי־קאסע צו דערמעגלאכן,העלפן מענטשן,פארפייניקטע,פארמוטשעטע,זיך שטעלן אף די פיס...און מיר דוכט זיך,אז אפילו יענע קעגנער,פון אָנהויב,וועלן אנערקענען די נויטיקייט און די וויכטיקייט פון דער דאָזיקער ---זאָל מיר דערלויבט זיין צו זאָגן --הייליקע, אנשטאט וויכטיקע, אינסטיטוציע. ווען דו זעסט מיט אייגענע אויגן, וואָס די עטלאכע הונדערט פונט האָבן געטאָן פאר דיינע פריינט --פילט עס דיך אָן מיט אמתן שטאָלץ, וואָס דו האָסט אזויפיל ארבייט אריינגעלייגט פאר דער דאָזיקער ליי־קאסע..

אסך גרעסערע שטעט וואָלטן זיך געוואונטשן צו האָבן אזא ליי־קאסע ווי אונזערע.מיר זיינען אויך שולדיק א דאנק דער פרוי חוה לעדערמאן וואָס האָט באוויזן אין פארלויף פון די 15 יאָר צו שאפן א ווארימע,און הארציקע באציונג צו די הלואה־נעמער,מיט איר אויפנעמען ביי זיך אין הויז הונדערטער חברים וואָס זיינען געקומען פארלאנגען הלואות,מיט א גוט ווארים וואָרט,א הארציקן שמייכל דערפרייט איר א מענטש טאקע וואָס איז ביי זיך אביסל געפאלן..מיט איר באהאנדלן פריינטלאך,חבריש יעדן וואָס קומט אין הויז פון אויסלאנד --איז אן אָנגעלייגטער גאסט...

דורך דער צייט האָבן מיר אויך אָנגעפירט א גרויסע אָרגאניזאציאָנעלע ארבייט,וואָס די קאסע איז געווען דער גורם. יאָר־יערלאך פירן מיר דורך א יזכור־אָוונט נאָך אונזערע קדושים. דער סיום הספר פון יזכור־

--בוך װאָס מיר האָבן דורכגעפירט מיט דר מארק דװאָרזשעצקי,מלך ראװיטש און װאָלף יאסני ע״ה.די ריזיקע צאָל לאנדסלײט פון אלע ארומיקע קלײנע שטעטלאך ארום זשעלעכאָװ - געדענקען נאָך דעם אָװנט ביז הײנטיקן טאָג.

מיר זײנען געװען די אײנציקע װאָס האָבן באקומען אן אױדיציע אף דער ישראלדיקער־ראדיאָ פון א האלבע שעה,געװידמעט דעם יזכור־בוך פון אונזער קלײןפארטיליקט שטעטל, זשעלעכאָװ.

אין דעם אױפטריט האָבן אנטײלגענומען :װאָלף יאסני ע״ה חיהלע עלבױם און אריה לעדערמאן. דער רעדאקטאָר פון דער ליטערארישער אָפטײלונג פון קול - ישראל אברהם ליס,האָט דערקלערט,אז דער אָפרוף איז געװען א גרױסער כבוד פאר אונזערע לאנדסלײט ..

מיר האָבן דורכגעפירט פיל אקאדעמיעס און קבלת־פנים פאר אונזערע טײערע געסט פון אױסלאנד. יעדער צוזאמענקום איז געװען אן אמתער יום טוב און א פײנע איבערלעבונג פאר די געסט אהײם־צו נעמען װי אױך פאר אונז,דאָ אפן פלאץ.

*****

מיט דעם דערשײנען פון „בולעטין״קאָן אונזער ארבײט אװעק מיט א גרעסערן אימפעט און שװאונג.

די נײע סטיפענדיע װאָס מיר האָבן געשאפן אפן נאָמען פון אונזער פרײנט יאָסל ײגליצקי ע״ה דארף נאטירלאך פארגרעסערט װערן. פון די רוחים װעלן מיר סוף יאנואר האָבן די ערשטע 1500 פונט װאָס מיר װעלן אָנהױבן נוצן פארן באשטימטן צװעק. אָבער די סומע איז זײער קלײן צו קאָנען העלפן א גרעסערע צאָל קינדער װאָס נױטיקן זיך און װילן קריגן א העכערע דערציִונג אין מיטל־שול,אוניװערזיטעט..

מיר װאונטשן אױך אונזער ליבן שאָלעק געזונט און אסך יאָרן קאָנען אָנגײן מיטן ארױסגעבן דעם בולעטין װאָס איז א כבוד פאר אלע זשעלעכאָװער אומעטום.

****

אָנהױבנדיק דאָס 16טע יאָר עקזיסטענץ פון דער לײ־קאסע,אין צײטן פון שװערע נסיונות װאָס שטײען נאָך פאר אונז,װענדן מיר זיך צו אלע זשעלעכאָװער אומעטום : זעצט פאָר די הײליקע ארבײט װאָס איז א ציגל צום בנין פון א פרײ פאָלק אין ארץ ישראל !!!

****

****

פון דעם ארגון עולי זשעליכאוו אין ישראל פאר 15 יעריקע טעטיקייט

הכנסות

לויט די יארן	אריינגעקומען געלט פון חוץ-לארץ	אריינגעקומען געלט פון ישראל	צוזאמען הכנסות פארן יאר
1953/54	215.40	1,438.12	1,653.52
1955	3,011.00	94.50	3,105.50
1956	1,657.00	25.50	1,682.50
1957	1,774.00	22.00	1,796.00
1958	1,360.00	353.00	1,713.00
1959	4,952.70	212.50	5,165.20
1960	2,368.64	119.50	2,488.14
1961	2,077.00	273.00	2,350.00
1962	5,166.03	80.00	5,246.03
1963	5,368.62	152.00	5,520.62
1964	1,812.86	86.00	1,898.86
1965	7,751.12	115.00	7,866.12
1966	1,892.05	55.00	1,947.05
1967	9,274.92	136.00	9,410.92
1968	2,268.65	49.00	2,317.65
ס"ה	50,949.99	3,211.12	54,161.12

פיר און פופציק טויזנט, הונדערט און איין און זעכציק

ישראל פונט און 12 אגורות

* * *

****

באלאנס

פון דעם ארגון עולי זשעליכאוו אין ישראל פאר 15 יעריקע טעטיקייט

****

הוצאות

****

לויט די יארן	אריינגעטראגן אין באנק הלואה וחסכון אין תל-אביב	אריינגעטראגן אין באנק אלרן און אנדערע אין חיפה	אדמינסטראטיווע אויסגאבן: נסיעות, טעלעפאן, פאסט, שרייב=מאט. דרוק און אנד.	אזכרות, פארזאמלונגען קבלות=פנים און אויפנעמען געסט, מתנות (אלבומען)	וזאמען: צאות אר דעם יאר
1953/54	2,986.97	700.00	9.15	116.00	3,812.12
1955	–	850.00	26.68	58.50	935.18
1956	600.00	600.00	7.00	65.50	1,272.50
1957	1,399.36	719.64	16.20	20.00	2,155.20
1958	420.00	300.00	11.44	640.60	1,372.04
1959	1,966.50	1,850.00	96.33	279.70	4,192.53
1960	1,547.00	1,300.00	61.40	78.00	2,986.40
1961	1,080.20	320.00	57.96	344.50	1,802.66
1962	1,547.00	1,345.00	100.57	298.00	3,290.57
1963	5,179.10	2,171.80	69.48	234.75	7,655.13
1964	1,719.00	1,973.50	109.71	522.00	4,324.21
1965	3,187.00	2,247.07	56.34	262.25	5,752.66
1966	2,725.00	1,600.00	98.38	112.75	4,536.13
1967	1,587.50	600.00	189.06	244.25	2,620.81
1968	4,000.00	3,035.50	281.33	124.50	7,441.33
סך=הכל	29,944.63	19,612.51	1,191.03	3,401.30	54,149.47

1) אין באנק הלואה=וחסכון תל-אביב געפונט זיך
צו דעם ענדע יוני 1968 א סומע 11,796.73 פונט

2) הלוואות ביי די לאנדסלייט געפונט זיך
צו ענדע יוני 1968 18,159.55 פונט

****

****

טײערע פרײנט..

מיר האָבן דערהאלטן א היפש ביסל בריװעלאך, װארימע, הארציקע לויברײד פאר אונזער בולעטין: לאָמיר דערמאָנען בלויז עטלאכע נעמען: יהודה בן שלום -אײנער פון אונזערע מיטארבײטער און טיכטיקסטע לײענער - גדליהו אָשלאק, אריה לעדערמאן, דוד װײסלעדער און נאָך... װיל איך אלע הארציק דאנקען פאר אײערע דערמוטיקנדע רײד. אָבער, איך װיל, אז איר זאָלט װיסן, אז אויך איך אלײן האָב הנאה פון טאָן די דאָזיקע דאנקבארע ארבײט.. *******

פון דער הײם, פון קלײנעם שטעטל, בין איך ניט געקומען מיט קײן דערפארונג צו רעדאגירן װי אויך פשוט, טעכניש, צוגרײטן די שריפטן. מיט יאָרן צוריק, װען אונזער לײבוש איז געפאָרן קײן ישראל, האָט ער מיר איבערגעלאָזט ארויסצוגעבן עטלאכע נומערן. געדענק איך נאָך גוט װי איך האָב מיך געמוטשעט אף אָנצושרײבן דאָס ערשטע זײטל, אָנגעשריבן און איבערגעשריבן אזויפיל מאָל, אז איך האָב שוין געװאָלט רעזיגנירן פון דעם גאנצן פלאן "רעדאקטעװן"... און אז איר כאפט א בליק בלויז פון נומער דרײ בולעטין ביז דעם נומער 14 -זעט איר, אז מיר און איך אלײן, האָבן אָפגעשפאנט א היפשן מהלך. עס גיט מיר א געװאלטיקע באפרידיקונג דאָס צוגרײטן און ארבײטן ארום דעם שריפטל, װאָס האָט זיך געשאפן אן אָנזעען אויסער אונזער ענגן קרײז זשעלעכאָװער. מיט דער גאנצער באשײדנקײט, קאָנען מיר זאָגן, אז מיר טוען א װיכטיקע ארבײט, סײ פאר אונזער משפחה װי אויך פאר דער צוקונפט... פארן היסטאָריקער װאָס װעט װעלן קריגן א בילד פון א פארשניטן זאפטיק, שעפעריש לעבן װאָס איז שוין מער ניט דאָ.. מיר גרײטן צו א װיכטיקן מאטעריאל פארן קומענדן היסטאָריקער. און אף װי װײט מיר ברענגען לעבעדיק, צאפלדיק לעבן פון אונזער משפחה פון הײנט -העלפן מיר שאפן א באנד פון אלע צעשפרײטע איבער אזויפיל פארשידענע לענדער און קאָנטינענטן...

אין הײנטיקן נומער האָבן מיר א פולן באריכט פון 15 יאָר לײקאסע אין תל אביב. פריער האָבן מיר געהאט פון אונזער לײ-קאסע אין חיפה פון אונזער ליבן פרײנט, סעקרעטאר, שמואל גליקמאן..

* * *

און אין הײַנטיקן נומער–פון אונזער חשובן פרײַנט אריה לעדערמאַן. עס איז א פײַן מענטשלאך, רירנד קאפיטל. אין אָנהויב זײַנען געווען אסך פרײַנט (איך בתוכם)וואָס האָבן ניט געגלויבט אין דער שטאַנדהאַפטיקייט פון אזא אָרגאַניזאַציע. געווען געניג פאלן ווי אזא קאסע האָט געפירט צו צערײַסונג אנשטאט פארברידערונג צווישן לאַנדסלײַט. און מאַנכע האָבן צוליב רײַן פאָליטישע מאָטיוון,אָדער מאָראַלע,ניט געגלויבט,אז אין ישראל מעג עקזיסטירן אזא קערפערשאפט וואָס וועט מאכן מענטשן פאר אָפיציעלע „שנאָרער" צדקה–זוכער..און דאָס וועט אַרונטערנידערן די חשיבות פון ארבײַטער,פאָלקס–מענטש,וואָס דאַרף שטײַן אף אײגענער פיס..

מיר ווילן איצט ניט אַרײַנגײַן אין די אלע דיסקוסיעס,דעבאַטעס וועגן דעם ענין. אײן זאַך איז זיכער,אז אסך אַמאָליקע קעגנער וועלן מוזן איצט, אין ליכט פון די לעצטע יאָרן וואָס די קאסע עקזיסטירט,רעווידירן זײער אַמאָליקע קעגנערשאפט. פון די מאָגערע ציפערן באַקומט זיך א בילד פון מענטשלאכע הילף,געבאָרגטע געלטער(ניט חלילה שנאָרערײַ) האָבן געהאָלפן הונדערטער אונזערע לאנדסלײַט שטעלן זיך אף די פיס. אלע געלטער ווערן אין פארלויף פון 20 חדשים צוריקגעצאָלט און מיט דאנק... טאָ ווערזשע קאָן הײַנט זײַן קעגן אזא חשובע אינסטיטוציע ?

* * *

און לאָמיר אויך געבן קרעדיט,אנערקענונג,די יעניקע וואָס האָבן געטראָגן און טראָגן נאָך הײַנט דעם שווערן יאָך פון פארוואלטן דעם קאָמיטעט, און אַפן ערשטן פלאַץ,אונזער חשובן פרײַנט און בן עיר –אריה לעדערמאַן.

ייִדן זײַנען ניט אינגאנצן בלויז צדיקים. פאראַן אויך א היפש ביסל רשעות,ניט פארגינערײַ... בעט זיך בײַ מיר א סעקרעטאַר : טײַערער שאָלעק לויבט מיך ניט פאר מײַן ארבײַט פאר דערלײַ–קאסע ווי אויך פארן בולעטין,אַ ליין א קראַנקער מענטש און שטרענגט זיך אָן צו טאָן די ארבײַט וואָס אנדערע„שטײט ניט אָן" און אנשטאט געבן דעם פרײַנט א גוט וואָרט פון אנערקענונג – גיט מען אים שפילקעס און שטעכעניש...באמת,עס טוט,מאנכעסמאָל,ווי צו הערן אזעלכע רײד. דאָס זע איך אונטער דעם איבנדערמאָנטן קעפל : ניט פארגינערײַ... און ווי זאָגט אונזער יהודה בן שלום : אז אונזער„משהלע" האָט אויך געהאט אויסצושטײן געברוינטע און געהאקטע צרות פון אונזער אמאָליקע ייִדעס....זײ געגעבן אלץ וואָס

זיי האָבן געוואָלט און אָן א שטאָך ארבייט...אויסגעשטרעקט די האנט,און דער מן האָט געגעבן אלע טעמים(וואָס איר קריגט היינט אין בעסטן רעסטאָראנט פאר א דעם „בעסטן,העכסטן" פרייז...) און אָן א גראָשן געלט און דאָך--איז מען אים אזוי דערגאנגען די יערערלאך -אז ער האָט אזש צעבראָכן די לוחות און אָן עק... און וואָס טוען מיר היינט,ווען מיר ווערן, חלילה,בייז,צעברעכן מיר ניט די טעפ שפיגלן --אלץ וואָס עס קומט אונטער דער האנט...

* * *

יאָ,מיינע ליבע פריינט ,אויב מאנכע קאָנען ביי זיך ניט פועלן צו געבן א ביסעלע אנערקענונג דעם יעניקן וואָס טוט די שווערע ארבייט -- צעברעכט ניט די לוחות,שווייגט כאָטש און דערלאנגט ניט אין דער זיבעטער ריפ...אנטשולדיקט פאר מיינע שטראָף-רייד...עס טוט אמאָל ווי אזעלכע ניט פריינטלאכע באמערקונגען... האָט דאָס אין זין.

מיר האָבן זיך אין אלגעמיין,ניט וואָס צו באקלאָגן. כמעט אלע,אומעטום אנערקענען,אז די יעניקע וואָס טוען די ארבייט,טוען דאָס ניט פאר דעם וואָס זיי זוכן כבוד,נאָר פאר וויל זיי פילן ,אז אונזער ארבייט העלפט אסך פון אונזערע פריינט. אדרבה,פרעגט די עטלאכע צענדליקע זשעלעכאָווער וואָס האָבן באזוכט ישראל ווי אויך די אלע וואָס קומען אין באריר מיט די לאנדסלייט אין אלע לענדער וואו אונזערע פריינט וואוינען -וועט איר דאן דערזעען די פרוכט פון דערהאלטן די גאנצקייט! פון אונזער משפחה... קומט איר,אין וועלכן לאנד וואו די זשעלעכאָווער לעבן -זיינט איר ווי ביי זיך אין דער היים.. לאָמיר ,טייערע פריינט דערהאלטן די דאָזיקע אמתע הארציקייט פאר אסך,אסך יאָרן... העלפט אונז ווייטער שפינען דעם גאָלדענעם פאָדים פון אונזער שעפערישער פארגאנגענהייט...

* * *

מיטן היינטיקן נומער 15 הויבן מיר פאקטיש אָן דאָס יאָר 1969. זאָל דאָס יאָר זיין אסך בעסער פאר דער גאנצער וועלט,פאר אונזער פאָלק -וואָס שטייט נאָך אלץ און גארט נאָך א דויערהאפטן שלום... אונזער פאָלק האָט גענוג געבלוטיקט פאר טויזנטער יאָרן - מיר דארפן, מוזן האָבן שלום צו פארהיילן די שווערע,פיינלאכע וואונדן פון דער נאָנטער פארגאנגענהייט... זאָל זיין שלום אָף דער וועלט אומעטום !!!

* * *

שרייבט אונז פריינט לעדערמאן : איך ווער מיד צו באקלאָגן זיך ---ווייל נאָך אלעמען זיינען די זשעלעכאָווער באוואוסט פאר א קריגעריש „פאָלק״.. האָבן מיר ניט ארויסגעטריבן דעם בערדיטשעווער פון שטעטל און ווען - גראָד פאר די הייליקע טעג.. און דערווארטן כבוד,אנערקענונג - האָבן אונזערע פריינט מרדכי און לייבוש יאָ געקראָגן אנערקענונג פון אלע - טאָ ווער בין איך זיך צו באקלאָגן אף מיין גורל...

כלעבן, עס וואָלט גאָר ניט געשאט,אז נאָך פריינט אין ישראל זאָלן צוליגן א האנט און ניט לאָזן כמעט אלע ארבייטן צו געציילטע מענטשן... מען ווערט מיד. לאָמיר האָפן,אז אונזערע פריינט אין ישראל וועלן דאָס אנערקענען און העלפן.

* * *

מרדכי און יהודית איש טוב האָבן איצט פארענדיקט זייער יערלאכן שפאציר. געווען אין עטלאכע לענדער. אונזער טייערער מרדכי האָט אן אויג פאר אָפסערווירן זאכן,נו אדרבה,לאָמיר זעען א באריכט פאר אלע די פריינט אומעטום וואָס האָבן דעם גרעסטן רעספעקט פאר אונזער ליבן און טייערן חבר און פריינט. נאָך איידער עס איז געווען אן אָרגאניזירטע גרופע,אונזערע אין ישראל איז מרדכי שוין געווען די „הארץ־צענטראלע״ פון צענדליקער זשעלעכאָווער עולים..זיי קאָנען אייך דערציילן וועגן דעם הארציקן מענטש,חבר און פריינט -מרדכי איש טוב...אויך ער,פונקט ווי לייבוש האָט געהאט זיין „לוין״פון מאנכע קליינלאכע מענטשעלאך (פאראן א קליינע צאָל ביי אונז אויך...)וואָס שאצן יעדן לויט זיך..קליינע מענטשעלאך זעען יעדן קליין,נישטיק, גראָשעדיק..געווען אין 62 אין ישראל. ביי א טרויער־אָוונט איז א פרוי אָנגעפאלן עפנטלאך און געזידלט אפן הויכן מארק -קול אונזער טייערן פריינט...אָט דאָס איז דער לוין... אָבער,מיינע טייערע,ווי האָבן אונזערע חכמים געזאָגט : שכר מצוה מצוה. אין דער טואונג,העלפן אנדערע וואָס נויטיקן זיך אין אונזער הילף -- און אויב מיט דיין ארבייט אינספירירסט דו,העלפסט צו,אז די הערצער פון מאנכע -זאָל ניט פארשמאלציקט ווערן...אָט דאָס איז אונזער פארדינסט...

-- וואָס אונזער טייערער לייבוש האָט„באצאָלט „מיט הארץ און נשמה--- דאָס איז א קאפיטל פאר זיך...לאָמיר,דעריבער,טייערע חברים און פריינט פארוואָרפן די קריגערישע טראדיציע פון שטעטל און רעספעקטירן,געבן

אביסל אנערקענונג די יעניקע וואָס ווילן און טוען גוטע, פיינע ארבייט לטובת דער משפחה זשעלעכאָוו.

****

אויב עמיצער האָט בילדער פון אמאָל, גרופּעס אָדער יחידים, וואָס האָבן א געזעלשאַפטלאַכן ווערט – זייט אזוי גוט און שיקט עס אונז צו. שרייבנדיק וועגן די אגולניקס – די רענעסאַנס-ברענגער אין אונזער שטעטל – פעלן אונז געוויסע פּאָטאָס פון דער קינדער-שול און אנדערע... אויב זיי געפינען זיך ביי עמיצן – זייט אזוי גוט און שיקט זיי צו...! מיר ווילן אויך גרופּן-בילדער פון פארשידענע פּאָליטישע, קולטורעלע אָרגאַניזאַציעס רעליגיעזע און אויך פון ספּאָרט-קלובן...

נאָכן נוצן, וועלן מיר אייך צוריקשיקן די צוגעשיקטע בילדער.
אויב איר שיקט אונז צו א מאנוסקריפּט פארן בולעטין – לאָזט אייך איבער א קאָפּיע. מיר וועלן ניט צוריקשיקן קיין שום מאנוסקריפּט. מיר האָבן ניט קיין טעכנישן סטעף פאר אזא ארבייט... פארגעסט דאָס ניט, טייערע פריינט.

די ארבייטן וואָס ווערן אריינגעשיקט מוזן זיין געשריבן קלאָר און דייטלאך אז מיר זאָלן זיי קאָנען לייענען און פארשטיין. מיר זיינען ווייט צו זיין יינגעלייטלאך – און מיר קאָנען ניט אָנשטרענגען אונזערע אויגן אויסצוגעפינען וואָס דער מחבר וויל זאָגן... איר קאָנט דאָס דיקטירן צו עמיצן וואָס האָט א גוטע האַנטשריפט און פארלייכטערן אונזער ארבייט...

איר קאָנט דאָס שרייבן אפילו אף ענגליש אָדער שפּאניש (נאָר אף א שרייב-מאשין) און מיר וועלן דאָס איבערזעצן, פונקט ווי מיר טוען מיט מאנכע ארבייטן געשריבן פון אונזער יונגווארג: נאָרמאַן גאָלדבערג און לעווינסקי פון ישראל...

****

האָט ניט קיין פאריבל, טייערע פריינט. מיר ריידן ווי צו אייגענע...
דער קומענדער נומער וועט דערשיינען ווי שטענדיק, אין צייט.
וועט זיין געווידמעט דעם בארימטן שרייבער, פּאָעט און דראמאטורג, געזעלשאַפטלאַכער דינאמישער-קולטור-קעמפער – א. לעיעלעס-גלאנץ....
אויך א גאנצע רייע אינטערעסאַנטע ארטיקלען וועגן פארשידענע וויכטיקע ענינים... האָט מיר א גוט און פריילאך יאָר שאָלעק

****

****

אויבן: גענעראל יצחק רבין בײַ א צוזאמענפאָר פון אָרגאניזאציעס פון די לאטײַנישע לענדער ווי אויך פון דער "וויצאָ" אין סאן כאָסע - קאָסטע רײַקע. אונטן : אין מיאמי, אונזערע פרײַנט, א צוזאמענקום לכבוד ד"ר באלין און אײַניקל פון שלמה קיעווסקי.

הערשל, פרח

פון רעכטס צו לינקס : הערשל, פרידע אלטמאן, דר באלין, מײַנסטער, אײַזיק מאניע ראָטערמאן, די בענסאָנס, שרקעלע, פרוי מײַנסטער, הינדעלע...און אסתר....

מילדרעד בראָן – 15 יאָר אלט. אסך נחת און גליק..



איר זאָלט דערלעבן פון אייער שיין און ליב

דאָס איז א טעכטערל פון אונזערע טייערע פריינט אין סאן -כאָסע,
קאָסטע ריקע, ישראליק און פערל בראָן. ישראליק,איז איינער פון
אונזערע אקטיווסטע פריינט דאָרטן,און זיין הויז איז שטענדיק א
צענטראל–פונקט צו פראוון גרעסערע אונטערנעמונגען. און אונזער פערל
גרייט צו טישן אזוי ווי פאר„קעניגן...” טייערע פריינט
מיר וואונטשן אייך אסך נחת און גליק....

דערהאלטן געלט:

		משה בײטעל מיאמי	20 דאל.
סעם אלטמאן	10 דאלאר	דאָבינס לאָס אנזשעל.	10 -
אהרן װינאָגראדס קינדער	10 דאלאר	שאָלעק (בילד)	10 -
„	5 „		
ברוך דרעזנער	5 „	אונזער האַרציקע באגריסונג	

* * *

צום פרײנט סידאָר בעלארסקי צו דער אײנלאדונג פון פרעזידענט פון מדינת ישראל. באמת, א פרײד צו זען אזא פײנע אנערקענונג פאר אײנעם װאָס האָט אזוי פיל בײגעטראָגן צום אויסטײטש פון ײדישן ליד אין די שטאטן –אין דער גאנצער װעלט. אלס אויסדרוק פון דאנקבארקײט פארן בולעטין (װאָס האָט אים געװידמעט אן ארטיקל און בילד) גיב איך 10 דאלאר פארן בולעטין. א פרײנט...

ביז הײנט צו טאָג פעלן נאָך געװיסע יחידים מיט זײערע בײשטײערונגען פארן יאָר 1968. װילן מיר אײך דערמאָנען, אז אָן אײער הילף קאָנען מיר ניט אָנגײן מיט אונזער ארבײט לטובת אונזער משפחה זשעלעכאָװ. זײט אזוי גוט און שיקט אונז גלײך ארײן אײער בײשטײערונג.

די גרופעס אין : ארגענטינע װי אויך אין פראנקרײך „פארשפעטיקן״ זיך שטענדיק. די אורזאך –װײסן זײ אלײן. נו, דאָס מאָל, איז שוין באלד אריבער דאָס גאנצע יאָר 68 און מען זעט ניט און מען הערט ניט... ישראל –װאו מיר האָבן װײניק פארמעגלאכע פרײנט האָבן ארײנגעשיקט זײער בײשטײערונג פון 70 דאלאר. און אין ארגענטינע װאו מיר האָבן אזעלכע דינאמישע קולטור מענטשן װי אברהם ראָכװערגער און אין פאריז אנקערמאן און מעסינגער –און ביז הײנט ניט דערהאלטן אפילו א סענט. שוין ניט רײדנדיק װאָס אחוץ די יערלאכע בײשטײערונג, שיקן זײ ניט ארײן אפילו אײן באגריסונג אָדער בילד צו העלפן אונזער שריפט...

האָבן מיר א רעכט צו פרעגן טאקע פארװאָס ??? אויב איר האָט עפעס אויסצוזעצן קעגן דעם בולעטין –האלט עס ניט בסוד, נאָר לאָזט אונז װיסן... נאָך אמאָל, שיקט צו אײערע געלטער אין צײט, ניט צום סוף יאָר, נאָר װי אלע –אין יאנואר פון יעדן יאָר. א דאנק

מלכהלע

דאס פארלאשענע ליכט

צו דער 5־טער יאָרצייט פון הרב שלום טרייסטמאַן

מיט 5 יאָר צוריק, שביעי של פסח, איז אין תל־אביב נפטר געוואָרן הרב ר׳ שלום טרייסטמאַן, דער יינגערער זון פון דעם באַרימטן לאָדזשער רב, הרב ר׳ אליעזר יהודה טרייסטמאַן.

הרב שלום טרייסטמאַן איז געבוירן אין יאָר 1892 אין זשעליכאָוו, ווו זיין פאָטער איז דעמאָלט געווען רב. מיט יאָרן שפּעטער איז דער פאָטער געוואָרן רב אין ראַדאָם, — דאָרט האָט שלום פאַרברענגט זיינע רייפע יוגנט יאָרן. פון זיין פריעסטער יוגנט האָט ער אַרויסגעוויזן פיל טאַלאַנט אויף פאַרשידענע געביטן. זיין קאַריערע האָט הרב טרייסטמאַן אָנגעהויבן גאָר אַלס יידישער דיכטער. ער האָט אין פאַרשידענע צייטשריפטן פאַרעפנטלעכט געלונגענע לידער, אונטערגעשריבן מיט פאַרשידענע פסעודאָנימס.

ווען דער גאון ר׳ חיים העלער האָט אין יאָר 1921 געגרינדעט אין בערלין זיין סעמינאַר, ווו גרויסע למדנים אין יידישקייט זאָלן באַקומען הויכע אייראָפּעאישע בילדונג, איז הרב שלום טרייסטמאַן געווען פון די ערשטע, וואָס האָבן דאָרט גענומען אָנטייל און ער האָט אין בערלין געמאַכט גרויסע פאַרשריט.

נאָך זיין שטודיום איז הרב טרייסטמאַן געוואָרן אויפגענומען אַלס רב הכולל אין פינלאַנד און געלעבט אין העלסינגפאָרס. ער האָט זיך אָבער זייער שווער צוגעפּאַסט צום דאָרטיקן לעבן און איז צוריקגעקומען קיין פוילן. די לעצטע יאָרן פאַרן אומגליק איז ער געווען רב אין וואַרשע ווו ער איז געווען באַליבט און באַקאַנט אַלס אינטערעסאַנטע רבנישע פערזענלעכקייט מיט אַ סך וויסן און אַלס טאַלאַנטירטער שרייבער און רעדנער. ער האָט דעמאָלט אָנגעשריבן זיין אינטערעסאַנט בוך „האמאַלעטישע עסייען". דער כתב־יד איז אָבער לײדער נישט אַרויסגעראַטעוועט געוואָרן פון וואַרשע.

פאַר דער באַלאַגערונג פון וואַרשע איז דעם רב געלונגען זיך אַרויסצוראַטעווען מיט זיינע צוויי זין און דורך פּינסק אַריבער קיין רוסלאַנד, ווו ער האָט פאַרברענגט זייער שווערע יאָרן.



אין יאָר 1946 איז הרב טרייסטמאַן צוריקגעקומען קיין פוילן, ווו ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט, ביז ער איז עולה געווען אין מדינת ישראל.

די לעצטע 12 יאָר האָט הרב שלום טרייסטמאַן געוווינט אין תל־אביב, ווי ער האָט זיך דערוואָרבן פיל פאַרערער און געטרייע אָנהענגער. זיי האָבן געוווּסט צו אָנערקענען און צו שעצן זיין רבנישע פערזענלעכקייט מיט אַזוי פיל חכמה און וויסן. זיינע פּערמאַנענטע און זייער גייסטרייכע דרשות, אַזוי אויך די וועכנטלעכע מאמרים וועגן דער פרשת השבוע, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין די „לעצטע נייעס" אין תל־אביב, האָבן אים דערוואָרבן פיל באַגייסטערטע אָנהענגער.

דער געזונט־צושטאַנד פון הרב טרייסטמאַן האָט זיך כסדר פאַרערגערט און נאָך שווערע און לאַנגע ליידן האָט זיך אויסגעלאָשן דאָס אַזוי אינטערעסאַנטע און גייסטרייכע לעבן.

הרב שלום טרייסטמאַן ז״ל איז געווען אַן אייגנאַרטיקער מענטש און אַ פאַרשידנאַרטיקער. אָריגינעל אין אַלע זיינע אַספּעקטן. זיין קאָלירפולע פערזענלעכקייט האָט שימערירט מיט אַלערליי פאַרבן פון רעגנבויגן. אָפט האָבן זיך געקענט אויסווייזן ביי אים קאָנטראַסטן, קעגנזעצלעכע עלעמענטן. ער האָט פאַרמאָגט פירערשאַפט און גלייכצייטיק מילדקייט פון אַן עניו, גוטסקייט און באַשיידנקייט.

פאַקטיש האָבן זיי זיך צונויפגעגאָסן אין אַ האַרמאָניע פון אַ גרויסער פערזענלעכקייט. ער איז געווען אַ גאון אין תורה און אין חסד.

כבוד זיין אָנדענק.

* * *

זשעלעכאָווער לאַנדסמאַנשאַפט
צו די שלושים פון א. וואָלף יאַסני

אונדזער בן עיר, א. וואָלף יאַסני איז געווען פון די ערשטע, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען די גרויסע באַדייטונג פון די יזכור־ביכער פאַר דער יידישער געשיכטע, וואָס וועט זיך פאַרנעמען מיט דער פאָרשונג פון דער תקופה פון דער היטלעריסטישער יידן־פאַרניכטונג.

א. וואָלף יאַסני האָט נאָך פון פוילן איבערגעשיקט מאַטעריאַלן צום זשעלעכאָווער יזכור־בוך און ווען ער איז געקומען אין לאַנד אַריין, האָט ער זיך מיטן גאַנצן ברען און אייפער גענומען צום רעדאַגירן דאָס דאָזיקע בוך.

יאַסני איז אויך געווען אַ גלענצנדער ליטעראַטור־קריטיקער. אויף די שפּאַלטן פון די „לעצטע נייעס" האָט ער פאַרעפנטלעכט הונדערטער קריטיק־אַרטיקלען וועגן דערשינענע ביכער. אַדאַנק אים איז די „לעצטע נייעס" די איינציקע צייטונג אין לאַנד, וואָס האָט אַ סטאַבילע רובריק, וואָס איז געווידמעט דעם חורבן פון די פאַרשניטענע קהילות.

וואָלף יאַסני איז געווען אַן אָפטער גאַסט ביי די זשעלעכאָווער לאַנדסלייט און אין אַלע זיינע אויפטריטן האָט ער אַרויסגעוויזן גרויסע ליבע צום לאַנד און זיך געפרייט מיט זיינע דערגרייכונגען.

אריה לעדערמאַן

* * *

* * *

טרויער אין אונזער משפחה יתגדל ויתקדש



די זשעלעכאָווער לאַנדסליט אין ישראל
זענען אין טיפן טרויער צוליבן טויט פון אונדזער חשובן בן־עיר
אברהם וואלף יאסני-ציפערמאן ז״ל
און דריקן אויס אונדזער טיפסטן מיטגעפיל
דער פרוי, זון און טאָכטער

ועד עולי זשעלעכאָוו
אין ישראל

לאליהו יאסני
אתך באבלך הכבד

חיילי ומפקדי הפלוגה

אונזער טיפסטן מיטגעפיל דער משפחה יאסני, פרוי און קינדער צו זייער אומפארגעסלאכן אומגליק. איר דאָלט מער ניט וויסן פון קיין צער. זשעלעכאָווער גרופע בראזיל ש. טשעטשינארזש סעק.

סאיז לעצטנס געשטאָרבן אונזער לאנדסמאן מאָטעל גערעכט אין עלטער פון 72 יאָר. ער לאָזט איבער אן אלמנה, פריידע, צוויי טעכטער, איין זון און זעקס אייניקלאך. צו דער גאנצער משפחה ווילן מיר אויסדריקן אונזער טיפן מיטגעפיל איר זאָלט קיינמאָל ניט וויסן פון קיין אומגליק אין אייער פאמיליע. די פרוי באשטייערט זיך מיט 10 דאלאר צו פארייביקן איר מאנס נאָמען...

סעקרעטאר ש.טשעטשינארזש בראזיל

די זשעלעכאָווער גרופע אין בראזיל.

****

מיר דריקן אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל אונזער פרײנט און בן עיר ראפאעל לעדערמאן און קינדער צו דעם טויט פון זײן טײערע פרוי,מאמע פון זײנע קינדער ־רחלע ־געשטאָרבן אין פאריז,אונזער פרײנט,דער גאנצער משפחה ־אונזער מיטגעפיל פון צער. איר זאָלט שוין מער נים וויסן פון קײן אומגליק .

שאיע און ליפטשע טשעטשינארזש בראזיל

****

סאיז נאָן נים קײן גאנץ יאָר ווי די זעלבע פאמיליע לעדערמאן האָבן אונז באזוכט דאָ אין ניו יאָרק.מיר האָבן מים זײ זײער גוט פארבראכט,געווען א טײערע אײדעלע פרוי...זײט געטרײסט טײערע און ווײסט נים מער פון קײן צער און אומגליק אין אײער משפחה.

זשעלעכאָווער גרופע ניו יאָרק מלכהלע סעקרעטארן...

****

[redacted]

אין פאריז איז געשטאָרבן די ליבע פרוי פון אונזער טײערן בן עיר אבראמאָוויטש ־ א זון פון אהרן פסאָנקערס. ווילן מיר אין נאָמען פון אלע לאנדסלײט איבער דער וועלט איסדריקן אונזער טיפסטן ווײטיק מיט דעם מאן און קינדער ־משפחה. איר זאָלט מעד נים וויסן פון קײן צער אין אײער משפחה... זשעלב. בולעטין

____

אונזער טיפסטן מיטגעפיל צו דער משפחה אבראמאָוויטש צו אײער גרויסן אומגליק.איר זאָלט מער ניט וויסן פון קײן צער אין אײער משפחה .

____

זשעלעכאָווער גרופע סאן פּאָסע קאָסטע ריקע צירעלע
רידעלמאן ־־סעקרעטארן

אונזער טיפסטן מיטגעפיל טײערער פרײנט צו דײן,אײער גרויסן צער און ווײטיק. איר זאָלט קײנמאָל מער נים וויסן פון קײן צער.

שמעון,אסתר פײנגעזיכט סאן כּאָסע קאָסטע ריקע.

____

____

____

דערהאלטן געלט פארן יאָר 1968:

פון ישראל ,געשיקט פון אריה לעדערמאן 50 דאלאר

קאָסטע ריקע: ישראל בראָן 10 דאסאר

דוד ווייסלעדער 10 ״ שמעון פיינגעזיכט 5 דאלאר

בן ציון טישלער 10 ״ בערל באָראָכאָוויטש 5 ״

שלום לעווינסקי 10 ״ שרהל לוקאָוויעצקי 5 ״

משה פיינגעזיכט 10 ״ יאנקל פארבער 5 ״

אהרן רידעלמאן 10 ״ יאָסל ראָכווערגער 5 ״

דוד פיינזילבער 10״ אהרן ברוטאָן 5 ״

חיים ווײנבערג 5 ״

שמואל ד.דרומלעוויטש 5 ״

צוזאמען:---------

מרדכי אײזענבערג 5 ״

120 דאלאר . ווי שטענדיק

אברהם ווייסלעדער 5 ״

ווערט די געלט אײנגעמאָנט

פון אונזער אומדערמידלאכער צירעלע.

א שײנעם און הארציקן דאנק.

* * *

א גראטולאציע פון בערל און גיטעל העפנער 5 דאלאר

פארן בולעטין ״ 10 ״

אהרן שידלאָוויטש שיקאגאָ פארן יאָר 1968 10 ״

חיים מײנסטער סאנטדאָמינגאָ ״ 10 ״

פאר באגריסונגען 5 ״

פון מיאמי וואָלטער און הינדעלע דײמאָנד 10

״ בענסאָנס (ווײנבערגס טאָכטער, 10 ד.

פון בראזיל פון ש.טשעטשינארזש דר זבאָרסקי 20

(שוין געוואָרן קווימירט)

פון פרײדע גערעכט אין איר מאנס נאָמען 10 ד

בוטשע שעקעוויטש 5 ״

א טעות.. די 20 דאלאר פון ניו יאָרק,געווען געמאָלדן ניט דער ריכטיקער נאָמען. די 20 דאלאר זײנען פון חײקע רובינשטיין,די פרוי פון שמואל זאנוול רובינשטיין ע״ה און וואוינט אין ניו יאָרק,ניט לאָס אנזשעלעס ווי געווען געמאָלדן.

אונזער חשובן לאנדסמאַן שמואל און רחל גליקמאַן –צום געבורט פון אײער אײניקל װאונטשן מיר אײַך אסך נחת און גליק.

ועד עולי זליחוב ישראל

אונזערע הארציקע ברכות אײַך טײערע פרײנט גליקמאַן צום געבורט פון אײער אײניקל.

חוה און אריה לעדערמאַן רמת גן

שמעון און סאָניע שטערנזעער אין ניו יאָרק –אונזערע הארציקע ברכות צו דער חתונה פון אײער חנהלע מיט משה אויספרעסער. אסך גליק.

חוה אריה לעדערמאַן
רמן גן

אונזערע טײערע פרײנט גליקמאַנס –מיר זײנען מיט אײַך אין אײער שמחה– אײער אײניקל. אסך יאָרן פון נחת און גליק. איר זאָלט זעען אים גליק– לאַך אין א װעלט פון שלום.

רעדאקציע

(אונזערע חשובער און ליבער פרײנט גליקמאַן, איז דער סעקרעטאַר פון דער לײ–קאסע אין חיפה)

אונזערע טײערע פרײנט אברהם און מנוחה יגליצקי – צו דער שמחה פון אײער זונדעלע קאָנען מיר, צום באַדויערן ניט קומען–אָבער, מיר זײנען און װעלן זײַן מיט אײַך אין אײער פרײד. דערלעבט פון אים אסך, אסך יאָרן פון נחת און אמתן גליק.

שאָלעק און אסתר פאנאמא

אונזערע טײערע און ליבע פרײנט מרדכי און יהודית זײנען איצט געקומען צוריק פון זײער יערלאכן "שפאציר" א באזוך אין עטלאכע לענדער. האָפן מיר, אז זײ װעלן אונז דערצײלן װי אזוי עס איז זײ דערגאנגען דאָס רײזעלע און אונז רײצן דעם חשק צו טאָן דאָס זעלבע...

סײ װי –װי זאָגט מען : סקאָצל קומט !!!

אונזערע טײערע חנה מלכה האָט געהאט אביסל שרעק און – אונז אויך איבערגעשראָקן.. איצט פילט זי שוין בעסער. װאונטשן מיר איר א שנעלן געזונט–װערן און מער אונז ניט איבערשרעקן. זײט געזונט !

א טאָג אין בירקענבויער אויסראָטונגס־לאגער

אויגוסט, זומער. די נאכט איז קורץ, בפרט אין בירקענבוי. די ריזיקע לאָמפן באלייכטן די בלאָקן. לעבעדיקע מתים ארייַנגעשטופט צו זיבן און אכט אף א פלאץ פאר איינעם. געוועזענע מענטשן אינגאנצן צוזאמענגעקנוילט אָן שום סימן פון אמאָליקע מענטשן... דער צלם אלוהים אינגאנצן אָפּגעמעקט. א מאסע וואָס קאָן ניט טראכטן, האָפן... אויפגעפרעסן פון די לייז, שמוץ און ברודיקייט... אָט די מאסע, נעכטיקע מענטשן, מיט ליבע האָפענונג, ווען עס האָט געבליט א פולבלוטיק לעבן... געזאנג צו פרוי, געליבטע, קינדער, משפחה, פריינט ־־ אלץ, אלץ אויסגעמעקט, א שאָטן בלויז פארבליבן... ניט מער...

******

אינדרויסן, ריזן־פראָזשעקטאָרס וואַרפן אומעטום זייער ליכט. און די וואכזאמע חיהשע אויגן פון די נאצישע מערדערס אומעטום... זיי, די ליבהאָבער פון מוזיק הערן זיך צו צו די וויי־געשרייען, גסיסה אָטעמען פון טויזנטער קרבנות... יעדער עס עס ־ א מערדער. דאָס גאנצע פאָלק פון בעטהאָוון, באך, בראמס, ניטשע און שאָפּענהויער.. א פאָלק פון לויטער מערדער... פאר 4 פארטאָג. די נאכט הויבט אָן פארשווינדן. עס פארגייט

——————

דער לעצטער שטערן. דער הימל גרוי ווי א ניט געוואשן פנים. און מיטאמאָל, צעקלינגט זיך דער ריזן־גלאָק. זאָגט אָן א נייעם טאָג פון פיין און אגאָניע. וואו איז דער פּאָעט פון גהינום־שילדערונגן, דאנטע, ער וואָס האָט אונז ארייַנגעפירט אין אלע ווינקעלאך פון גהינום ליידן און פיין ־־ אפשר, ער, אונגאר ער, וואָלט געקאָנט געבן געבן דער וועלט א בילד פון דעם מענטשן־מאָרד לאגער ־בירקענבוי ??? עס קריכן ארויס האלב־טויטע צום געקלאנג פון די גלאָקן, זאָגן אָן א מאָרד טאָג ווי יעדן טאָג...

——————

די היטער, מערדער טרעני רטע, צוגעגרייט אָן שום סימן פון מענטשן־מיט שטאבעס, נאגייקעס אין די הענט טרייבן די שאָטנס צו נייע פּייניקונגען.. ניט איינער פארלירט זיין לעבן נאָך איידער מען ציילט אָפּ די קרבנות... ווערט באלד צוגעשלעפּט צו דער קופּע טויטע.. אזיך די טויטע, לויטן געזעץ פון די מערדער־מוזן געציילט ווערן כדי עס זאָל שטימען....

ביי די ווענט ליגן די טויטע, שוין ־באפרייט־ אין פארשידענע פּאָזעס א שרעק א קוק צו טאָן. אָט דאָס זיינען אמאָל געווען מענטשן...

די קליידער צעריסן. מאנכע מיט דער שאנד אין דרויסן. אָט דאָס איז א מוסטער פון דער דייטשער קולטור אין 20טן יאָרהונדערט...און דאָס האָט א וועלט מיט פעלקער דערלאָזט און געשוויגן ווען דער שלאנג האָט נאָך געקאָנט צעשניטן ווערן מיט זיין גיפט... א געלויף פון די גרופעס צו פארשידענע קאָמאנדעס. דער טאָג פון שקלאפעריי הויבט זיך אָן... די ערד אויסגעווייקט מיט אונזער יידיש בלוט, נאָך ניט פארטריקנט... צעשפאָלטענע קעפ און אויערן, אויגן ארויסגעשלאָגן, צעפייניקטע קערפער און אזוי גייט די מאסע טאָג איין טאָג אוס צו דער שחיטה..יעדער גרופע פירט מיט א וועגעלע פאר די קרבנות פון טאָג...

דעם דאָזיקן טאָג בין איך אריינגעפאלן אין קאָמאנדע נומער פון בויארבייטער. דאָס ארבייטס פעלד ווי א מאָראָווישקע.געדיכטע מאסע. אזוי האָבן אמאָל געמוזט אויסזען אונזערע זיידעס אין מצרים ביי זייער שקלאפעריי. איינער טראָגט שטיינער, ציגל, ליים, און די קערפערס צעשניטן פון די שווערע שמיץ פון זייערע פייניקער...

איך פיר א שווערן וואָגן שטיינער דורך א שמאָלן ברעט-דורכגאנג. פון דער ווייטנס זע איך אפן שלאכט פעלד מיינעם א נאָנטן פריינט-ראפאעל בערנארדאָ ווערט געשלאָגן מיט נאגייקעס, שוין א האלב טויטער גראָבט א גרוב, שוין פול מיט וואסער, ער איינמיטן, א קוים אָטעמדיקער,...די מערדער נעמען אים ארויס, וואַרפן אים ווידער אריין, ער שווימט ווי א פיש מיט זיינע לעצטע כוחות...און זיי די מערדער פארוויילן זיך מיט דעם בלוטיקן שפיל--ווי א מענטשלאך לעבן ווערט פארפייניקט לאנגזאם...

אין די באראקן פון בירקענבוי זיינען אומגעקומען דריי מיליאָן פון אונזערע ברידער. שוין 25 יאָר פון יענעם טאָג, און דאָך קאָן איך ניט פארגעסן און ווי א קאָשמאר פייניקט עס מיך...און נאָך היינט גייען ארום די נעכטיקע און מאָרגנדיקע מערדער פראנק און פריי...

שווער צו באגרייפן די דאָזיקע שאנד און פארברעכנס זאָלן ווייטער אָנגיין...

זאָלן מיינע עטלאכע מאָגערע ווערטער זיין א קדיש נאָך די זעקס מיליאָנען וואָס זיינען אומגעקומען און נאָך מיין פריינט ראפאעל בערנארדאָ...

לייבל אנקערמאן נומער פון לאגער 49474 פאריז אויגוסט 68.

טרויער אין אונזער משפחה.

געשטאָרבן טולה אבראמאָוויטש אין פאריז.

געציילטע ווערטער לאָזן אונז וויסן וועגן טויט פון אונזערע טייערע טולה. שווער איינצוריימען איר נאָמען אין א שווארץ רעמל. געקומען צו דער 10 יעריקער פייערונג פון מדינת ישראל. אויך געווען די חתונה פון אונזער עלטסטן זון. דאן געהאט זייער ווייניק צייט זיך צו באקענען מיט איר וואונדערבארער פערזיינלאכקייט. שפעטער, זיך באקענט נענטער און דערזען א באמת לויטערער פערזיינלאכקייט וואָס האָט ארויסגערופן א יראת־הכבוד צו אָט דער פיינער פרוי. א צווייטער וויזיט מיט עטלאכע יאָר שפעטער...

און ערשט דאן, זייענדיק מיט איר אָפט צוזאמען, האָב איך איצט באמת געקאָנט אָפשאצן איר פיינעם איידעלן כאראקטער און הערן אירע אָריגינעלע מיינונגען, אָפשאצונגען וועגן פארשידענע קולטורעלע און פּאָליטישע פראָבלעבן ביי אונז אין לאנד און פון דער וועלט. פאר יעדער פראָבלעם האָט זי געהאט א טרעפלאכן ענטפער. און אלץ, אף אן אינטערסאנטן קורצן אופן.

א שטיקל צייט שפעטער, זיינען מיר, איך און נעמי געסט פון די אבראמאָוויטשעס אין פאריז ביי זיי אין הויז. דאָס מאָל אנטפלעקט זיך פאר אונז טולה אלס געשעפטס פירערן, געסט אויפנעמערן און אמתע יידישע פרוי מיט אלע בטעמטע איגנשאפטן.. ------------

עס דערגייען צו אונז ידיעות (זי האָט ניט ליב געהאט צו ריידן וועגן אירע טעטיקייטן..) פון איר געזעלשאפטלאכן לעבן. גענומען אן אקטיוון אנטייל אין שאפן געלט פאר מדינת ישראל נאָך יענע גורלדיקע טעג.. און אזעלכע פראָמינענטע פערזיינלאכקייט ווי בעבא איידעלסאָן און אנדערע, האָבן זי געלויבט פאר אירע אקטיוויטעטן לטובת מדינת ישראל..

עס איז טיף, הארצרייסנד איר אוועקגיין פון אונז. זאָל די משפחה אירע, מאן, קינדער און אלע אירע נאָנטע, קיינמאָל ניט וויסן פון קיין צער..

יהודה, נעמי בן שלום   חיפה ישראל.

---

* * *

טרויער און פרייד אין אונזער משפחה...

* * *

מיר דריקן אויס אונזער טיפן מיטגעפיל צו דער משפחה וואטניק צום טויט פון זייער פאָטער אברהם וואטניק אין באראנקילא. צו דער גאנצער משפחה דריקן מיר אויס אונזער טיפסטן מיטגעפיל, איר זאָלט מער ניט וויסן פון קיין צער און אומגליק...

רעדאקציע פון בולעטין און די זשעלעכאָווער גרופע אין באראנקילא
סעקרעטארן קאראָלא לוקאָוויעצקי

* * *

אין ניו יאָרק, נאָך א לענגערע קראנקייט, געשטאָרבן פרוי באלטשע זייגען. צום מאן און צו דער גאנצער משפחה אירע — אונזער טיפסטן מיטגעפיל.

ניו יאָרקערגרופע מלבהלע סעקרעטארן...

* * *

אונזער טיפן מיטגעפיל טייערער פריינט זייגען צו אייער אומפארגעסלאכן און פיינלאכן טרויער.. זייט געשטארקט.

שאָלעק און אסתר פאנאמא.

אין ,יזכור-בוך פון פארשניטענעם זשעלעכאָוו, דערציילט דבורה פאָפאָווסקי זייט 282 פון אירע איבערלעבונגען אין צייט פון מערדערישן נאציזם.. עס איז א קאפיטל פיין, ליידן און א ווילן צו וועלן לעבן, טראָץ אלע שוועריקייטן און כסדריקער מאָרד פון אונזערע ברידער און שוועסטער...

נו ,שרייבט אונז פריינט יהודה בן שלום: ********

מיר ווילן גראטולירן אונזערע טייערע פריינדן דבורה פאָפאָווסקי צו איר חתונה מיט שמואל שמאי און וואונטשן איר, זיי ביידע, א גליקלאך און צופרידן צוזאמענלעבן...דבורה האָט איר חלק אויך געהאט אין אויסטראליע א צולאָג צו די יאָרן פון פיין אין דער צייט פון דער מלחמה.. ער, שמאי איז א טיפ, ווי איר רופט דאָס אין אמעריקע „סעלף מעיד מען" אליין ארויפגעדראפעט, מיט אייגענע פעאיקייטן, צו די העכסטע שטופן פון רעגירונגס שטעלעס.. איז געווען אין שליחות פון מדינת ישראל, אין אויסלאנד.. בכלל, א מענטש מיט וועלכע מיר מעגן שטאָלצירן...אויך ער האָט זיין חלק דורכגעמאכט...לאָמיר זיי ביידע וואונטשן א גליקלאך לעבן צוזאמען, און ביין זיכער, אז די אלע וואָס קענען זיי — זיינען מיט מיר, מיט אין זייער שמחה... נעמט צו אונזערע הארציקע ברכות...

* * *

* * *

סידאָר בעלארסקי און פרעזידענט זלמן שזר.

דערקלערט אונזער סידאָרטשיק (בעלארסקי) :

עס איז די גרעסטע דערגרייכונג אין מיין לעבן.די איינלאדונג פון פרעזידענט פון מדינת ישראל אין זיין הויז אין ירושלים,איז פונקט ווי אָנטאָן א קרוין אף מיין קאָפּ. איך וועל דארפן איצט אָפּהיטן דעם כבוד און פרעסטיזש פון מיין דערגרייכטער קאריערע. בלויז מדינת-ישראל און דאָס יידישע פאָלק קאָן האָבן אזא פרעזידענט...

(א ספעציעלן באריכט אין קומענדן בולעטין נומער 16)

* * *

טיילווייזער אינהאלט פון קומענדן נומער 16

דער קרייז ווערט געשלאָסן א סוצקעווער ,רעדאקטאָר -„גאָלדענע קייט″
איינגעַעלטערטע יינגשאפט יעקב גלאַטשטיין
לעיעלעס דיכטער פון וואָרט און טאט שואל גוטמאַן
נסיעה קיין סדום א. לעיעלעס (גלאַנץ)
לעיעלעס געזעגן־וואָרט
דער אנטייל פון יידן אין פוילישן אויפשטנד פון 1831
(אונזער חשובער מיטארבייטער, דר העשיל קלעפפיש האָט מיט יאָרן
צוריק אָנגעשריבן א בוך אין יידיש וועגן דאָזיקן אויפשטאנד)
ווען זעקס מיליאָן זיינען אומגעקומען - שאָלעק
דריטער און לעצטער ארטיקל)
יחיאל לערער,משורר פון דער לעצטער עלעגיע איבערן יידישן שטעטל.
קאנאדא - גרשון פאָמעראַנץ
דער יידישער געדאנק אין דער מאָדערנער צייט---ארייַנפיר צו א
נייע סעריע. ווי אזוי האָט זיך אויסגעפאָרמירט דער יידישער געדאנק
אָנהויבנדיק סוף 19טן יאָרהונדערט און אָנהויב אונזער 20טן י ה..

* * *

און נאָך א רייע אינטערסאנטע ארטיקלן און בילדער....

* * *

מיר הויבן אָן א סעריע : בילדער פון אונזער שטעטל,
באשרייבונגען,פאָרזעצונגען -פון יענע טיילווייזע ארטיקלן
וואָס ווערן באשריבן אין אונזער יזכור -בוך..

* * *

מיר דערוואַרטן,אז אונזערע פריינט וועלן זיך א נעם טאָן
צו דער ארבייט..מיר זיינען דאָך די לעצטע עדות פון
יענער שעפערישער צייט..לאָמיר דאָס פארצייכענען...

* * *

IMPRESO EN PANAMA POR I. BARCENAS

אביסל אינפאָרמאציע וועגן דער משפחה זשעלעכאָוו

נאָך אין יאָר 1944 באלד נאָכן חורבן, האָט אונזער ליבער לייבוש (אליין פארלוירן זיין משפחה, פרוי און קינדער) ארויסגעלאָזט א ווייטיקלאכן-רוף צו אלע זשעלעכאָווער איבער דער וועלט, צו העלפן שאפן א פאָנד כדי ארויסצוראטעווען די לעבנגעבליבענע לאנדסלייט פון אונזער שטעטל...

עס האָבן זיך אָפגערופן, כמעט אלע, צעשפרייט איבער פארשידענע לענדער, און געשאפן א סומע געלט וואָס האָט געהאָלפן אריבערברענגען עטלאכע צענדליק משפחות קיין קאָסטע ריקע, אויסטראליע און אין אנדערע מקומות.

****

דער "זשעלעכאָווער בולעטין" איז געגרינדעט געוואָרן פון אונזערע לייבוש כדי צו קאָנען ריידן צו אלע פריינט אומעטום. ביסלעכווייז, איז דער בולעטין געוואָרן די טריבונע וואו אלע זשעלעכאָווער ריידן זיך דורך, דערציילן זייערע געשייענישן, פריילאכע און טרויעריקע פאר אלע זייערע פריינט...

וואו געפונען זיך די זשעלעכאָווער – ?

גרעסערע גרופעס זיינען פאראן אין: ישראל, ניו יאָרק, פראנקריין, פוילן, ארגענטינע, בראזיל, קאָלאָמביע, קאָסטע ריקע, פאנאמא, ארובא, קוראסאָ, מיאמי, שיקאגאָ, לאָס אנזשעלעס, קאנאדע, ווענעזועלע, אויסטראליע א א...

****

אונטער דער פירערשאפט פון לייבושן איז געשאפן געוואָרן א ליי-קאסע אין ישראל (חיפה און תל אביב) מיט א סומע, ביים היינטיקן טאָג, פון העכער 20 טויזנט דאלאר. אונזער א לאנדסמאן, קאָן קריגן צו באָרגן א סומע געלט פון עטלאכע הונדערט פונט אָן א גראָשן פראָצענט...

מיר האָבן אויך געשאפן א "סקאלערשיפ" פאָנד צו העלפן די קינדער פון אונזערע פריינט, צו שטודירן אין די העכערע אינסטיטוציעס. אונזער פארשטאָרבענער פריינט יאָסל זיגליצקי האָט איבערגעלאָזט 5,000 דאלאר פאר דעם צוועק. זאָל זיין נאָמען זיין פארייביקט מיט דעם דאָזיקן שיינעם טאט.

*****

די זשעלעכאָווער האָבן אויך ארויסגעגעבן א "יזכור-בוך" צו פארביקן אונזער טייערסטע און נאָענטסטע אין אונזער לעבן.

דער בולעטין רעדאקטירט און געגרינדעט פון אונזער לייבוש, דערשיינט איצט, זינט 1964, אין פאנאמא. יאנואר, מאי און סעפטעמבער.

****

M. FRUCHTENBERG
2823 WEST 12th STREET
CONEY ISLAND   BROOKLYN N Y

IMPRESO EN PANAMA POR I. BARCENAS